STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01321

DER GREYDITSER

Yehudah Yudl Rozenberg

*Permanent preservation of this book was made possible
by The F. Weiler Charity Fund
in memory of
Jack D. Weiler*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

1 טעם העפט דער 1 טעם העפט

גרייִדיצער

דאָס ספר איז אַ בעשרייבונג פון די גרויסע וואונדערליכע מופתים, וואָס האָט בעוויזען דער גרויסער גאון און הייליגער צדיק דער גרייִדיצער רב

רבי אליהו גוטמאכער זצ"ל

פון פרייסען

איבערגיזעצט געוואָרען אויף זשארגאָן פון דעם בעריהמטען ספר

הדרת אליהו

וועלכעס האָט ערשט מחבר געווען דער טארלער רבי הגאון המפורסם יכו' מוה"ר יודל ראזענבערג שליט"א פון לאדז מחבר הספרים ידות נדרים. שערי זהר ; תורה . אליהו הנביא. רפאל המלאך. דרשה צמר ופשתים . תפארת מהרא"ל. וואָס זיין יחוס שטאַמט אַרויס פון רבנו יהודה החסיד זצוקלה"ה .

בהוצאת בית מסחר הספרים של ר' יצחק שלאמאוויץ
לאדז נאוואמיעסקא נומר 16
אשר קנה הזכות לצמיתות מאת המחבר הרה"ג ר' יודל ראזענבערג הנ"ל.

פיעטרקוב

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA, NOWOLIPKI 6.

דאס איז דער וואונדערליכער מופת, דורך וועלכען דער גריידיצער צדיק איז מפורסם געווארען אין פוילען.

בערך פונף און זיבענציג יאהר צוריק האט געוואהנט אין סאסנאוועצע נעבען די פרייסעשע גרעניץ א יוד מיט'ן נאמען ר' בעריל קופער. זיין ווייב האט געהייסען יענטלין. מפרנס געווען האבען זיי זיך פון א געוועלבעל. האט זיך דארט געמאכט א שרפה און זיי זענען ארויס נאקעט, זייער גאנץ פערמעגען איז אוועק מיט'ן רויך. קיין סעקראציע האט אויך דער יוד נישט געהאט אבצו־נעמען. דעדורך איז די פאמעליע געבליבען זעהר אין א קריטישע לאגע. די יענטלין ר' בערילס ווייב האט זיך גערעכענט משפחה מיט'ן גריידיצער צדיק. איז זי אריבער געפארען קיין גריידיץ זיך שואל עצה זיין, וואס זיי זאלען טוהן. האט דער גריידיצער צדיק געהייסען, זיי זאלען זיך ברענגען צו צוהן קיין גריידיץ. מען האט זיי דארט געשאפט עפעס געלד, זיי האבען זיך געדינגען א געוועלבעל און האבען זיך מפרנס געווען דערפון בדוחק. קיין גרויסער גע־ברויכער איז שוין דאמאלס ר' בעריל נישט געווען, די קינדער האט ער שוין געהאט אויסגעגעבען, נאר וואס איין טאכטער האט ער נאך געהאט ביי זיך פון א יאהר פונפצען. עס איז אזוי אריבער עטליכע יאהר. דער אלטער ר' בעריל איז קראנק געווארען און איז אבגעשטארבען. איז געבליבען די ארימע אלמנה מיט די טאכטער ארים און עלענד. דאס מעהדעל האט געהייסען סירקאלע. די אלמנה מיט די טאכטער האבען דאס געוועלבעל נישט געקאנט פיהרען. האט די אלמנה זיך געבעהטען ביי די גריידיצער רביצען, זי זאל איהר סערקאלע צונעמען אלס משרת. די רביצען האט זיך מרחם געווען איבער די יתומה און האט זי צו זיך אריינגענומען אלס משרת, און זי האט אויף איהר גרוים השגחה געהאט אזוי ווי אויף איהר'ס אנ'אייגען קינד. די ארימע אלמנה יענטלין האט זיך מפרנס געווען וואס זי האט אריינגעטראגען מילך אויף די רייכע שטעלען. זי האט גאנץ שווער געארבייט אויף איהר עלטער, אבער זי איז געווען זעהר צופרידען וואס האט זיך אליין פערדיענט דאס שטיקעל ברויט. די אלטע האט נעבעך אזוי שווער געארבייט צוויי יאהר, ביז זי איז אויך קראנק געווארען און איז געשטארבען.

די ארימע יתומה סירקאלע איז שוין דאמאלס אלט געווען א יאהר, צוואנציג, זי האט נישט געהאט אין גריידיץ ווער עס זאל פאר איהר זארגען, אויסער די געטרייע און גוטע רביצען, וועלכע האט געפלעגט די יתומה אלע מאהל מיט גוטע רייד טרייסטען, און זי האט איהר אלע מאהל מבטיח געווען, אז זי וועט פאר איהר זארגען ווי א מאמע פאר א קינד. דעסט גלייבען די סערקאלע איז געווען זעהר שטארק אנגעקניפט צו דעם הויז, און זי איז געווען שטארק געטריי, גלייך זי וואלט געווען באמת אנ'אייגען קינד די רביצענס.

די

די רביצען האָט אָנגעהויבען צו טראַכטען, וואָס וועט זיין דער תכלית פֿון די עלענדע יתומה, ווי לאַנג איז דער שיעור זי זאָל זיין אַ משרת, מען מוז דאָך זעהן זי חתונה צו מאַכען. האָט זי געזאָגט שדכנים מען זאָל שאַפֿען אַ גוטען שידוך פֿאַר די יתומה, און זי האָט געזאָגט אַז זי וועט געבען נדן מיט אויסקליידונג. די שדכנים האָבען טאַקי באַלד אָנגעזיכט אַ פּאַסענדען שידוך פֿאַר די יתומה. דער חתן זאָל זיין דעם אַלטען מאירטשע שניידערס זוהן, וועלכער האָט זיך גערופֿען מיט'ן נאָמען איזאַק. דער איזאַק איז אָבער דאַן אין גריידיץ נישט געווען, נאָר ער האָט געאַרבייט קיעזנערײַ און די גרויסע שטאָדט פּאָזען, ער איז געווען אַ שעהנער בחור פֿון עטליכע צוואַנציג יאָהר און האָט שוין גענומען שעהן געהאַלט, אַזוי אַז ער איז שוין געווען בכח מפרנס צו זיין אַ ווײַב. די שדכנים האָבען פֿאָרגעלעגט דער מאירטשע שניידער ער זאָל זיך משדך זיין מיט'ן רב, און נעמען די יתומה סירקאַלע פֿאַר אַ כלה צו זיין זוהן איזאַק. ווי דער שטייגער איז האָבען די שדכנים דעם שידוך שטאַרק אָנגערימט פֿאַר דעם מאירטשע שניידער. עפּעס אַ קלייניגקייט! די כלה רופֿט דעם רב פֿעטער, און די רבעצין מימע. זי איז ביי זיי נישט אַלס משרת, נאָר אַזוי ווי זייערס אַ אייגען קינד, און די מאירטשא וועסט דורך דעם האָבען די זכיה צו שרײַען אויף אונזער רב מחותן, און אויף די רביצען מחותנתטע.

מאירטשא איז רויט געוואָרען פֿאַר פֿרייד, ער האָט די אויגען אַראָב־געלאָזט פֿאַר בושה און האָט זיך געשעהמט צו קוקען די שדכנים אין זייער פּנים אַריין. ער האָט זייערע רייד גאָר נישט געקאָנט פֿערשטעהן און האָט עס געהאַלטען פֿאַר אַ גרויסע העזה, טראַכטענדיג, ווי הייסט דאָס עפּעס, און וואָס פֿאַר אַ העזה וואָלט דאָס געווען פֿון מיר, איך מאירטשע שניידער זאָל צו געהן צו דעם הייליגען צדיק און זאָגען איהם גוט שבת מחותן, און צו די רביצין זאָל ער זאָגען גוט שבת מחותנתטע. דער מאירטשא איז אַזוי געבליבען זיצען פֿאַרשעהמט, אַראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ, און האָט די שדכנים גאָר נישט געענטפֿערט ער האָט גערעכענט נישט אַנדערש נאָר אַז די שדכנים מאַכען פֿון איהם עפּעס אַ ליצנות. די שדכנים האָבען אָבער זיין מיינונג פֿערשטאַנען און זיי האָבען דאָס געשעפֿט איהם געגעבען גוט צופֿערשטעהן, אַז דאָס איז נישט קיין שפּאַס, נאָר דאָס קאָן אַזוי ווירקליך זיין. דאַן האָט מאירטשע זיי געענטפֿערט, אַז ער איז זעהר שטאַרק מרוצה צו דעם שידוך. זאָל דער ליעבער גאָט געבען, עס זאָל זיך טאַקי אַזוי אויספֿיהרען צום גוטען. צו דעם צו האָט מאירטשא צו געגעבען, אַז אַזוי ווי עס איז באַר עטליכע וואָכען פֿאַר ראש השנה, איז אוממעגליך מען זאָל זיין איזאַקען היינט לאָזען אַהיים פֿאָהרען, אַלזאָ מוז מען די תנאים אָבלעגען אויף חול המועד סכות, ווען איזאַק וועט זיין אין גריידיץ. און ער האָט געהייסען די שדכנים זאָגען דעם רב מיט די רעבעצען, אַז ער איז שטאַרק מרוצה צו דעם שידוך, און אַז געוויס וועט זיין איזאַק אויך נישט אַנדערש זאָגען. און אַז ער וועט וועגען דעם באַלד צו זיין איזאַקען אַ בריעף שרײַבען. די שדכנים האָבען מאירטשא

שניידערס

שניידערס רייד איבער געגעבען די רעבעצען. מאירטשא האט טאקי באלד אוועק געשריבען א גוטען בריעף צו זיין זוהן איזאק, וואס פאר א גליקליכען שידוך מען שלאגט איהם אהן. איזאק האט אבגעשריבען א בריעף, אז דער שידוך איז איהם אויך זעהר איינגענעם, און מען זאל ווארטען מיט די תנאים ביז ער וועט אהיים קומען אויף די ימים טובים.

איזאק איז אהיים געקומען הערשט אויף סכות א גאנציר פריץ זעהר שעהן געקליידערט. די רביצען האט בשתיקה סכות ביינאכט פארבעטען דעם חתן אויף טעה, ער זאל זעהן די כלה. בקיצור התן כלה זענען זיך געפעלען און מען האט אבגעשמועסט אז חול המועד סכות זאלען זיין די תנאים. דערוויל האט מען אין אלע גריידיצער סכות נאר גערעדט און געשמועסט וועגען דעם, וואס מאירטשע שניידער ווערט דעם רב'ס מחותן. מאירטשע האט זיך געמאכט א שעהנע קאפעטע אויף סכות און האט זיך געקויפט א שעהן היטעל. ער האט זיך נאר פארגעשטעלט ווי אזוי די גאנצע שיהל יודען וועלען איהם אנקוקען, ווען ער וועט די אנדערע טעג יום טוב שוין די זכיה האבען צו צוגעהן צום רב, דער הייליגער צדיק, און עם זאגען הויך „גוט יום טוב מחותן!”.

חול המועד סכות זענען טאקי די תנאים געמאכט געווארען. דער רב זעלבסט האט זיך אויך בעטייליגט אין די תנאים לשם מצוה, וואס ער וועט חתונה מאכען די יתומה סערקאלע, וועלכע רעכענט זיך מיט איהם משפחה. די רביצען מיט איהר גוט הארץ האט זיך זעלבסט זעהר שטארק געפארעט אויף די שמחה. זי האט אליין צום טיש דערלאנגט און איז געוועזן מלא שמחה פון די מצוה. מילא ווער קאן זיך פארשטעלען מאירטשע שניידערס שמחה. זיין הארץ איז געוואקסען יעדער מינוט פאר פרייד, ווען ער האט געזעהן אז זיין איזאק'ל זיצט אויבען נאהנט נעבען רב דער הייליגער צדיק. און ער, מאירטשע זעלבסט, זיצט דער ערשטער ביי דעם טיש נעבען חתן. דער גריידיצער רב האט געלייענט די תנאים צו מזל. דערנאך האט דער רב דערלאנגט מאירטשע די האנד און האט איהם געזאגט „מזל טוב מחותן! דער אויבערשטער זאל העלפען עס זאל זיין מיט מזל ובשעה מוצלחות”. מאירטשע איז שטארק רויט געווארען. קיין ווערטער עפעס צוריק צו זאגען האט ער נישט געקאנט ארויסבעקומען פון הארץ אין מויל אריין. ער האט קוים נאך געזאגט דאס איינע ווארט „אמן”, וועלכעס איז בעגלייט געווארען מיט א שטרום טרערען פון זיינע אויגען. די חתונה האט מען אנגעלעגט אויף נאך פסח. עס איז געבליבען דער חתן זאל צוריק פאהרען אויף א גאנצען ווינטער און ער זאל הערשט אהיים קומען אויף פסח, און נאך פסח זאל זיין די חתונה צו מזל. נאך סכות איז דער חתן געקומען זיך געזעגנען צום רב. די כלה האט ער איבערגעלאזט א שעהנע מתנה און איז אוועק געפאהרען צוריק קיין פאזען.

איזאק דער חתן האט אבער געטראגען אויף זיינע האלדז א לייכטזיניגע קעפעל, און ער איז געוועזן גרונג צו לאזען זיך אראב פיהרען פון גלייכען וועג. דארט אין פאזען האט ער געהאט גענוג חברים מיט חברת'עס. גוטע ברידער און שוועסטע־, וואס האבען איהם דעם שידוך אלע מאהל מעהר

פֿערטיאוסט. זיי פֿלעגען פֿון איהם אַלע טאָג ליצנות מאַכען ביי דער אַרבייט אין מאַגאַזין, און זיי האָבען נאָר איהם אָנגערופֿען נישט מיט'ן נאָמען איזאַק, נאָר מיט אַ שפּאַס „דאַס יונגע רבי'לע". איזאַק האָט פֿערשטאַנען אַז נאָך אַזאַ שידוך דאַרף ער זיך פֿיה־ען יודיש, און דאַרף דאַווענען אַלע טאָג, וועלכעס האָט אַרויסגערופֿען נאָך מעהר שפּאַס און געלעכטער ביי זיינע חברים. זיי האָבען אין איהם שטענדיג אַריין גערעדט, אַז ער איז פּשוט אַ משוגענער, וואָס ער איז בעשטאַנען אויף אַזאַ שידוך, צו נעמען אַ כּלה פֿון אַזאַ פֿרום הויז. ער וועט זיין כּל ימיו געקוועלט און געקרעמפּעוועט ביי אַזאַ ווייב, און ער וועט זיך מוזען פֿיהרען יודיש און פֿאַנאַטיש, אַזוי ווי עס פֿיהרט זיך אַ הויז ביי דעם גריידיצער רב, וואָרען מסתם געווים אז די כּלה איז אַזוי פֿיעל יאָהרען געהאָדעוועט געוואָרען און אַזאַ פֿאַנאַטיש הויז, איז זי אויך אַ פֿאַנאַטיש שטיק. בקיצור זייערע רייד זענען איהם ביסלעכווייז אַלע מאָהל מעהר אַריין געקראָכען טיעף אין האַרץ אַריין, ביז ער האָט בעשטימט דעם שידוך אָבצולאָזען.

ווען זיינע חברים האָבען פֿערשטאַנען, אַז זיי זענען שוין מיט איהם אויף אַ דרך, האָבען זיי איהם געשדכענט אַ כּלה פֿון פּאָזען מיט פֿיעל געלד. ער האָט שוין אָנגעהויבען געהן מיט די נייע כּלה שפּאַצירען ווי דער מנהג איז אין פּאָזען. ער איז געוואָרען אין גאַנצען איבערגעגעבען די נייע כּלה מיט לייב און לעבען, און האָט זיך געפֿינען שטענדיג אונטער איהר איינ־פֿלוס. דער ערשטער שידוך איז איהם אָבער געלעגען ווי אַ שווערע לאַסט אויף זיין האַרץ. זיינע געוויסען האָבען איהם טאָג און נאַכט געפּייניגט, אַז ער בעגעהט דאָ אַ שווערען פֿאַברעך, מבייש צו זיין אַ כּלה אַ יתומה, נישט צופֿאָל־גען קיין אַלטען טאַטען, און איבערהויפּט צו דערצערנען דעם גריידיצער רב, וואָס מען האָט זיך שוין לאַנג אין גריידיץ געהיטען פֿאַר איהם, ווי פֿאַר אַ פֿייער. די נייע כּלה מיט זיינע חברים האָבען פֿערשטאַנען גאַנץ גוט מיט וואָס פֿאַר אַ געדאַנקען ער געהט אַרום שטענדיג, האָבען זיי איהם געפֿלעגט שטענדיג די זאַך אויסצורייזען, אַז ער האָט נישט פֿאַר וואָס מורא צו האָבען. זיי האָבען נאָך איהם איינגערעדט, אַז מיט דעם וואָס ער וועט אָבלאָזען דעם ערשטען שידוך וועט ער נאָך אַ גרויסע מצוה טוהן, וואָרען די כּלה איז נישט פֿאַר איהם און ער איז נישט פֿאַר איהר, אַלזאָ איידער עס זאָל זיין מחלוקת נאָך די חתונה, איז בעסער באַלד זיך גאָר נישט צו פֿערדרעהן דעם קאָפּ, און איינמאָהל פֿאַר אַלעמאָהל נאָר אָבצולאָזען דעם ערשטען שידוך. אויך האָבען זיי איהם געלערענט אַז דער גלייכסטער וועג איז פֿאַר איהם, ער זאָל נאָר שווייגען אין גאָר נישט זיך וויסען מאַכען. קיין בריעף זאָל ער גאָר נישט שרייבען קיין גריידיץ, וועט מען דאָך מוזען צו איהם אַהער קומען קיין פּויזען, דאַן וועלען שוין די חברים פֿאַר איהם ריידען וואָס מען וועט בּרויכען.

דער לייכטזיניגער איזאַק האָט איינגעשטומט אויף זייערע רייד און האָט אַ גאַנצען ווינטער קיין איין בריעף נישט געשריעבען קיין גריידיץ. דער אַלטער מאירטשע שניידער איז שיעור נישט משוגע געוואָרען, קלערענדיג, וואָס מיט זיין זוהן האָט זיך עפּעס דאָרט געמאַכט, די איינע טרייסט איז צו איהם נאָר געווען

אַז

אז געווים וועט דאך איזאק אויף פסח מוזען אהיים קומען, דאן וועט ער איהם שוין מקיים פסק זיין. די רביצען פעלגט אלע מאהל שיקען געוואהר ווערען צו מאירטשע, וואס הערט זיך עפעס פון חתן, וואס מאכט עפעס דער חתן. מאירטשע האט נעבעך מיט א פערביטערט הארץ צוריק בעפוילען, אלדעם גוטס, און אז דער חתן שרייבט אז אויף פסח קומט ער שוין אהיים אין גאנצען קיין גריידיץ.

ערב פסח האט מען דעם גאסט שטארק אויסגעקוקט אין גריידיץ. אבער „ואיננו”. דער חתן איז נישט דא. איזאק האט קיין בריעף נישט געשריבען און איז זעלבסט אויף פסח קיין גריידיץ נישט אהיים געפאהרען. מאירטשע איז ארום געגאנגען א צומישטער, ער האט נישט געוואוסט וואס מען רעדט צו איהם. ער האט אנגערעכט דעם סדר פסח בייטאכט אזוי ווי די קינות תשעה באב ביינאכט. ביידע טעג פסח אין דער פריה האט מאירטשע זיך געשעהמט צו געהן אין שוהל אריין דאווענען, ווארען ווי אזוי וועט ער קאנען צו געהן זאגען דעם רב „גוט יום טוב מחותן” אז דער התן איז נישט דא, און ער ווייסט דאך דערוויל נאך גאר נישט וואס צו ענטפערען דעם רב, אלזא איז ער גאר נישט געגאנגען דאווענען אין שוהל אריין ביידע טעג פסח. דער רב האט שוין פערשטאנען אז דא איז עפעס נישט קיין גלאטיגע מעשה מיט דעם חתן. די רביצין מיט די כלה זענען אויך געוועזען שטארק אומרוהיג, אבער זיי האבען קיין צייט נישט געהאט ביידע טעג יום טוב, צו מאכען וועגען דעם ביי מאירטשע א גענויע דרישה וחקירה, נאר זיי האבען דאס אבגעלעגט אויף דעם ערשטען טאג חול המועד. מאירטשע אליין האט אבער אויך פערשטאנען, אז מען וועט נאך איהם חול המועד שיקען, ער זאל קומען צום רב, האט ער זיך מיישב געוועזען און איז נאך ביינאכט אוועק געפאהרען קיין פאזען.

אין פאזען האט מאירטשע שניידער געפונען זיין זוהן איזאק לעבעדיג און לוסטיג צוזאמען מיט זיינע חברה־לייט. „שלום עליכם טאטע!” האט איזאק בריוט אויסגעשריגען צו זיין אלטען פאטער און האט איהם דערלאנגט זיין האנד. מאירטשע האט אבער געהאלטען זיין האנד ביי זיך און האט נישט געוואלט אנריהרען דעם זוהנס האנד, נאר דער ענטפער איז אזוי געוועזען: „ווארען דו האלטסט דען נאך מיך פאר א טאטען?” דער טאטע מיט'ן זוהן האבען זיך אריינגעלאזט אין א לאנגען ויכוח אריין וועגען דעם גריידיצער שידוך. די חברה־לייט האבען זיך פעסט ארויסגעשטעלט קעגען דעם אלטען מאירטשע און זיי האבען איהם אנגערופען נישט איינמאהל, אלט פערד! און נאך אזעלכע מיאוסע ווערטער. דערביי האבען זיי איהם אלץ ערקלערט ווי ווייט נאריש און נישט פאסענדיג דער גריידיצער שידוך איז פאר איזאק'ן. דער אלטער מאירטשע האט זיך נעבעך געהאקט מיט די הענד אין קאפ, און ער האט נאר געשריגען איין געשריי: „גע־וואלד! איך אשא פנים, ווי אזוי וועל איך מיך קאנען ווייזען פאר'ן גריידיצער רב, ער וועט דאך מיך פארברענען מיט איין בליק!” אבער וואס מעהר דער אלטער מאירטשע האט געוויינט, האבען זיי פון איהם נאך מעהר ליצנות געמאכט. מאירטשע האט זיך געשעהמט חול המועד אהיים צו פאהרען איז ער געבליבען איבער פסח אין פאזען. די חברה לייט האבען געזעהן אז איזאק זאל

קיינמאהל

קײנמאָהל נישט בלײַבען מיט'ן פֿאָטער אַלײן, וואָרען טאָמער וועט דער פֿאָטער איהם קאָנען איבערריידען. נאָך פסח האָבען זײ אָנגעשריבען אַ גוטען בריעף אין איזאַקס נאָמען צו דער כלה קײן גרײדיץ. היות אַזוי ווי ער פֿערשטעהט אַז דער שידוך איז נישט פֿאַר איהם, וויל ער נישט די כלה פערפיהרען, אַלזאָ שיקט ער איהר אָב די תנאים. און פֿאַר חצי נדן קנס שענקט ער איהר די מתנות, וועלכע באַטרעפֿען נאָך מעהר. די לעצטע ווערטער פֿון בריעף איז געווען אַז ער איז איהר מוחל און זי זאָל איהם אויך מוחל זײן. דעם בריעף מיט די תנאים האָבען זײ פֿערחתמעט אין אַ קאָנווערט אַדרעסירט צו די כלה און זײ האָבען דעם אַל־טען מאירטשע מיט דעם משלח געווען קײן גרײדיץ.

דער אַלטער שנײדער נעבעך, וואָס ער האָט יאָ געהאַט אַ עהרליך הארץ, האָט געזעהן אַז ער האָט שוין אין פּאָזען גאָר נישט וואָס צו טוהן, איז ער אַהײם געפֿאָהרען מיט אַ ביטער האַרץ און איז פֿאַר עגמת נפש קראַנק געוואָרען. אַהײם־קומענדיג האָט זיך מאירטשע געמוזט לעגען אין בעט אַרײן. די קראַנקהײט האָט אָנגענומען זעהר אַ שאַרפֿען כאַראַקטער, אַזוי אַז דער קראַנקער האָט אויפֿגעהערט צו רײדען. אַז די רביצין האָט צו איהם געשיקט אַ שליח געוואָהר ווערען וואָס דער חתן איזאַק מאַכט, האָט ער שוין נישט קײן כח געהאַט גוט צו ענט־פֿערען, נאָר ער האָט געוויזען מיט דער האַנד אַז עס ליגט עפּעס אונטער'ן קישען. מען האָט אַפּגענומען פון אונטער'ן קישען דעם קאָנווערט. בשעת ווען דער קראַנקער האָט איבערגעגעבען דעם קאָנווערט צום שליח אין האַנד אַרײן, האָט ער געטוהן דעם לעצטען קרעכץ און האָט אויסגעהויכט זײן נשמה. די דאָקטוירים האָבען אַנערקענט אַז זײן קראַנקהײט איז געווען דאָס, וואָס די גאַל איז בײַ איהם צוגאַנגען פֿאַר עגמת נפש.

דער שליח האָט איבערגעגעבען די רביצין דעם קאָנווערט און האָט דער־צעהלט ווי אַזוי דער אַלטער מאירטשע איז אָבגעשטאָרבען בײַם אָוועקגעבען דעם קאָנווערט איהם אין האַנד אַרײן. די רביצין האָט באַלד געעפֿענט דעם קאָנ־ווערט, האָט זי דערזעהן די תנאים מיט'ן בריעף פֿון איזאַקען. דאַן האָט זי פֿערשטאַנען די גאַנצע געשיכטע, איבער וואָס דער אַלטער מאירטשע איז פֿון דער וועלט גע־גאַנגען. זי האָט געהאַט גרויס קרענקונג דערפֿון, סערקאַלע די עלענדע יתומה האָט אויסגעבראָכען מיט אַ גרויס געוויין, דערהערענדיג אַז איהר חתן האָט צוריק אָבגעשיקט די תנאים. דערצו נאָך האָט מאירטשעס טוידט געמאַכט זעהר אַ שלעכ־טען און אַ טרויעריגען אײַנדרוק אויף יעדען מענש, וואָס האָט זיך דערוואוסט פֿון די געשיכטע. אָבער קײן עצה איז צו דעם אַלעם גאָר נישט געווען וואָס צו טוהן. ווען דער רב האָט דערהערט בײַ זיך אין שטוב אַ געוויין איז ער אַרײַנ־געלאָפֿען זעהן וואָס דאָ איז עפּעס געשעהן. האָט מען איהם געוויזען דעם בריעף מיט די תנאים, האָט זיך דער רב אַרויסגערופֿען מיט די ווערטער: „אָבער ער איז דאָך פֿאָרט איהר זיווג, טאָ וואָס קאָן דען איהם העלפֿען די תנאים אָב־שיקען". די רביצין האָט געזעהן מיט אַלע כחות משתיק צו זײן די יתומה, זי האָט איהר געטרײסט מיט די ווערטער וואָס זי האָט געהערט פון רב. מאירטשעס

שנײדער האט מען קובר געווען און די שטאדט גרײדיץ איז געװארען בּיסלעכװײז בערוהיגט.

װאכען און חדשים האבען זיך גערוקט װײטער און װײטער און די סערקאלע איז אלץ נאך געזעסען בײ די רעביצין אלס משרת, פערװײסט און פערטרויערט, נישט כלה נישט מויד. אז די רביצין האט אמאל געפרעגט דעם רב, װאס זי זאל טוהן מיט די יתומה, צו זאל זי אנהויבען זוכען פאר איהר אנ'אנדערען חתן, האט דער רב אלץ נאר משמיט געװען די זאך און ער האט געענטפערט: „ס'איז נאך צײט, אפשר װעט זיך דאך דער חתן צוריק מיישב זײן, איז אלוא גלײכער צו װארטען נאך ביז מען װעט זיך דערװיסען, אז דער חתן האט טאקי חתונה געהאט מיט אנ'אנדערע כלה”. אזוי האט זיך אבגעשלעפט א גאנצען זומער. ענדע זומער איז מען געװאהר געװארען אין גרײדיץ אז איזאק האט שוין אין פאזען חתונה געהאט. די רביצין האט װײטער געפרעגט דעם רב װאס װעט זײן דער תכלית פון די יתומה. מען מוז דאך עפעס קלערען צו שאפען איהר אנ'אנדערען שידוך. אבער דער רב האט אלץ נישט געענטפערט קײן קלארע תשובה נאר ער האט װײטער די זאך אבגעשלעפט, אלע מאהל האט ער געזאגט אנ'אנדער אויסרײד.

דער דרך פון דעם גרויסען צדיק דער גרײדיצער רב איז געװען, אז אלע גרעסטע זאכען װאס מען האט געדארפט בײ איהם פועל זײן, האט ער אבגעלעגט אויף חנוכה. ער פלעגט ענטפערען מיט א שמײכעל: „נו חנוכה װעט זײן אביסעל ליכטיגער, װעט מען בעסער זעהן”. און װער ס'איז נאר געװען א שטיקעל מבין האט געזעהן אז בשעת די חנוכה ליכט האבען זיך געברענט איז ער כמעט גאר נישט געװען אויף דעם עולם, ער פלעגט זיצען אויף א שטוהל קעגען איבער די חנוכה ליכט, דער קאפ איז געװען אהינטערגעװארפען, דאס פנים בלאס װי קאלך. אזוי האט עס געדויערט ביז די חנוכה ליכט האבען זיך אויסגעברענט. צום צינדען די חנוכה ליכט פלעגט ער זיך שטענדיג מקדים צו זײן, אזוי װי ס'איז נאר נאכט געװארען. א חנוכה=לעמפעל האט ער געהאט בירושה פון זײנע אבות אבותים, װעלכעס איז בײ איהם זעהר טײער געװען און ער האט נישט געװאלט צינדען קײנמאל אין אנ'אנדער חנוכה=לעמפעל נאר אין זײנעם װאס ער האט געהאט בירושה.

ערב חנוכה װען סערקאלע די יתומה האט אנגעפיצט שעהן דאס חנוכה=לעמפעל, האט די רביצין צו איהר געזאגט: „װײסטו װאס מײן קינד! מיר איז אײנגעפאלען א גוטע עצה פאר דיר, װי אזוי דו װעסט קאנען הײנט געהאלפען װערען. נאר זאלסט דיך גאר נישט שרעקען און מיך פאלגען. מײן עצה איז זאלסט דאס חנוכה=לעמפעל בעהאלטען אין דײן קעסטעל ארײן. און װען דער רב װעט װעלען נאך מעריב צינדען חנוכה ליכט, װעט דאך דאן װערען א געשרײ װי דאס חנוכה=לעמפעל איז, זאלסטו צוגעהן צום רב און זאגען די װערטער: „הײליגער צדיק! איך האב בעהאלטען בײ מיר דאס חנוכה=לעמפעל, בעװײל איך װיל הײנט בײ אײך געהאלפען װערען, איך זאל נישט זיצען פערװײסט װי א עלענדע יתומה”. סערקאלע איז קאלט געװארען אין די גלידער פאר שרעק,

און זי האָט אָנגעהויבען ציטערען אין גאַנצען. זי האָט קוים געקאָנט ענטפערען די רביצין עטליכע ווערטער, אז זי שרעקט זיך זעהר אַזאַ זאַך צו טוהן. אָבער די רביצין האָט זי געשטאַרקט און די מורא האָט זי איהר אויסגערעדט, און זי האָט דורכאויס איהר אָנגעזאָגט זי זאָל זעהן נישט אַנדערש צו טוהן נאָר אַזוי ווי זי הייסט זי. און די רביצין האָט נאָך איהר מבטיח געווען, אַז זי וועט איהר זיין בּיהילפיג בּיי דעם, און זי וועט אויך צוגעהן רעדען מיט'ן רב וועגען דעם. נאָך דעם צוזאָג האָט סערקאַלע קוים איינגעוויליגט צו פאָלגען די רביצין.

נאָך מעריב האָט זיך דער שמש צוגעאיילט אָנצוגרייטען דאָס חנוכה-לעמפּעל. אָבער ס'איז נישט דאָ. ער לייפט אַריין צו די רביצין, פרעגט די רביצין, פרעגט סערקאַלע קיינער ווייסט נישט. ווערט דאָך אַ גערייעדעריי אַז מען האָט דאָס חנוכה-לעמפּעל צוגע'גנב'עט. די זאַך איז אָנגעקומען צום רב. דער רב איז שטאַרק דערשראָקען געוואָרען פון די שלעכטע בּשורה, וואָס מען האָט בּיי איהם צוגע'גנב'עט דאָס חנוכה-לעמפּעל, וועלכעס איז בּיי איהם אַזוי טייער געשעצט געווען. דער רב איז בּאַלד אַריינגעגאַנגען צו די רביצין חוקר ודורש זיין, וואָס דאָ איז עפּעס געשעהן מיט דעם חנוכה-לעמפּעל. די רביצין האָט אָבער איהם נאָר נישט געענטפערט, נאָר זי איז צוגעגאַנגען צו סערקאַלע און האָט זי אונטער-געשטופּט, זי זאָל צוגעהן זאָגען אַזוי ווי זי האָט איהר געהייסען. דאָס מעהדעל האָט אָבער בּאַלד פערלוירען די קרעפטען, די פּיס האָבען אָנגעהויבען צו ציטערען אונטער איהר, האָט זי זיך פון אָרט נישט גערירט, און די רביצין האָט זי אַלץ וויַיטער אונטערגעשטופּט, זי זאָל צוגעהן זאָגען. סערקאַלע האָט זיך אויפגעזעצט און האָט אָנגעהויבען געהן עטליכע טריט, אָבער זי האָט געמוזט זיך בּאַלד צוריק אַנידערזעצען. דאַן איז די רביצין וויַיטער צו איהר צוגעגאַנגען און האָט וויַיטער אָנגעהויבען אונטערצושטופּען זי, זי זאָל צוגעהן זאָגען. דער רב האָט בּאַלד בּעמערקט אַז דאָ קומט עפּעס פאָהר. דאַן איז דער רב צוגעגאַנגען נעהנטער און האָט זיך וויַיטער געפרעגט: „זאָגט מיר וואָס איז דאָ עפּעס געשעהן, און ווי איז דאָס חנוכה לעמפּעל אַהינגעקומען". די רביצין האָט דאַן שוין העכער אונטערגע-שטיפּט סערקאַלען, און זי האָט שוין העכער צו איהר געשריגען: „זאָג! זאָג! שעהם דיך נישט! זאָג וואָס דו האָסט געטוהן". סערקאַלע האָט קוים אַרויסגע-שטאַמעלט די עטליכע ווערטער: „טייערער פעטער! הייליגער צדיק! איך האָב געזינדיגט. איך האָב דאָס חנוכה-לעמפּעל בּעהאַלטען. איך וויל געהאָלפען ווע-רען". צו איהרע רייד צו האָט נאָך אויך די רביצין צוגעלעגט עטליכע ווער-טער, אַז עס איז שוין צייט זי זאָל געהאָלפען ווערען, וואָרען וואָס וועט דאָ זיין איהר תּכלית.

דער רב איז געבּליבּען שטעהן אַ קליינע ווײַלע צוקאָכט און צורודערט. בּאַלד האָט דער רב אַזוי אָבגעענטפערט צו די רביצין. „דו ווילסט וויסען וואָס איהר תּכלית וועט זיין? הער זשע אויס גוט און פערשטעה וואָס איך וועל דיר זאָגען. איהר תּכלית וועט אַזוי זיין:

זי וועט בקרוב פערהאפט ווערען.
איהר חתן איזאק וועט דערהייכט ווערען.
זי וועט נאך אויף איהם ארבייטען און איהם שפייזען.
כאמה, כבתה. אזוי ווי די מוטטער אזוי איז די טאכטער.
דערנאך וועט זי בעקומען א קרעפס.
וועט מען זיך ווידער זעהן אין נחת.

דאס איז איהר גורל. דו וועסט אפשר נישט פערשטעהן מיינע רייד ביז זיי וועלען מקוים ווערען". נאכדעם האט וויטער דער רב מיט א שטרענגען טאן א געשריי געטוהן: „ברענגטץ אהער געשווינד דאס חנוכה־לעמפעל, איך דארף שוין צינדען חנוכה־ליכט, און לענגער ווי ביז נאך חנוכה זאל די יתומה נישט בלייבען אין מיין שטוב".

די רביצין און די יתומה האבען זיך ביידע דערשראקען פאר'ן רב'ס שטרענגע רייד, און זיי האבען באלד אבגעגעבען דאס חנוכה לעמפעל. דער רב האט געצינדען חנוכה־ליכט ווי זיין שטייגער איז, דערנאך האט הערשט די עלענדע יתומה אנגעהויבען צו וויינען אויף די ווערטער וואס זי האט געהערט פון רב'ס הייליג מויל, אז ער האט זי אזוי שטארק געשאלטען. אבער די רביצין האט איהר אויסגערעדט און האט זי געטרייסט אז דעם רב'ס קללות איז געוויס ברכות. נאר ער האט דערביי א פערבארגענעם טעם, פאר וואס ער האט געדארפט זאגען די ברכות פערשטעלט. די סערקאלע האט אבער די רביצינס רייד גאר נישט פערשטאנען און זי האט אלע טאג געוויינט אויף איהר ביטער מזל. די רביצין האט זיך אנגעפרעגט ביים רב, ווי זאל די יתומה געהן נאך חנוכה. האט דער רב געזאגט, אז מען זאל אראבנעמען פון איהר נדן געלד און מען זאל איהר דינגען אין גריידיץ א קליין געוועלבעל מיט פרוכטען, אין וועלכען זי זאל באלד נאך חנוכה איבערציהען זיך, און אזוי נאך וועט קומען איהר הילף, די רביצין האט מקיים געוועזען דעם רב'ס רייד און זי האט געדינגען פאר סערקאלע אזא געוועלבעל. נאך חנוכה איז די סערקאלע ארויס פון רב'ס שטוב און איז אריין אין איהר דירה.

מיט פונפציג יאהר צוריק איידער די מעשה איז געשעהן האט געוואהנט אין ברעסלוי א רייכער יוד מיט'ן נאמען הערמאן, וועלכער איז געוועזען א גרויסער סוחר און האט געפיהרט זעהר א יודיש הויז, האט זיך דאמאלס געמאכט גרויסע רדיפות אויף יודען אין גאנץ דייטשלאנד. אמייניסטענס האבען זיך די יודישע שונאים צו געטשעפיעט צו די רייכע יודען, מען האט אויף זיי אויסגעקלערט פערשיעדענע פאלשע בלבולים כדי מען זאל האבען צו זיי א טענה, דורך וועלכע די רעגירונג האט געהאט קראפט צו קאנפיסקירען זייער גאנץ פערמעגען. הערמאן האט פערשטאנען אז דעם ביטערען כוס וועט ער אויך מוזען טרינקען, אלזא האט ער צוזאממען געמאכט פון זיין פערמעגען א שפאהר ביסעל מזומן געלד און איז אוועק מיט זיין גאנצע פאמיליע קיין בראזיליען. דארט האט הערמאן זיך פערנומען מיט'ן האנדעל פון דימאנטען. ער האט אין דעם מסחר גאנץ שעהן מצליח

געוועזען

געוועזן. און אויסער דעם · וואס ער האט געהאנדעלט מיט דימאנטען האט ער נאך
דארט פערלעגט א פאבריק פון א שליפארניע אויף אלערליי דימאנטען, און ער
האט אין אללעם זעהר מצליח געוועזן. די פירמא הערמאן איז געווארען בעקאנט
אין אלע גרויסע לענדער און ווי מען האט נאר געדארפט עפעס צו צופאסען א
טייערען שטיין, צו א דימאנט צו א ברילאנט, האט מען זיך געווענדעט צו די פיר־
מא הערמאן עט קאמפ׳ אין בראזיליען. ווען הערמאן איז אריבער קיין בראזיליען
האט ער מיט גענומען דריי טעכטער מיט א בן יחיד, וועלכער איז אויך געוועזן א
געבילדעטער מענש און האט געהאט א גרויסע ידיעה אין דעם מסחר. אויך האט
ער זעהר ליעב געהאט צו פארנעמען זיך מיט די מלאכה פון שטיינער שלייפען.
דער סוף איז געוועזן אז דער אלטער הערמאן האט דארט אויסגעלעבט זיינע יאה־
רען אין גרוים רייכטהום און צו אכציג יאהר איז ער געשטארבען. אין דעם זעל־
בען יאהר איז אויך זיין ווייב געשטארבען. די טעכטער האבען זיי שוין געהאט
חתונה געמאכט, נאר דער בן יחיד מאריץ הערמאן איז געבליבען א פריילעדיגער.
ער איז שוין דאן אלט געוועזן צוויי און צוואנציג יאהר. מיט די גרויסע ירושה
וואס איז איבערגעבליבען האבען זיך די פיער קינדער גלייך צוטיילט, און דאס
געשעפט מיט די פאבריק האט דער יונגער מאריץ הערמאן איבערגענומען אויף
זיך, און עס האט זיך אזוי ווייטער געפיהרט ווי ביי זיין פאטערס לעבען.
ווי געוועהנליך האט מען דעם יונגען הערמאן אנגעשלאגען דארט פערשיע־
דענע שידוכים, עס האט ניט געפעהלט דארט קיין בעלנים איהם פאר אן איידעם
צו נעמען. מאריץ האט זיך אבער ניט געקאנט אזוי גיך דארט צופאסען א
גלייכען שידוך, וואָרען אממיינסטענס יודען וואס זענען דארט געוועזן, איז אלץ
נאר אנגעלאפענע פון פערשידענע לענדער, ער האט ניט געקאנט וויסען פון
וואס פאר א יחוס זיי קומען ארוים. אבער מאריץ האט זיך זעלבסט יא גערעכענט
פאר א בעל יחוס, וואָרען די משפחה הערמאן אין ברעסלוי איז ארויסגעקומען פון
גרויסע בעוואוסטע רבנים אדער גרויסע גבירים. אלזא איז עס אלץ ניט געפע־
לען די שידוכים וואס מען האט איהם דארט פארגעלעגט. ער האט זיך נאר
שטענדיג ארום געטראגען מיט א געדאנק, צו נעמען א כלה פון אייראפא פון א
בעוואוסטע שעהנע משפחה.
מאכט זיך א סיבה אז א גרויסע קעניגרייך פון אייראפא האט זיך געווענדעט
מיט א אנפראגע צו די בעוואוסטע פירמע הערמאן עט קאמפ. אין בראזיליען,
אויב מען קאן בעקומען צו קויפען ביי זיי א ברילאנט, אזא און אזא גרוים, אזא
און אזא קאלעהר, וועט די קעניגרייך אהינשיקען ספעציעל א מענש צו קויפען
דיעזען ברילאנט, וועלכען מען האט געברויכט נייטיג צו האבען ער זאל ווערען
אריינגעפאסט אין קייזערס קרוין אריין. מאריץ האט שוין לאנג אויסגעקוקט זיך
סלוטשיי, דורך וועלכען ער זאל ברויכען א רייזע צו מאכען קיין אייראפא. עס
האט זיך איהם פערבענגט אנצוקוקען דאס פאטערלאנד, ווי ער איז געבוירען גע־
וואָרען און איז פון דארט אוועק אין די יונגע יאהרען. אלזא האט ער אבגעענט־
פערט צו דער קעניגרייך, אז עס געפינט זיך ביי איהם פון דעם סארט ברילאנ־
טען פיער שטיק, און אזוי ווי ער ברויך סיי ווי צו זיין אין איירא[פא], וועט ער
זעלבסט

זעלבסט אין צוויי מאָנאַטען ארום צושטעלען אין קייזערליכען הויף אַריין דעם גע־פאָדערטען בריליאַנט.

מאָריץ הערמאַן האָט באַלד איינגעאָרדענט דאָס געשעפט ווי אַזוי עס זאָל זיך קאָנען פיהרען אָהן עם די עטליכע מאָנאַטען, וואָס ער וויל פערברענגען אין איירָאָפּאַ, נאַכהער איז ער אַוועקגעפאָהרען. ער איז איבערגעקומען די שווערע רייזע פון ים גליקליך און איז אַרוים פון דער שיף פריש און געזונד. די ערשטע רייזע זיינע אין איירופאַ האָט ער געמאַכט קיין פּרייסען. אין ברעסלוי האָט ער פערבראַכט איינינע טעג. דאָרט האָט ער אָנגעזוכט מענשען פון זיין משפחה, וועלכע האָבען זיך מיט עם שטאַרק געפריידט, דערהערענדיג אַז ער איז זעהר רייך. און אַזוי ווי זיי זענען געוואָהר געוואָרען אַז ער איז נאָך אַ פריילייִדיגער, האָט מען עם אָנגעהויבען צו בעוואַרפען מיט שידוכים. מאָריץ האָט אָבער נישט געקאָנט און ברעסלוי לאַנג זוימען זיך, וואָרען ער האָט געדאַרפט זיך צו שטעלען צו דער קינעגרייך, וואָס האָט פון עם גע־אָדערט דעם בריליאַנט צו קויפען. אויף דעם בעשטומטען טאָג וואָס ער האָט אָבגע־ענטפערט. אַלזאָ האָט ער זיי געענטפערט אַז אַ שידוך טהון פון אַ היימישע משפחה וויל ער טאַקי אויך, נאָר דאָס מוז אָבגעלעגט ווערען ביז ער וועט צוריק פאָהרען, וועט ער זיך אַבשטעלען און ברעסלוי אויף אַ גאַנצע וואָך, דאַן וועט ער זיך אויסקלויבען אַ שידוך.

פאָהרענדיג פון ברעסלוי צו דער קינעגרייך, וואָס האָט געפאָדערט דעם בריליאַנט צוקויפען, האָט מאָריץ געדאַרפט אַדורך פאָהרען דורך די שטאָדט גריידיץ, ווי ער האָט געדאַרפט עטליכע שעה אָב צו וואַרטען. אין גריידיץ האָט מאָריץ געגעסען מיטאָג, דער נאָך איז ער אַרוים און גאַס טרינקען אַ גלעזעל זאָדע־וואַסער און קויפען זיך עטליכע פאָמעראַנצען מיט צו נעמען אין וועג אַריין. די עלענדע יתומה סערקאַלא האָט געהאַט איהר געוועלבעל אין אַ פראָנטאָווע גאַס. שוין עטליכע מאַנאַטען ווי זי איז אַזוי געזעסען אין דעם געוועלבעל טאָג אין נאַכט פערזאָרגט. קיין גרויסע גליקען האָט זי דאָרט נישט געמאַכט, קוים קוים בדוחק די חיונה פון דעם געוועלבעל געצויגען. די רביצין איז אָפטער געקומען צו איהר און איז איהר געוועזען בייהילפיג, מיט וואָס נאָר מעגליך איז געוועזען.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז מאָריץ האָט געדאַרפט פונקט אַריין צו טרעפען צו די סערקאַלע אין איהר געוועלבעל אַריין. ער האָט אויסגעטרינקען אַ גלעזעל וואַסער, אויסגעקליבען זיך עטליכע פאָמעראַנצען, און אַביסעל איילענדיג האָט ער אַרויסגעחאַפּט פון טאַש דאָס בייטעלע געלד און האָט בעצאָהלט. נאַכהער איז ער באַלד אַוועקגעגאַנגען צוריק צו זיין סטאַנציע. מאָריץ האָט אין דער זעלבער טאַש געהאַט ליגען אַ קליין פאַפירען שעכטעלע, אין וועלכען ס'זענען געלעגען די פיער טייערע בריליאַנטען פערפאַקט אין וואַטע. בשעת ווען מאָריץ האָט אַרויסגענומען אין איילעניש דאָס בייטעלע געלד פון טאַש, האָט ער נישט וויסענדיג מיט געשלעפּט דאָס קליינע שעכטעלע מיט די בריליאַנטען, און עס איז נעבען עס אַראָבגעפאַלען אויף די ערד נעבען קרום

טיש פון גיוועלבעל. נאהך מאריצינס ארויסגעהן פון גיוועלבעל האט סערקאלע באמערקט דאס שעכטעלע, אין אנהויב האט זי גירעכענט אז דאס איז געוויס אלעדיג שעכטעלע פון פאפיראסען, וואס דאס אינטעליגענטע פריצ׳ל האט אוועק געווארפען, און זי האט עס שוין געוואלט מיט׳ן שיך אוועקשארן ארויס טהון פון געוועלבעל. דאך היאט זי זיך עפעס מיישב גיוועזען און האט אויפגעהויבען דאס שעכטעלע צו בעטראכטען עס.

אבער ווי ערשראקען איז סערקאלע געווארען, ווען זי האט גיעפענט דאס שעכטעלע און האט געפינען ליגען אינוועניג די פיער טייערע שעהנע בריליאנטען, וועלכע האבען מיט זייער בליץ איהר די אויגען פערבלענט. „אוי ליבער גאט"! האט זי א געשריי געטהון. „איך בין דאך שוין א געהאלפענע אצינד זעה איך אז נישט בחנם האט מיך דער הייליגער צדיק געהייסען האלטען דאס גיוועלבעל". און זי איז שוין גיוועזען גרייט דאס שעכטעלע מיט די בריליאנטען ערגיץ ווי אין א לאך אינטער די פאדלאגע צו בעהאלטען. אבער באלד האט זי זיך צוריק מיישב גיוועזען, און האט צו זיך זעלבסט אזוי געזאגט: „אה ניין! נישט אזא גליק מיין איך. איך וויל נישט אז דורך מיין גליק זאל אנאנדערער ווערען אומגליקליך". דאס הארץ האט אין איהר אנגעהויבען צו צאפלען. אבער נישט לאנג האט זי זיך געראנגעלט מיט׳ן יצר הרע. זי האט געהאפט דאס שעכטעלע און איז נאהך געלאפען דאס פריצ׳ל, וועלכער האט שוין געהאט אבגעגאנגען א שעהן שטיקעל וועגס. זי האט עם קוים דעריאגט, און האט אויף עם געשריגען ער זאל בלייבען שטעהן. ווען זי איז צו עם צו געקומען האט זי, האלטענדיג דאס שאכטעלע אין האנד, עם א פרעג געטהון: „בעסטער הער! פיליכט האבען זיע דיזעס שעכטעלע פערלוירען"?

מאריץ הערמאן איז געבליבען זעהר ערשטוינט, דערזעהענדיג פאר זיך אזא אויסערגעוועהנליכע סצענע, אזא העכסט אינטערעסאנטעס בילד, אז אזא ארעם מיידעל זאל זיך אזוי קאנען איבערהערשען, אב צו געבען דאס גרויסע רייכטהום וואס זי האט געפינען. ער האט קוים געקאנט די עטליכע ווערטער ענטפערן: „יא, יא! עס איז ריכטיג מיין שאכטעלע" — „קאנען זי מיר זאגען וואס אין דעם שעכטעלע געפינט זיך"? האט סערקאלע עם ווייטער געפרעגט. — „איך קאן איהן זאגען אז אין דעם שעכטעלע געפינט זיך אזא רייכטהום ווי פיעל גאנץ גריידיץ בעטרעפט". האט מאריץ גיענטפערט. — „אויב אזוי איז עס ווירקליך טאקי אייער שעכטעלע". האט זי געזאגט, און דערביי עם צוריק אבגעגעבען דאס שעכטעלע. זי האט זיך באלד מיט עם אבגעזעגענט אין שוין געוואלט אהיים געהן. אבער מאריץ האט איהר ערקלערט אז ער וויל זי בעגלייטען, און איז איהר נאך געגאנגען ביז זיי זענען ביידע אריינגעקומען אין סערקאלעס גיוועלבעל אריין. דאן האט מאריץ ארויסגענומען פיער הונדערטער און האט איהר דערלאנגט א מתנה. אבער סערקאלע האט זיך פון דער כּת.ה קאטעגאריש ענטזאגט, ערקלערענדיג עם, אז אזא מצוה וויל זי פאר קיין שום געלד נישט פערקויפען. מאריץ איז נאך מעהר ענטציקט געווארען פון איהרע

רייד

רייד. ער האט זיך אנידערגעזעצט און האט זי אנגעהויבען אויסצופרעגען איהר גאנצע ביאגראפיא. זי האט עם אלעס דערצעהלט. נאכהער האט מאריץ צו איהר אזוי געזאגט: „ווייסען זי וואס איך וועל איהן פארלעגען? אז דאס שעכטעלע מיט די פיער בריליאנטען האבען זי נישט געוואלט צו נעמען, די פיער הונדערטער ווילען זי אויך נישט נעמען, טא זאגען זי ווערט צו בעקומען איין בריליאנט, נישט פון די פיער בריליאנטען וואס ליגען אין דעם שעכטעלע, נאר דיעזען בריליאנט, וואס האלט דאס שעכטעלע אין די האנד”.

סערקעלא האט שעמיוודיג אראבגעלאזט די אויגען, און זי האט נישט בעקומען אזוי גיך קיין רייד מאריצען צו ענטפערען אויף זיין פארשלאג. באלד אבער האט מאריץ צו גינעבען צו זיין פארשלאג פאלגענדע רייד: „וויסען זאלען זי, אז אזוי גוט ווי זי זענען א יתומה, בין איך א יתום, אזוי גוט ווי זי האבען אן ערליך און א גוט הארץ, איז ביי מיר אויך דאס זעלבע, אזוי גוט ווי זי זענען א פריילין, בין איך אויך נאך א פריילעדיגער. דער אונטערשייד איז נאר, וואס זי זענען זעהר ארום, און איך בין זעהר רייך, פאר דאס אז מיר וועלען צו מזל חתונה האבען, וועלען מיר זיין ביידע גלייך”.

נאך דעם וואס סערקאלע האט זיך עטוואס בערוהיגט, האט זי עם אזוי געענטפערט: „ענטשולדיגען זי מיר, וואס איך גיב נאך איהן נישט קיין בעשטומטען ענטפער. די ריכטיגע אורזאכע דערפון איז, בעוויל איך בין פיעל יאהרען געצויגען געווארען ביים היגען רב, וועלכער איז פון מיין פאמיליא, דער רב מיט די רביצין זענען צו מיר אזוי ווי א טאטע מאמע, אלזא קאן איך אהן זייער ידיעה קיין זוי גרויסען שריט נישט טהון”.

דער ענטפער איז מאריצען זעהר געפאלען, און די זאך איז אבגעלעגט געווארען אויף ביינאכט, זאלען זיי זיך צוזאמען קומען צום רב, און דארט וועט מען זיך אלעס אדורכשמיעסען. און באם דער רב מיט די רביצין וועלען צו דעם שידוך מסכים זיין וועט אזוי פערבלייבען. מאריץ האט אבגעלעגט זיין רייזע אויפצומארגענס, האט זיך מיט סערקעלען אויף דערוויל געזעגענט און איז אוועק אויף זיין סטאנציע, ווי ער האט זיך אנגעהויבען פארברייטיג צו מאכען אוועק צוגעהן צום רב באלד אין אנהויב נאכט. אין דעם זעלבען טאג איז די רביצין גיוועזען ביי סערקאלען אין געוועלבעל, און זי האט זיך דערוויסט פון אלעס וואס דא איז פארגעקומען. די רביצין האט זיך זעהר געפרייט פון דער נאכריכט און איז באלד אהיים געגאנגען, פארברייטיג צו מאכען דעם רייכען חתן שעהן צו ענטוואנגען.

באלד נאך מנחה מעריב האט מאריץ הערמאן געמאכט א וויזיטע צום רב, ער האט זיך פאר'ן רב פארגעשטעלט ווער ער איז, פון וואנעט ער שטאמט ארויס, דער רב האט עם גיענטפערט אז ער האט זיין פאטער גוט געקאנט פון ברעסלוי. זיי ביידע האבען זיך צו שמועסט אין וועלטס זאכען, ביז זיי זענען ארויסגעקומען אויף דעם שמיעס צוליעב וואס מאריץ איז צום רב אריינגעקומען. דער רב האט שמייכעלדיג גיענטפערט די ווערטער: „נו ס'שטעהט

דאך

דאך עפּעס, בשאלה פּיה ואמרה הן, מוז מען דאך הערען פון איהר מויל דאס ווארט — "יא — ". די רביצין האט באלד געשיקט נאך סערקאלע זאל קומען צום רב, און די זעלבע נאכט איז געפּראווערט געוואָרען א תנאים כנהוג בין הנגידים, א זמן חתונה איז אנגעשמיעסט געוואָרען אז אין צוויי וואכען ארום, ווען מאריץ וועט צוריק פאָהרען פון קייזערליכען הויף, וועט ער אבשטייגען אין גרײדיץ, דאן וועט מען שטעלען א חופּה, נאכהער וועט ער באלד מיט די כלה אהיים פאָהרען נאך בראזיליען, בעוויל ער וועט שוין דאן גאר קיין צייט נישט האבען צו פערזאהמען זיך לאנג אין גרײדיץ. מאריץ האט איבערגעלאָזט די כלה א שעהנע מטבע לעטצגעלד, זי זאל זיך דערוויל איינקויפען אלעס וואס זי ברויך, אויפ'ן העכסטען נגידישען און אַרעסטאָקראטישען שטייגער, האט אבשייד גענומען פון אלע און איז אוועק געפאָהרען.

אין צוויי וואכען ארום איז מאריץ הערמאן געקומען צו פאָהרען קיין גרײדיץ, אין דעם חופּה=טאג האט ער צוטיילט פיעל געלד צדקה צו אָרימע=לייט, און טראָץ דעם האט ער ביים רב איבערגעלאָזט א גרויסע סומע געלד צו שטיצען וואהלטהעטיגע אנשטאלטען. ביינאכט איז געוועזען די חתונה און אין דער פריה איז באלד דאס פּאָר=פאָלק אוועק געפאָהרען. דער רב האט זיי געבענטשט זיי זאלען איבערקומען דעם וויטען וועג בשלום, דערנאך האט דער רב געזאָגט צו די רביצין שמייכעלדיג די ווערטער: „הייסט עס, אז די יתומה איז פערחאפט געוואָרען, אַזש קיין בראזיליען"!

אין בראזיליען האט דאס פּאָר=פאָלק געלעבט גליקליך און גרוים רייכטהום, דארט האט די פרוי שוין נישט געהייסען סערקאלע, נאר די מעדאמע סעניא הערמאן. צייט זעקס יאהר האט זי געבאָרען א זוהן מיט א טאָכטער. מאריץ הערמאן האט זעהר מצליח געוועזען אין געשעפט און ער האט עס אלע מאהל מעהר פערגרעסערט. אצינד זאל מען דאס פּאָר=פאלק לאָזען לעבען אין לייבען אין בראזיליען און מען וועט זיך צוריק קערען קיין פּאָזען, א בליק צו טוהן, וואס איז עפּעס געוואָרען פון דעם איזאק'ן וואס ער איז אמאהל געוועזען סערקאלעס חתן.

איזאק האט זיך געלאָזט אראָבפיהרען פון גלייכען וועג דורך זיינע שלעכטע חברים, און ער האט חתונה געהאט אין פּאָזען מיט א מעהרעל, וועלכע איז געוועזען א גאנצע אַרעסטאָקראטקע. ביי דעם וויב איז איזאק אריינגעפאלען אין א גרויסע צרה. די צרה האט געהייסען „עס פּאסט דאך נישט". ערשטענס נאך פאר די חתונה האט די כלה צו עם געזאגט: „עס פּאסט דאך נישט מען זאל דיך רופען, איזאק, שמיזאק, עפּעס אַן ׃לטער פערשי=מעלטער אידישער נאמען. איז דען נישט שענער זאלסט הייסען „איגנאץ". דער נאָמען איז דאך דייטשיש און קריסטליך, עס האט דאך גאר אנאנדער פּנים". הכלל האט אזוי געמוזט בלייבען, נישט איזאק, נאר איגנאץ. שפּאצירען צו געהן מיט די כלה, דאס גלייכען צו בעזיכען אלע מאהל די

טעאטערס

טעאַטערם מיט די כלה, דאָס אַלץ האָט געמוזט זיין עפּעס, וואָרום „עס פּאַסט דאָך נישט" אַנדערש. ס'איז פערפאַלען! מען מוז זיך פיהרען מיט אַזאַ כלה אויפ'ן אַרעסטאָקראַטישען שטייגער. מיט דעם געדאַנק איז איגנאַץ אַרום געגאַנגען שטענדיג. ממילא דאָס איז שוין זעלבסט פערשטענדליך, אַז ער האָט שוין נישט געקאָנט אַזוי פיעל אַרבייטען ווי דעפאָיר. און ער איז געוואָרען אַ גרויסער אויסברענגער און אַ קליינער איינברענגער. דאָס ביסעל נדן געלד וואָס איז געבליבען נאָך די חתונה איז אַוועק געגאַנגען אויף אַ שעהנע דירה מיט אַ שעהן ביסעל מעבעל. וואָרום ביי יעדער זאַך האָט אַלץ די ווייב געשריגען צו עם: „סטאַטש ס'פּאַסט דאָך נישט! וואָס מיינסטו עפּעס! די ווילסט דיך פיהרען אַזוי ווי אַ פּראָסטער שניידער? און אפשר נאָך אַזוי ווי דיין אַלטער טאַטע מאירטשא גריידיצער? אָה, ניין! דאָס זאָלסטו פאַרגעסען, דאָ מוז מען נאָר קוקען ווי אַזוי ס'פּאַסט פאַר אַ רעסטאָקראַטישע מענשען",

אין האַרץ האָט איגנאַצען געגוג געקרענט און געדרוקט דאָס אַרעסטאָקראַטישע פיהרעכץ פון זיין פרוי, גלייך זי וואָלט טאַקי באמת געוועזן אַ גדולה'טע, אָבער לפנים האָט איגנאַץ געמוזט איהר ווייזען אַ פנים יפות, אַז ער איז גאַנץ שעהן צופריעדען פון אַזאַ פיהרעכץ. דאַדורך איז איגנאַץ אַראָבגעפאַלען פון פנים און האָט אָנגעהויבען שלעכט אויס צוזעהן. מיט דעם צוזאַמען האָבען זיך די קרעפטען אויך ביי עם געמינערט, און ער האָט איבער זיין געזונד צושטאַנד נישט געקאָנט אַזוי פיעל שעה און מעת לעת אַרבייטען ווי פאַר די חתונה. נאָך מעהר האָט איגנאַצען געדריקט, און עס איז עם געלעגען ווי אַ שטיין אויפ'ן האַרץ, זיין אַלטען פאַטערס לעצטע ווערטער, וואָס ער האָט געהערט פון עם ביים אַהיים פאָהרען פון פאָזען צוריק קיין גריידיץ, ווען ער האָט זיך מיט עם געזעגענט האָט ער צו עם זעהר איראָניש געזאָגט: „געדענק איזאַק! דו פיהרסט דיך איבער מיט דעם וואָס דו שטעלסט דיך אונטער מבייש צו זיין אַ יתומה, און נאָך דערצו אונזער הייליגען רב'ס אַ קרובה. גידענק איזאַק! דו פיהרסט מיך אויך איבער, וואָרום איך וועל עס נישט אויסהאַלטען פאַר עגמת נפש, און איך וועל דורך דיר פאַר די צייט פון דער וועלט אַוועק געהן"! די פייערדיגע ווערטער פון דעם אַלטען ערליכען שניידער האָבען שטענדיג געקלונגען ביי איגנאַצען אין די אויערען, זיינע געוויסען האָבען עם שטענדיג געפייניגט, אַז ער האָט זיין פאָטער אומגעברענגט, און ער האָט עם אַוועק געשיקט פון די וועלט פאַר די צייט. איגנאַצען פלעגט זיך עפּעטער צו דאַכטען אין חלום, אַז זיין אַלטער פאָטער שטעהט פאַר זיין בעט, און גדאָדזשעט צו עם מיט די האַנד, און שרייט צו עם; „גידענק איזאַק! דו האָסט דיך איבערגעפיהרט, וואָס דו האָסט חתונה געהאַט מיט אַזאַ פערשאַהטע ווייב, און דאַדורך ביזט דו געוועזן מיין מערדער, מיין רוצח, עס וועט דיר געוויס געצאָהלט ווערען"! נאָך די עפּטערע שרעקענדיגע חלומות פלעגט זיך איגנאַץ אויפכאַפּען אין מיטען די נאַכט און אַרום צו לויפען איבער די שטיב ווי אַ משוגענער. פאַר דעם ווייב האָט ער זיך געשעהמט אויסצוזאָגען וואָס ביי עם אין האַרצען טהוט זיך. און דאָס אַלץ האָט איגנאַצען אָבגעשוואַכט אַלע מאָהל מעהר און מעהר, סיי די פיזישע קרעפטען און סיי די גייסטליכע קרעפטען, און נישט איינמאָהל איז אויסגעקומען, אַז די

ארעסטאקראטקע האט אויף עם געשריגען: „די גריידיצער אידיאט! ווי דערלעב איך שוין דיינע פטור צו ווערען"!

מאכט זיך ווייטער א מעשה אין עטליכע יאהר ארום נאך די חתונה ווערט די ארעסטאקראטקע געלעגען און האט געבארען א קינד. דארף מען דאך דאס קינד זייגען, זאגט אבער די מוטער: „לאו" ווי הייסט דאס עפעס איך זאל זייגען? ווי פאסט דאס פאר מיר איך זאל ווייטער א קינד זייגען, מיינע בעירע שוועסטערן האבען נישט געזייגט קיינמאהל קיין קינד, נאר זיי האבען צו גענומען אממען, און איך זאל א זייגערין ווערען? ווי פאסט דאס עפעס פאר מיר". דער ארימער איגנאץ נעבעך שטעהט ביים בעט און גיבט איהר צו פערשטעהן אז די פינאנסען זיינע טראגען נישט אזוי ברייט צו פיהרען זיך צו צונעמען איין אם, אין פאזען איז דאס זעהר א גרויסער קאשט. די קינדבעטארען וויל אבער עם גאר נישט הוירכען און זידעלט עם אהן גאנץ גוט, ווי איהר שטייגער פלעגט זיין. מילא ס'איז דאך עפעס צו דערהאלטען א קינד, איז איגנאץ געגייט געווען צו צונעמען אן אם. אה, ווי נעמט מען געלד! אויף דעם האט דאך איגנאץ געהאט עפעס חברים גוטע ברידער. אבער נישט עם צו שטיצען מיט א גמילת חסד, נאר זיי האבען עם געשאפט פראצענטניקעס, וואס האבען עם געבארגט געלד אויף א שעהנעם פראצענט. דא איז צוגעקומען צו דעם ארימען איגנאצען א נייע קאפ-פערררייעניש. וועקסעלעך אהין, וועקסעלעך אהער. דאס פראצענט האט געוואקסען ווי אויף הייוועו פון טאג צו טאג. אז איגנאץ האט נישט געהאט צו צאהלען דעם פראצענט, האט מען צו גירעכענט צוזאמען דעם פראצענט מיט די ערשטע סומע און מען האט געמאכט א גרעסער וועקסעלע, קיין אנדערע ברירה איז נישט געוועזן.

א קנאפ יאהר האט דער ארימער איגנאץ אזוי געדרייט מיט וועקסעלעך, ביז דער קריזיס האט אנגעריקט. די בעלי חובות האבען געזעהן, אז די ווירטשאפט פון שטיב באטרעפט שוין באלד נישט די סוממע פון די חובות, האבען זיי אנגעהויבען קאטעגאריש צו פאדערען פון עם געלד, מזומן געלד, נישט קיין וועקסעלעך. בקיצור עס איז געקומען דערצו אז די בעלי חובות האבען געמאכט א ליציטאציא אויף איגנאצענס ווירטשאפט און מען האט אלעם פערקויפט. די בעלי חובות האבען זיך איינגעטיילט מיט'ן געלד, און איגנאצענס וואהנונג איז געבליבען ליידיג.

דעם טאג פון די ליציטאציא האט איגנאצענס ווייב די ארעסטאקראטקע געמאכט דעם גרעסטען שריט וואס קאן נאר זיין. אלץ נאר צו ליעב דעם „וואס עס פאסט נישט". גאנץ פריה האט זי זיך אויפגעחאפט און איז אוועק געלאפען צו איהרע עלטערען, וועלכע האבען געוואהנט אויף אנ'אנדערע גאס, ווארען דאן האט דאך שוין באמת טאקי נישט געפאסט פאר איהר, זי זאל צוקוקען ווי מען פערקויפט איהר ווירטשאפט. פערלאזט האט זי זיך דער עיקר אויף די חברה-לייט, די גוטע ברודער, אז מסתם וועלען זיי נישט דערלאזען, אז די ווירטשאפט פון איהר וואהנונג זאל פערקויפט ווערען, מסתם וועלען זיי מיט די בעל חובות זעהן אדורך צוקומען, זי זאל נישט קומען צו אזא גרויסען בזיון ווארום, היתכן! ס'איז דאך עפעס שטארקע גוטע פריינד, וואס מען האט אזוי לאנג גוט געלעבט צוזאממען, אין טעאטער איז מען נישט געגאנגען איינער

אהן

אָהן אַנדערען, אַ לעב געמאַכט אַלץ צוזאַמען, אַ שפּאַציר געמאַכט אַלץ צוזאַמען. דערצו זענען זיי דאָך עדעלע, זיידענע יונגעלייט, געוויס וועלען זיי דאָס נישט צולאָזען, איך זאָל אַזוי פֿאַרשעהמט ווערען. מיט דעם געדאַנק האָט זיך די אַרעסטאָקראַטקע געטרייסט איהר האַרץ, ווען זי איז אַרויס גאַנץ פֿריה פֿון איהר וואָהנונג צו איהרע עלטערען

אָבער נאָך מיטאָג צייט, ווען די אַרעסטאָקראַטקע איז געוואָהר געוואָרען, אַז איהר האָפֿפֿענונג איז גיוועזען פֿאַלש, און עס האָט זיך אַפֿילו קיין איינער פֿון די גוטע פֿריינד נישט אַריין געוויזען צו בעווייזען עפּעס אַ הילף פֿאַר איהר. דאַן האָט זי אָנגעהויבען צו וויינען און צו קלאָגען: ווי פּאַסט דאָס פֿאַר איהר, זי זאָל צוריק אַהיים געהן אין די לעדיגע וואָהנונג. אויף איהרע עלטערן האָט זי זיך אויך נישט געקאָנט פֿערלעגען, וואָרום זיי זענען דאַמאָלס אויך געוועזען נישט קיין גרויסע גבירים און נישט קיין קליינע אָרימע לייט. האָט זי בעשטימט, אַז אַזוי ווי עס פּאַסט נישט פֿאַר איהר צו פֿיהרען אַן אָרעם לעבען, איז גלייכער די וועלט אין גאַנצען פּטור צו ווערען...

געזאָגט און געטהון, ווי דער שטייגער איז ביי אַזעלכע לייכטזיניגע מענש־לעך, אַז זיי האָבען פֿיינד זיך צופֿיהער צו ״ישוב׳ן. אין די זעלבע נאַכט האָט דער אָרימער איגנאַץ בעקומען די נאַכריכט, אַז ער איז אַן אַלמן געוואָרען. די אַם ווייטער, אַז זי האָט געזעהן דעם חורבן וואָס דאָ איז גישעהן. געקומען איז איהר שוין באַלד פֿיר אַ האַלב יאָהר שבירות, האָט זי זיך מישב גיוועזען און איז אַנטלאָ־פֿען מיט׳ן קינד, וואָרום זי האָט גראַדע קיין אייגען קינד נישט פֿערמאָגט, האָט זי זיך אָנגעפּאַסט זי זאָל דאָס קינד דערציהען פֿאַר אַן אייגען קינד. בקיצור דער אָרימער איגנאַץ האָט אַלץ פֿערלוירען, און איז נאָר געבליבען ביים נייען נאָמען איגנאַץ, דאָס איינע האָט ער ערוואָרבט פֿון די חתונה, און ער האָט שוין כמעט פֿערגעסען אַז ער הייסט איזאַק. נאָך די מעשה איז ער אַרום געגאַנגען מעלאַנ־כאָליש, שטאַרק צומישט פֿאַר צרות. פֿון די אַלע זיינע גוטע ברידער האָט ער שוין קיין איינעם פֿון זיי נישט געזעהן, וואָס זאָל האָטש איהם טרייסטען מיט אַ גוט וואָרט. קיין קאָפּ צו זיין מלאכה האָט ער אויך שוין נישט געהאַט, און דער פֿאַבריקאַנט האָט שוין נישט געוואָלט איהם קיין אַרבייט געבען. עס איז איהם פּשוט געשטאַנען אויסצוגעהן פֿאַר הונגער.

דער אָרימער איגנאַץ איז אַזוי אַרומגעגאַנגען אין גרויסע געהאַקטע צרות בערך צוויי מאָנאַטען. נאַכהער איז איהם זיין פֿערשטאָרבענער פֿאָטער, דער אַלטער מאירטשע שניידער פֿון גריידיץ, געקומען צו חלום און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט: „מיין קינד! די שטראָף, וואָס דו האָסט מבייש געוועזען די יתומה פֿון גריידיץ, ביי וואָס עס איז גיוועזען פֿערמישט אויך דער כבוד פֿון דעם גרויסען צדיק דער גריידיצער רב, ביסט דו שוין אָבגעקומען. אָבער דו דאַרפֿסט נאָך ליידען אַ גרויסע שטראָף פֿאַר דעם, וואָס דו האָסט ביי מיר אַוועק גערויבט עטליכע יאָהר פֿון מיין לעבען, וואָס איך בין געשטאָרבען עטליכע יאָהר פֿאַר די צייט איבער דעם עגמת נפש וואָס איך האָב דורך דיר געליטען. דו וועסט אָבער דאָס אויך איבערקומען. דערנאָך, אויב דו וועסט דיך פֿיהרען יודיש, וועט דיר גוט זיין. מאָרגען געה צו דיין פֿאַבריקאַנט און בעט ביי איהם הילף, וואָס ער

וועט

ווערט דיר פארלעגען זאלסטו איהם פאלגען".

איגנאץ האט זיך אויפגעחאפט פון שלאף מיט גרויס הארצקלאפונג, ער האט פערשטאנען אז דער חלום איז עפעס יא זעהר וויכטיג. באלד אין דער פריה איז ער אהין צום פאבריקאנט און מיט טרערען אין די אויגען האט ער געבעטען ביי איהם עפעס הילף. דער פאבריקאנט האט אבער זיין בקשה ענטזאגט. ער האט איהם געגעבען צו פערשטעהן, אז מעהר קיין ארבייט קאן ער איהם שוין נישט ארויסגעבען צו טהון, בעוויל ער האט אין די לעצטע צייטען געליטען שאדען פון דער ארבייט וואס איגנאץ האט געמאכט, מען האט אלעס געמוזט איבערארבייטען. איגנאץ האט נישט געהאט קיין רייד מיט וואס צו פערענטפערען זיך פאר'ן פאבריקאנט, ער האט ארויסגעלאזט א טיעפען קרעכץ פון זיין ביטער און צובראכען הארץ, און האט שוין געוואלט ארויסגעהן א פערצווייפעלטער. דער פאבריקאנט האט אבער דאך בעקומען גרויס רחמנות אויף דעם ארימען יונגערמאן, און האט צו איהם אזוי געזאגט: „ווייסטו וואס איגנאץ איך וואלט דיר געראטען. אזוי ווי איך זעה אז דיין פעהיגקייט צו דער ארבייט האסטו פערלוירען, קאן איך דיר ביי מיר געבען אנ'אנדער בעשעפטיגקייט, דו זאלסט זיין ביי מיר אין געשעפט אלם משרת ביי דעם פוטערווערק, גוט איבערצוליפטערען אלע מאהל די סחורות, צו פאקען, צו טראגען, צו פיטצען און מיט מיר צו פאהרען אין וועג אריין. אויב דו קאנסט דיך דאס אלץ אונטערנעמען איך זאל זיין פון דיר צופריעדען, וועל איך זעהן זאלסט האבען ביי מיר פרנסה".

איגנאץ האט מיט א צאפעלדיג הארץ איינגעשטוממט אויף דעם פארשלאג, און ער האט מבטיח געווען מיט אלע מעגליכקייטען געטריי צו דיענען אלם משרת ביי דעם פאבריקאנט. דאן האט דער פאבריקאנט צו איהם געזאגט: „נו אויב אזוי, ברענג זשע דא אהער דיינע אלע זאכען, וועסטו שוין דא ביי מיר זיך אויפהאלטען מיט אלעם, און כאך דיך פארברייטונג דו זאלסט קאנען אויף די אנדערע וואך מיט מיר מיטפאהרען קיין בראזיליען, סחורה איינצוקויפען". דאס איז געווען א וויטע נסיעה, וואס דער פאבריקאנט פלעגט אלע מאהל איין מאהל אין יאהר קיין בראזיליען צו פאהרען, איינקויפען פוטערווערק פון די ווילדע חיות, וואס געפינען זיך אין די שרעקליכע גרויסע וועלדער פון בראזיליען. אזא נסיעה פלעגט געדויערען אלע מאהל פון דריי ביז פיער מאנאטען. איגנאץ איז אויף אלעם בעשטאנען, און איז נאך אין דעם זעלבען טאג געווארען א בן בית ביי דעם פאבריקאנט.

אויף די צווייטע וואך איז דער פאבריקאנט אוועק געפאהרען נאך בראזיליא און האט מיטגענומען צוויי משרתים. איינער פון די צוויי איז געווען דער זעלבער איגנאץ. דער גרעסטער האנדעל פון די טייערע פוטערווערק איז דאן געווען אין די גרויסע שטאדט סאן-פוילא, דארט קומט פאר אלע יאהר א גרויסער יריד פון דעם מסחר, וועלכער ציהט זיך א גאנצען חודש. דער פאבריקאנט איז בשלום אנגעקומען קיין סאן-פוילא מיט זיינע צוויי משרתים, און ער האט דארט פערנומען א גרויסע סטאנציע ווי געווענהליך אלע יאהר. נאך די ערשטע צעהן טעג האט דער פאבריקאנט אוועק געשיקט דעם ערשטען טראנספארט סחורה מיט דעם אנדערען משרת, נישט מיט איגנאצען, דער משרת איז געפאהרען מיט

די

די פעק סחורות ביז צום ים און האָט געוואַרט אויף די רעשט טראַנספּאָרטען סחורות. אין 10 טאָג ארום איז ווייטער דער פֿאַבריקאַנט אַליין אוועקגעפֿאָהרען מיט'ן גרעסטען טראַנספּאָרט סחורה, אויך אַזוי אַלץ ביז צום ים. די געמיינסטע און די ביליגסטע סחורות האָט ער איבער געלאָזט פֿאַר איגנאַצען, ער זאָל מיט זיי קומען צופֿאָהרען אין אַן אַכט טאָג אַרום, בעוויל עס האָט אַזוי געדאַרפט צו געדויערען דאָס צוגרייטען מיט דעם איינפּאַקען.

נאָך דעם וואָס איגנאַץ איז געבליבען אין דעם האָטעל אַליין, האָט זיך געמאַכט אַזאַ שרעקליכער צופֿאַל. פֿון דער הויפּטשטאָדט זשאַנייראָ איז געקומען צופֿאַהרען אַ קעניגליכער בעאַמטער, איינקויפֿען זעהר טייער פּוטערוואַרק פֿאַר'ן קעניגליכען הויף. דער בעאַמטער האָט מיט גענומען מזומן געלד 5000 דאָלאַר און ער האָט זיך אויך אָבגעשטעלט אין דעם זעלבען האָטעל, באַלד אין אַ צווייטען נומער נעבען דעם נומער ווי איגנאַץ האָט בעוואָהנט. און ווי געוועהנליך פֿעהלט נישט אויף אַזאַ יריד קיין חיטרע גנבים, רויבער און באַנדיטען. אַזעלכע צוויי חברה-לייט האָבען דערשפּירט אַז דאָ געפֿינט זיך אַזאַ היבשע סוממע געלד ביי דעם בעאַמטען, האָבען זיי זיך פֿערלעגט דאָס געלד צו בערויבען, בעוויל זיי זענען געוואָהר געוואָרען אַז דער בעאַמטער איז איינער אַליין אין זיין נומער. די צוויי רויבער האָבען זיך אויסגעגעבען פֿאַר סוחרים אָדער פֿאַר מעקלערס און זיי האָבען אָנגעהויבען צו ווערען איינגעייערס צו דעם בעאַמטען. זיי האָבען אויך עטליכע מאָהל אַריינגעשמעקט אין דעם נומער ווי איגנאַץ איז געווען, און זענען מיט איהם אויך געוואָרען היימיש.

דריי טאָג פֿריהער איידער איגנאַץ האָט שוין געזאָלט אַוועקפֿאָהרען מיט זיין טראַנספּאָרט סחורה, זענען די צוויי באַנדיטען אַריין צו דעם בעאַמטען און זיי האָבען איהם דערוואָרגען אַזוי שנעל, אַז ער האָט אַפילו נישט קיין געשריי געקאָנט מאַכען. נאָך דעם האָבען זיי ביי איהם צוגערויבט דאָס געלד מיט אַלע זאַכען און זענען זיך אַרויסגעגאַנגען גאַנץ רוהיג, און האָבען פֿערשלאָסען די טהיר. די באַנדיטען האָבען אָבער געוואוּסט פֿערדרייען די קעפּ פֿון דער אָרטיגער פּאָליציי, וועלכע וועט אָנהויבען שטרענג צו זוכען די מערדער, האָבען זיי זיך אַזאַ עצה געטהון, זיי זענען נאָך דער הריגה זיך אַריינגעגאַנגען גאַנץ געלאַסענט צו איגנאַצען און האָבען מיט איהם אַביסעל צייט פֿערברענגט. איינער האָט זיך מיט איגנאַצען גוט צושמיסט און דער צווייטער האָט ביי איהם אין נומער דאָרט ערגיץ בערשטיפּט דעם טייסטער פֿון דעם דער'הרג'עטען מיט פֿערשידענע פּאַפּירען, וואָס דאָרט זיינען געלעגען. און אויסער דעם האָבען זיי נאָך אויך דאָרט בעהאַלטען אַ פֿערבלוטיגט טאַשען טיכעל פֿון דעם דער'הרג'עטען און זענען זיך פֿון דאָרט אַוועק געגאַנגען זייער וועגס.

אין דער פֿריה איז אין האָטעל אַ גרויס וואונדער געווען, וואָס מען זעהט נישט אַריינקומען דעם בעאַמטען ווי זיין שטייגער איז געווען אַלע טאָג, ביז די זאַך איז געוואָרען ביי זיי פֿערדיכטיג און מען האָט גערופֿען פּאָליציי, וועלכע האָבען געלאָזט אויפֿהאַקען די טהיר. דאָ האָבען זיי דערזעהן וואָס דאָ איז געשעהן. מען האָט געשיקט נאָך מעהר פּאָליציי, און ערשטענס האָבען זיי זיך גענומען מאַכען אַנ'אָביסק אין אַלע נומערען פֿון האָטעל. מען האָט דעם האָטעל

באַלד

באַלד אָבגעשלאָסען און זיי האָבען שוין קיינעם פון דאָרט נישט אַרויסגעלאָזט, די פּאָליציי האָט אָבער נישט געהאַט קיין גרויסע אַרבייט און זיי האָבען נישט געדאַרפט לאַנג זוכען, וואָרען באַלד דערנעבען אין אינגנאַצענס נומער האָבען זיי געפונען דעם דער'הרג'עטענם טייסטער מיט אַ פערברוטיגט טאַשען-טיכעל, וועגען זיי דאָך שוין געוועזען זיכער אַז דאָס איז דער מערדער. אינגנאַץ האָט זיך געפּרובט פערטיידיגען אַז ער ווייסט פון גאָר נישט. ער האָט אָבער באַלד געכאַפּט פון די פּאָליציי עטליכע גוטע פּעטש, אַזוי אַז דאָס מויל איז איהם פערמאַכט געוואָרען, און ער האָט שוין גאָר נישט געקאָנט זיי ענטפערען אויף זייערע פראַגעס. בקיצור די אָרטיגע מאַכט האָט קאָנפיסקירט אַלץ וואָס זי האָט נאָר געפינען אין דעם נומער, אינגנאַצען האָט מען געשלאָסען אין קייטען און אַריינגעזעצט אין טורמע.

די אויספאָרשונגס מאַכט האָט זיך געטהון דאָס איהריגע. מען האָט דעם אומשולדיגען אינגנאַצען אַלע טאָג גענומען אויפ'ן פערהער, און ער האָט נאָר אַלץ זיך פערטיידיגט מיט די זעלביגע ווערטער אַלע טאָג גלייך, אַז ער ווייסט פון גאָר נישט, נאָר אַז עס זענען ביי איהם געוועזען צוויי מענשען, האָבען זיי געוויס איהם דאָס אונטערגעוואָרפען. די אויספאָרשונגס מאַכט האָט געזוכט און חוקר ודורש געוועזען אַ לאַנגע צייט, און עס האָט זיך אַזוי אַבגעשלעפּט העכער ווי אַ האַלב יאָהר, אָבער אַלץ אָהן ערפאָלג. מען האָט נישט געקאָנט געפינען קיין מענש וועמען נאָך צו בעשולדיגען אין דעם מאָרד אויסער אינגנאַצען. איז אַלזאָ אויף איהם אַליין געבליבען ליגען די גאַנצע שולד. צוליעב די מאָטיוועו פון די בראַזילישע געזעצען האָט מען אינגנאַצען איבערגעפיהרט קיין זשאַנייראָ, מען זאָל איהם דאָרט משפּט'ן.

דער טאָג פון זיין משפּט איז אָנגעקומען. און חאָטש עס איז קיין עדות גאָר נישט געווען אַז ער איז בעגאַנגען דעם מאָרד, פון דעסטוועגען איז גאַנץ גענוג געווען דער בעווייז וואָס מען האָט ביי איהם געפינען דעם טייסטער מיט'ן טאַשען-טיכעל, אַז דער סאָנד זאָל איהם טאַקי אָננעמען פאַר דעם ווירקליכען מערדער. אינגנאַץ איז פער'משפּט געוואָרען צום טוידט דורך הענגען. דאַמאָלס האָט אין בראַזיליען עקזיסטירט אַזאַ געזעץ, אַז דער וואָס איז פער'משפּט געוואָרען צום טוידט, האָט געהאַט די ברירה זיך אויסצוקויפען מיט געלד, וויפיעל דער סאָנד האָט אויסגעשטעלט. און אויב דער אייגענער האָט נישט געקאָנט שטייגען צו אַזאַ גרויסע סומע וואָס דער סאָנד האָט אויסגעשטעלט, האָט געקאָנט גאָר אַ פרעמדער מענש אויסקויפען דעם צום טוידט פער'משפּט'ן. נאָר פאַר דאָס האָט שוין דער פער'משפּט'ער מענש געהערט אינגאַנצען צו דעם וואָס האָט איהם אויסגעקויפט. דאָס הייסט אַז ער האָט געהייסען זיין אייביגער שקלאַף, און ער האָט געמעגט מיט איהם טהון שטענדיג וואָס ער האָט נאָר געוואָלט. איז אַלזאָ געווען איינגעפיהרט אַז איינער איז פער'משפּט געוואָרען צום טוידט האָט מען דערנאָך אַ גאַנצען מאָנאַט מודיע געוועזען אין די צייטונגען, אַז דער און דער איז פער'משפּט געוואָרען צום טוידט, און אַזוי פיעל און אַזוי פיעל איז אויסגעשטעלט געוואָרען פאַר זיין קאָפּ אויסקויפגעלד. דער סאָנד וואָס האָט אינגנאַצען פער'משפּט צום טוידט האָט אויסגעשטעלט באַלד דרייסיג טויזענד דאָלאַר פאַר זיין קאָפּ אויסקויף געלד. דאָס הייסט 5000 דאָלאַר צו בעצאָהלען אין קעניגליכען הויף אַריין, וואָס מען האָט אַיועקגעריבט ביי דעם בעאַמטען, און 25000 דאָלאַר צו

בעצאָהלען

בעצאהלען דעם ערמארדעטענס פאמיליע. און עס איז בעשטומט געווארען, אז די ידיעה זאל מען בעוואוסט מאבען אין אלע בראזילישע צייטונגען א גאנצען מאנאט צייט.

אצינד לאז מען דעם ארימען אומשולדיגען איינגאץ אבלאזען אביסעל, און מען וועט צוריק געהן א קוק טהון וואס די מאדאם סעניא הערמאן מאכט עפעס. עס איז שוין איבען בעשריבען אז צייט זעקס יאהר נאך די חתונה האט זי געבארען צוויי קינדער א זוהן מיט א טאכטער. דאס רייכטהום זייערס איז געוואקסען פון טאג צו טאג, אלע מאהל גרעסער און גרעסער. אין די הויפטשטאדט זשאנייראו האט הערמאן געהאט זעהר א גרויס יובילען געשעפט פון דימאנטען און בריליאנטען. א האלבע מייל ווייט פון דער שטאדט האט הערמאן געהאט זעהר א גרויסע און א שעהנע ווילליא. דארט איז געוועזען זייער וואהנונג, וועלכעס איז בעשטאנען פון א שעהנעם פאלאץ. און דארט איז אויך געוועזען די פאבריק ווייערע ווי מען האט די שטיינער געשליפען. סעניא איז אבער באשערט געוועזען א גרויס עגמת נפש, אזוי ווי דאס צווייטע נביאות פון גריידיצער צדיק איז געוועזען מיט די ווערטער „באמה, כבתה, אזוי ווי די מוטער איז געוועזען אזוי וועט זיין די טאכטער". דאס הייסט אזוי ווי די מוטער איז געוועזען אן'אלמנה, אזוי וועט זי אויך זיין אן'אלמנה, דאס נביאות איז טאקי מקוים געווארען, און צייט אכט יאהר נאך די חתונה איז איהר מאן דער גרויסער גביר טאריץ הערמאן שטארק קראנק געווארען און איז געשטארבען.

סעניא איז געבליבען אן'אלמנה מיט צוויי קינדער. אבער זי איז געבליבען ביי דעם גאנצען רייכטהום. און זי האט פערלעגט א גרויסען כח, אז די געשעפטען זאלען זיך ווייטער פיהרען פונקט אזוי ווי ביים מאנ'ס לעבען. זי איז אלע טאג אריינגעפאהרען פון איהר ווילליא קיין זשאנייראו אויף זעהר א רייכע און שעהן פערפיצטע קאטש מיט פיער פערד אין איהר יובילען געשעפט אריין, אכטונג צו טוהן דאס געשעפט זאל זיך פיהרען אין בעסטען ארדנונג. און אזוי ווי ביים מאנ'ס לעבען האבען זיי געפלעגט אוועקגעבען פיעל געלד אויף וואהלטהעטיגע צוועקען, אזוי נאכ'ן מאנ'ס טוידט האט סעניא געפלעגט צו טהון פיעל גוטס מיט איהר געלד און פיעל צדקה האט זי אלע טאג צוטיילט. איהר נאמען האט שטארק געשם'ט אין גאנץ זשאנייראו און אויך ארום און אין גאנצען געגענד, ווער עס האט נאר געדארפט עפעס הילף האט זיך געווענדעט צו די פירמע הערמאן. צו דעם אלעם צו איז סעניא פון איהר פרומקייט קיינמאל נישט אבגעטרעטען און זי האט געפיהרט איהר הויז זעהר אידיש ארטאדאקסיש. ביי איהר אין הויף איז געוועזען א בית־המדרש'ל, ווי אלע שבת פלעגען זיך צוזאממען קומען אידען דאווענען מיט מנין. אויך איז געוועזען אין איהר הויף א קליין מקוה'לע, אלץ אויפ'ן העכסטען אידישען שטייגער. דאס אלץ איז אבער איהר נישט ניחא געוועזען מיט'ן גאנצען הארץ, בעוויל זי האט זיך געשפיהרט אז זי איז עפעס גאר אין א פרעמד לאנד, און דאס בענגשאפט צו איהר פאטערלאנד איז איהר געלעגען זא ווי א שטיין אויפ'ן הארץ. נאך מעהר האט זיך ביי איהר פערשטארקט דאס בענגשאפט נאכ'ן מאנ'ס טוידט, בעוויל זי האט זיך דאן געשפיהרט זעהר פרעמד און עלענד, זי האט אבער קיין אנדערע ברירה נישט געהאט און האט געמוזט ליידען.

נאך

נאָך דעם וואָס איגנאַץ איז אין זשאַנײראָ פֿער'משפּט געוואָרען צום טױדט דורך הענגען, איז געװען געדרוקט אַלע טאָג אױף די צײטונג „זשורנאַל ריאָ־דע־זשענײראָ" די גאַנצע מעשה בקיצור. אַז קײן סאַן־פּױלאָ איז געקומען צופֿאָהרען פֿון פּאָזען אַ סוחר מיט צװײ משרתים קױפֿען פּוטערװערק, און נאָכדעם װאָס דער סוחר מיט אײן משרת האָבען שױן געהאַט אָבגערײזט מיט פֿיעל סחורה, איז געבליבען דער צװײטער משרת אַ יוד מיט'ן נאָמען איגנאַץ. װעלכער האָט ערמאָרדעט אין אַ נומער נעבען זײן נומער דעם באַמטען פֿון קעניגליכען הױף און האָט בײ איהם אױעקגערױבט 5000 דאָלאַר. אױף דעם איז געװען אַ סאָנד אין זשאַנײראָ און דער מערדער איגנאַץ איז פֿער'משפּט געװאָרען צום טױדט דורך הענגען, װעלכעס װעט אױסגעפֿיהרט װערען די און די דאַטע. און ביז דאַמאָלס איז דאָ צײט זײן קאָפּ אױסצוקױפֿען פֿאַר 30000 דאָלאַר. סעניאָ האָט אַפֿילו געלעזט די צײטונג אַלע טאָג, און עס פֿלעגט איהר אַמאָהל אַדורך לױפֿען אַזאַ געדאַנק אין קאָפּ: „אפֿשר איז אַ יושר מציל צו זײן דעם איד פֿון טױדט"? זי האָט זיך אָבער באַלד פֿון דעם געדאַנק אָבגעשטױסען, טראַכטענדיג: װאָס פֿאַר אַ איד קאָן דען דאָס זײן, טראָגט אַ גױשען נאָמען, איגנאַץ. און איז אַזאַ שטאַרקער פֿערברעכער, אַ מערדער, אַ רױבער, טאָ געה נעם דאָס װײטער אַרײן צו זיך אין שטוב, און געה באַצאָהל נאָך פֿאַר אַזאַ מציאה 30000 דאָלאַר, אַלזאָ האָט זי באַשטימט, װעגען דער מצוה גאַר נישט צו קלערען.

און אַזױ װי דאַמאָלס איז שױן געװען העכער װי אַ יאָהר נאָך איהר מאַנ'ס טױדט, האָבען שדכנים אָנגעהױבען איהר פֿאָרצולעגען אַלע טאָג נײע שידוכים. עס איז אָבער איהר גאָר נישט אײנגעגאַנגען קײן אײן שידוך, בעװײל זי האָט נאָר אַלץ געקלערט עצות, װי אַזױ זי זאָל קאָנען זיך צוריק חאַפּען קײן פּרײסען אין איהר פֿאָטערלאַנד. אַלזאָ פֿלעגט זי די שדכנים מדחה צו זײן אַלע מאָהל מיט אַן אַנדערען אױסרײד. איבערהױפּט פֿון אַלעם פֿלעגט איהר שטענדיג קומען אױפֿ'ן געדאַנק און עס האָט איהר געקלינגען אין די אױערען דאָס נביאות װאָס דער גרײדיצער צדיק האָט אױף איהר געזאָגט װעגען איהר צ קוגפּט. ערשטענס האָט ער געזאָגט, אַז זי װעט בקרוב פֿערחאַפּט װערען, איז טאַקי באַלד מקוים געװאָרען, און זי איז אַזש קײן בראַזיליען פֿערחאַפּט געװאָרען. צװײטענס האָט ער געזאָגט: כּאמה, כּבתה. אַזױ װי די מוטער איז געװען, אַזױ װעט זײן די טאָכטער. איז אױך שױן מקוים געװאָרען. איהר מוטער איז געװען אַן'אַלמנה, הײנט איז זי אױך אַן'אַלמנה. ערשט שטעהט איהר פֿאַר נאָך די רעשט צװײ נביאות'ן: אַז איהר חתן װעט דערהײכט װערען, און זי װעט מוזען אױף איהם אַרבײטען און איהם שפּײזען. און װײטער דאָס לעצטע נביאות, אַז זי װעט אַ קרעפּס בעקומען. זי האָט פֿערשטאַנען, אַז די װערטער זענען נישט פּשוט. אָבער װאָס דער צדיק האָט געמײנט דערמיט, האָט זי נישט געקאָנט בעגרײפֿען. אַלזאָ האָט זי נישט געקאָנט אײנשטימען אױף קײן שום שידוך. בעװײל זי האָט אין די אַלע שידוכים נישט דערקאָנט, אַז די װערטער פֿון גרײדיצער צדיק זאָלען האָבען עפּעס אַ שײכות צו זײ.

אין זשאַנײראָ האָט זיך געפֿינען אַ ספּעציעלער שטראָף־פּלאַץ אין אַ װינקעל פֿון שטאָדט, װי דאָרט איז אױסגעפֿיהרט געװאָרען אַלערלײ טױט־שטראָפֿען אױף

די פערשיעדענע פערברעכער. אין שטאדט פלעגט מען פויקען פריהער, דער נאראד זאל זיך צוזאממען קומען, זעהן די שרעקליכע סצענע, כדי מענשען זאלען זיך א מוסר ארויסנעמען צו געהן אין גוטען וועג. ווען די רייכע אלמנה סעניא הערמאן פלעגט פאהרען אלע טאג פון איהר פאלאץ אין שטאדט זשאניירא צו איהר געשעפט אין איהר שעהנע קאטש מיט פיער פערד, האט זי געמוזט פערבייפאהרען פאר דעם שטראף־פלאץ. דעם טאג וואס מען האט געזאלט אויספיהרען דעם טויט־שטראף איבער דעם אומשולדיגען איגנאצען, איז אויסגעקומען אז פונקט אין די זעלבע צייט זאל די רייכע אלמנה סעניא הערמאן פערבייפאהרען פאר דעם ארט. איהר געוואוינהייט איז געווען, אז פאהרענדיג אין קאטש האט זי געלעזט די צייטונג „זשורנאל ריא־דע־זשענייראָ". דעם זעלבען טאג האט זי געלעזט אין דעם בלאט, אז אזוי ווי עס האט זיך ביז היינט קיינער נישט אנגערופען, א בצוקויפען פאר 30000 דאלאר דעם קאפ פון אידישען מערדער און רויבער איגנאץ [illegible]ין פאזען, אלזא וועט היינט אויסגעפיהרט ווערען איבער איהם דער טויט־שטראף דורך הענגען אין שטאדט זשאנייראָ אויפ'ן שטראף־פלאץ.

בשעת די אלמנה סעניא האט געלעזט אויף די קאטש די ידיעה פין דער צייטונג, איז איהר אדורך א פיבערהאפטיגע היץ דורך אלע גלידער, עס האט איהר אנגעהויבען קלינגען אין די אויערען, און צו דריקען ביים הארץ פון דעם וואס דאס שוידערהאפטיגע בילד האט זיך פארגעשטעלט אין איהר געדאנק ווי אזוי מען ציהט ארויף אויפ'ן שטריק צו דערווערגען א איד. ס'איז דאך פארט א איד. אזוי ווי עס שטעהט „אף על פי שחטא ישראל הוא". חאטש ער האט געזינדיגט איז ער דאך ווייטער א איד. און ער קאן דאך נאך תשובה טהון און זיין גאר אנ'עהרליכער איד און א ארענטליכער מענש. דער געדאנק האט איהר ווייטער געלערכערט דעם קאפ און זי האט אליין צו זיך גערעדט: „ווי אזוי קאן איך דאס צולאזען אז איך קאן דאך גרינג די סוממע בעצאהלען און איך זאל נאך בלייבען ווייטער גאנץ רייך. עס שטעהט דאך עפעס „כל המקיים נפש אחת מישראל כאלו קיים עולם מלא". ווער עס דערהאלט איין נפש פון אידען, איז אזוי גוט ווי ער וואלט דערהאלטען א גאנצע וועלט". זי האט שוין גרויס חרטה בעקומען, פאר וואס זי האט ביז היינט געווארט און זי האט נאך נישט אויסגעקויפט דעם איד, דאס הארץ האט אין איהר אנגעהויבען שטארק צו קלאפען, ווער ווייסט צו זי וועט נאך דאנושען ווען זי וועט קומען אין שטאדט אריין די גרויסע מצוה מקיים צו זיין.

פלוצלונג האט זיך די רייכע אלמנה סעניא הערמאן א שטעל אויף געטוהן אויף די קאטש, און זי האט א געשריי געטהון צו דעם וואס האט אנגעפיהרט מיט די פערד: „גיך! געשווינד! וואס נאר מעגליך איז, טרייב און יאג די פערד! אבער גיך און געשווינד!". סעניא האט זיך שוין נישט געקאנט צוריק אנידערזעצען, נאר זי איז אזוי געשטאנען און זייַ זענען געפאהרען שנעל וואס נאר מעגליך איז געווען. נאך פון דערווייטענס האט סעניא דערזעהן אז די תלויה שטעהט שוין גרייט אויף דעם שטראף־פלאץ, און ארום און ארום האט זיך געשווארצט פון דעם גרויסען נאראד, וואס איז אנגעקומען זעהן ווי מען הענגט א איד. זי האט א געשריי געטהון צום אנפיהרער: „פאהר שנעל גלייך אריין צווי־
שען

שען אלע מענשען אויפ'ן שטראף-פלאץ"! אבער איידער די קאטש האט געדאנזשעט צו צוקומען, האט מען שוין פונקט אין דעם אויגענבליק ארויפגעצויגען דעם אומשולדיגען איגנאצען אויף די תלויה! דאן האט סעניא אנגעהויבען צו שרייען מיט אלע קרעפטען: „אראב! אראב! איך צאהל! איך צאהל!" דער אנפיהרער פון די פערד האט געהאט א געזינטערע, שטארקערע שטימע, און ער האט אויך געשריגען מיט אלע קרעפטען דאס זעלבע, ביז די אויסגעשרייען זענען דערהערט געווארען אויפ'ן ארט. און אזוי ווי די שענע קאטש מיט די פיער פערד איז געוועזן אין שטאדט גוט בעקאנט, האבען פיעל מענשען אויך אנגעהויבען צו שרייען, אז די מאדאם הערמאן שרייט, אז זי בעצאהלט די געפאדערטע סומע פאר דעם קאפ, און עס איז געווארען א גרויס געשריי און א געלארם צווישען נארד. דערווייל איז די קאטש אנגעקומען נעהנטער, דאן האבען די בעאמטע וואס זענען געשטאנען דערביי געגעבען א בעפעהל, לויט די מאדאם הערמאן'ס געשרייען, מען זאל דעם געהאנגענעם באלד אראבלאזען.

דער אומשולדיגער איגנאץ איז געבליבען ליגען אויף די ערד פערחלש'ט מיט א טויט-בלאס פנים. אבער דער ארטיגער דאקטאר האט איהם באלד דערמונטערט און האט איהם אויפגעשטעלט. סעניא האט באלד אויפ'ן ארט געגעבען א משעק אין די באנק אריין אויף 30000 דאלאר. דאן האבען די בעאמטע געלעכערט איגנאצען איין אויער, און האבען איהם אריינגעצויגען א רינגעלע, אויף וועלכען מען האט באלד אויסגעהאקט דעם נאמען הערמאן. דאס רינגעלע איז געווארען אזוי פערמאכט און פערלייט, אז מען האט עס שוין נישט געקאנט אויסטהון, כדי ער זאל שוין נישט קאנען ענטלויפען, נאר ער זאל מוזען אייביג דינען ביי דעם וואס האט איהם פון טויט אויסגעלייזט. ווען דאס אלץ איז פארטיג געווארען האבען די בעאמטע איהם צו געפיהרט און פארגעשטעלט פאר די מאדאם סעניא הערמאן, און זיי האבען צו איהם געזאגט: „זעה! דו אומגליקליכער און דו גליקליכער! אט די מאדאם האט דיך אויסגעלייזט פון טויט, זי האט פאר דיר בעצאהלט 30000 דאלאר, אלזא געהערסט דו פון היינט אן צו איהר, ווי לאנג דו וועסט לעבען מוזט דו זיין איהר שקלאף, זי מעג מיט דיר טהון וואס זי וויל אהן שום דין ומשפט, געדענק זשע גוט! זאלסט דיך פון היינט אהן גוט אויפפיהרען, ווארען טאמער וועסטו נאך איינמאל אריינפאלען צו דער פאליציי, וועט דיר שוין נישט העלפען קיין שום אויסקויף געלד.

איגנאץ, דערהערענדיג די ווערטער, איז ער געפאלען סעניא צו די פיס, און ער האט איהרע שיך בעדעקט מיט קישען און מיט טרערען פון די אויגען. דערביי האט ער אויסגעשריגען די ווערטער מיט א געוויין און האט אזוי געזאגט: „טייערע, און גוטע מאדאם! גאט אין הימעל איז מיין עדות, אז איך האב קיין שום פערברעך נישט געטוהן, איך בין בחנם פער'משפט געווארען צום טוידט, דארום האט גאט אייך אהער געשיקט, ווי א מלאך פון הימעל, איהר זאלט מיך מציל זיין פון טוידט. און איך שווער אייך צו, אז איך וועל אייך געטריי דיענען מיט'ן קערפער און זעלע, ווי לאנג איך וועל לעבען". סעניא האט זיך און הארץ שטארק געפרייט, וואס האט די זכיה געהאט אזוי גרויסע מצוה צו טהון. נאך דערצו בעוויל

זי האט דערקאנט אין זיינע רייד, אז ער איז פֿארט אן אומשילדיגער. זי האט געהייסען איגנאצען אבפֿיהרען אין איהר וואליע ארבן, און זי איז צו געפֿאהרען צו איהר געשעפֿט.

איגנאצען האט מען און די וואללע גאנץ גוט בעהאנדעלט. די ערשטע וואך איז ער ארום געגאנגען אביסעל צומישט, מעלאנכאליש. אבער ביסלעכווייז איז ער צוריק געקומען צו זיינע קרעפטען, און ער האט זיך שוין געבעטען מען זאל איהם געבען מיט וואס צו באשעפֿטיגען זיך. איגנאץ האט זיך דערמאנט פֿון זיין לעצטען חלום, וואס זיין פֿאטער, דער אלטער מאירטשע שניידער פֿון גריידיץ, האט איהם געזאגט אין חלום, אז ער האט נאך איבער צו קומען איין שטראף פֿאר דעם, וואס דורך איהם איז ער פֿון די וועלט פֿאר די צייט אוועק געגאנגען, און דער פֿאטער האט איהם מבטיח געוועזען אז ער וועט די אנדערע שטראף אויך איבערקומען, און אז אויב ער וועט זיך אנהייבען פֿיהרען אידיש וועט איהם נאך גאנץ גוט זיין. איגנאץ האט פֿערשטאנען אז דער חלום האט טאקי יא א ממש, אלוא האט ער זיך טאקי אנגעהויבען פֿיהרען גאנץ אידיש. ער האט זיך געשאפֿט א טלית און תפילין און האט אלע טאג פֿרום געדאווענט. און אויך אין אלע זאכען האט ער אנגעהויבען צו ווערען א מדקדק במצות, ווי א עכט פֿרומער איד. סעניא פֿלעגט האבען חקירה ודרישה אלע מאהל, ווי אזוי דער איגנאץ פֿיהרט זיך עפעס. אז מען האט איהר געזאגט, אז ער פֿיהרט זיך זעהר אידיש און איז א פֿרומער איידילער מענש, האט זי זיך שטארק געפֿרייד. איגנאצען האט אבער געקימערט און געדרוקט אין הארצען איין זאך, דאס וואס מען האט איהם גערופֿען איגנאץ. ער וואלט גערן צוריק בעקומען דעם אידישען נאמען איזאק, און ער האט געקלערט עצות ווי אזוי דאס זאל גע־מאכט ווערען. ער האט פֿערשטאנען אז צו דעם וועט ער מוזען אנקומען צו די מאדאם זעלבסט, זי זאל ארויסגעבען א שטרענגען בעפֿעהל, מען זאל איהם שוין מעהר נישט רופֿען איגנאץ. גאר איזאק. אבער ער איז נאך אלץ נישט דרייסט גיוועזען צו צוגעהן ריידען מיט איהר וועגען דעם. און אזוי ווי דאמאלס איז גיוועזען גאר נאהנט צו פסח, האט ער דאס אנגעלעגט אויף פסח.

פסח בייענאכט איז ביי די רייכע אלמנה סעניא גיפראוועט געווארען דער סדר זעהר גביריש אויף די העכסטע מדרגה. אין זעהר א שעהנעם גרויסען זאל איז אויסגעשטעלט געווארען א לאנגער טיש זעהר רייך בעפּיצט, וועלכער איז אנגעגרייט געווארען פֿאר די מאנסלייט פֿון פֿערשיעדענע לענדער. וואס זענען ביי איהר געוועזען אלס משרתים אדער ארבייטער. אין אנאנדער ווינקעל פֿון דעם גרויסען זאל איז צוגעגרייט געוועזען נאך א גרויסער טיש, אויך שעהן בעפּיצט וואס איז געווארען אנגעגרייט פֿיר די אידישע פֿרויען, וואס האבען זיך געפֿינען אין איהר הויף אלס דינסטען און ארבייטערענס. אויף א דריט ארט פֿון דעם זאל איז געשטאנען א קלענערער טיש בעפּיצט מיט גאלד און זילבער, ביי וועלכען ס'זענען געזעסען די ראכע אלמנה סעניא מיט איהרע צוויי קינדער. צווישען די מאנסלייט האט זיך געפֿונען איין איד א שטיקעל בן תורה אין די עלטערע יאהרען, וועלכער איז גיוועזען ביי די אלמנה אין הויף אלס מלמד צו איהר אינגעל, און דער מלמד איז אויסגעקליבען געווארען ער זאל זיין דער טיש פֿיהרער ווי אזוי עס זאל צוגעהן דער סדר.

ווי

ווי געוועהנליך איז זיך יעדער אורח געזעסען ביים טיש איידער מען האט אנגעהויבען צו מאכען קידוש, און יעדער האט פאר זיך געהאט ליגען א שעהנע הגדה, וועלכע זענען געוועזען איבערגעזעצט אויף פערשידענע שפראכען, און די אורחים האבען זיך אויסגעקליבען די הגדות ווי זיי איז בעסער געפעלען. פאר'ן קידוש האט זיך יעדער איבערגעזעהען אין זיין הגדה, און געמישט מיט די בלעטלעך אהין און צוריק, כדי ער זאל נישט אין מיט'ן סדר פערבלאנדזשעט ווערען. איגנאץ האט זיך אויסגעקליבען א הגדה מיט דייטשע איבערזעצונג, און ער האט זיך אויך אביסעל פערטראכט פאר'ן קידוש אין דער הגדה. דער אלטער מלמד האט אויסגערופען, אז ווער עס וויל זאל אין זינען האבען יוצא צו זיין מיט זיין קידוש, און ווער עס וויל מעג זיך שטילערהייט אליין אויך מאכען קידוש. דער עולם האט זיך גענומען צו דער עבודה, נאר איין איגנאץ וואס איז געזעסען אזוי ווי פערגליווערט, פערטיעפט מיט די געדאנקען אין זיין הגדה, און דער קאפ איז געווען אינטערגעשפארט מיט זיינע ביידע הענד, וועלכע זענען נאס געווארען פון זיינע טרערען. ער האט פונקט אנגעטראפען אין די הגדה אויף אזא שטיקעל, ווי דארט איז געשטאנען אויסגערעכענט די זכותים, וואס זענען אידען ביינגעשטאנען אין מצרים, זאלען אויסגעלייזט ווערען פון גלות. איינס פון זיי איז „שלא שינו את שמותם". זיי האבען נישט געענדערט זייערע נעמען, איבער צו דרעהען זיי פון אידיש אויף גויש. און דא הייסט ער גאר היינט איגנאץ.

ווען דער אלטער מלמד האט שוין געהאלטען נאכ'ן קידוש, און אלע האבען שוין געהאט געטרונקען דעם ערשטען כוס, האבען זיי דערזעהען אז איגנאץ זיצט און ריהרט זיך גאר נישט צו צום כוס. דער מלמד האט א געשריי געטהון: „נו הער יגנאץ! צו שלאפט איהר? אצינד איז נישט קיין צייט פון שלאפען, פאר וואס טרינקט איהר נישט דעם כוס"?

מיט א וויינענדיגע שטומע האט איגנאץ אויסגעשריגען: „אוי, ר' מענדיל"! אזוי האט געהייסען דער אלטער מלמד. „ווען איהר וואלט אין מיר א מעסער אריינגעשטאכען, וואלט מיר נישט אזוי וויי געטוהן, ווי דאס וואס איהר רופט מיך איגנאץ, ווי אזוי מעג איך אברעכטען דעם סדר, ווי אזוי מעג איך טרינקען די ארבע כוסות, אז ווען איך וואלט דארט אין מצרים געוועזען, וואלט איך נישט אויסגעלייזט געווארען, בעוויל איך האב יא משנה געוועזען מיין אידישען נאמען פון איזאק אויף איגנאץ. אלזא בעהט איך אייך אלע זעהר שטארק, און נאך מעהר פאר אלע בעהט איך זעהר שטארק מיין הערענטע די טייערע און גוטהערציגע מאדאם, עס זאל אצינד בעשטימט ווערען איינמאהל פאר אלע מאהל. מען זאל מיך שוין מעהר נישט רופען איגנאץ, נאר איזאק":

אלע אורחים זענען זעהר שטארק אויפגערעגט געווארען פון די הייסע ווערטער, וואס זיי האבען דא געהערט, און אלע האבען אזוי ווי מיט איין קול אויסגעשריגען: „איהר זענט גערעכט! איהר זענט גערעכט! מיר זאגען אייך צו, אז פון אצינד אהן וועלען מיר שוין אנהויבען אייך אנצורופען איזאק, און דער גוישער נאמען איגנאץ וועט אינגאנצען פארגעסען ווערען". די מאדאם זעלבסט האט זיך אויך [illegible] נגערופען, עס זאל אזוי בלייבען. אויס איגנאץ, נאר

איזאק

איזאק. דער עולם האט זיך בערוהגט. איזאק'ן איז אויך גרינגער געווארען אויפ'ן הארץ, ער איז אפּעהרגעגאנגען פון טיש, האט זיך דאס פנים אבגעוואשען און נאכהער א פרעהליכען קידוש געמאכט, און אלע האבען זיך גענומען אברעכטען דעם סדר, לויט דעם באפעהל פון דעם אלטען מלמד ר' מענדיל.

איין מענש אבער האט זיך געפונען אין זאל, וואס איז געווארען נאך די סצענע שטארק אויפגירעגט און זעהר אונרוהיג. דאס איז גיוועזען די מאדאם סעניא זעלבסט. ערשטענס האט זי בעקומען עגמת נפש, און איהרע געדאנקען האבען זי בעשילדיגט שטילערהייט, פאר וואס זי האט איבערגעטאשט איהר אידישען נאמען אויף א גוישען: „וואס! סערקעלע טויג טאקי נישט, אבער סעניא איז שוין גאר גוט און וואהל, ווייל דאס איז א גוישער נאמען? פאסט דען דאס פאר מיר?" צווייטענס האט איהר אנגעהויבען שטארק קלינגען אין די אויערען דער נאמען איזאק, נאך דערצו פון פאזען. זי האט זיך אנגעהויבען צו דערמאנען אלע מאהל מעהר, אז שוין באלד צעהן יאהר וואס זי האט געהאט א חתן אין פאזען, וואס הייסט איזאק, וועלכער האט זי נאך די תנאים פארשעמט און צוריק געשיקט די תנאים, און טאקי א גריידיצער, דעם אלטען מאירטשע שניידערס א זוהן, ווער ווייסט אפשר איז דאס טאקי דער זעלבער איזאק. זי האט זיך אנגעהויבען צו דערמאנען אלע מאהל בעסער, וואס פאר א פנים איהר חתן איזאק האט געהאט, און דא האט זי שוין קיין אויג נישט אראבגעלאזט פון דעם איזאק'ן, האט זיך ביי איהר פערשטארקט אלע מאהל מעהר דער געדאנק, אז דער איזאק איז ערהנליך צו יענעם איזאק'ן, און אויב ער איז טאקי פון פאזען, קאן דאך זעהר זיין אז דאס איז דער זעלבער. סעניא האט זיך איינגעהאלטען מיט אלע קרעפטען זאל נישט ארויסווייזען קיין שום אויפרעגונג, און זי האט ביי זיך בעשטימט אנצופאסען א צייט, זי זאל איהם אויספרעגען זיין גאנצע ביאגראפיע, ווען קיינער וועט נישט הערען, און אזוי נאך וועט זי געוואהר ווערען דעם גאנצען אמת.

דעם ערשטען טאג פסח, ווען אין דרויסען איז גיוועזען זעהר א שעהנע און פרישע לופט, האבען אלע מענשען פון סעניא'ס הויף זיך צוגעהאלט מיט'ן עסען, כדי זאלען קאנען עטליכע שעה ארויסלאזען זיך אויפ'ן שפאציער. סעניא האט געגעבען א באפעהל, ווער עס זאל בלייבען אין הויף פון די פרויען, און ווער עס זאל בלייבען פון די מאנסלייט, כדי דער הויף זאל נישט בלייבען אליין הפקר. צווישען די מאנסלייט וואס האבען געדארפט בלייבען אין הויף איז גירעכענט געווארען איזאק, ער זאל צורויטען דעם עס־זאל, דערנאך זאל ער צוגרייטען דעם סאמאוואר און דערלאנגען טעה פאר סעניא מיט איהרע קינדער. דאמאלס ווען איזאק האט דערלאנגט די טעה איז אין סעניא'ס צימער קיין זייטיגע מענשען נישט געוועזען, טראץ סעניא מיט איהרע צוויי קינדער. סעניא האט געמאכט א שמיעס מיט איזאק'ן און זי האט פערלאנגט פון איהם, ער זאל איהר דערצעהלען זיין גאנצע ביאגראפיע, אבער נאר דעם אמת. „שעהמט אייך נישט איזאק". האט זי צו איהם געזאגט. „אויב אפילו אין אייער ביאגראפיע געפונען זיך נישט קיין ארענטליבע געשעפטלעך, זאלט איהר אייך גאר נישט שעהמען און מיר אלסדינג

דערצעהלען

דערצעהלען, ווארען מיט אייער אויפפיהרונג היינט האט איהר דאך אייך געוויס נישט צו שעהמען. און אז א מענש וואס האט זיך געפיהרט אין דער יוגענד שלעכט, און ער איז זיך מיישב און ווארפט אוועק דעם שלעכטען וועג, און הויבט אהן צו געהן אין גוטען וועג, איז ער נאך חשוב'ר ווי דער וואס איז קיינמאהל נישט געגאנגען אין א שרעכטען' וועג. ווארען אזוי האבען געזאגט אונזערע הייליגע חכמים — במקום שבעלי תשובה עומדים, אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד — אז דא ווי די בעלי תשובה שטעהן אויף יענער וועלט, קאנען די צדיקים גמורים נישט שטעהן. אלזא פערלאנג איך פון אייך איהר זאלט מיר אלעם דערצעהלען. היינט איז יום טוב, האב איך צייט, און איך האב ליעב אויסצוהערען אויסערגעוועהנליכע מעשה'לעך. לאז איך חאטש געניי וויסען, פאר וואס פאר א סארט מענש האב איך בעצאהלט 30000 דאלאר".

איזאק'ס פנים האט אנגעהויבען פלאמען ווי פייער, די אויגען אראבגע־לאזט, דאס הארץ האט איהם געקלעמט און געדריקט, ער זאל מוזען פאר אזא גרויסארטיגע מאדאם דערצעהלען אלע זיינע אונארענטליכע מעשים. ער האט אבער פערשטאנען, אז עס איז פערפאלען, אז מען הייסט דערצעהלען דעם אמת טאר מען גאר נישט פעלייקענען. איזאק האט זיך געשטארקט מיט אלע קרעפטען, האט זיך אנידערגעזעצט און האט אנגעהויבען צו דערצעהלען זיין גאנצע ביאגראפיע פון אל"ף ביז תי"ו. עס פערשטעהט זיך אז פון דעם ערצעהלונג האט שוין סעניא געוויסט אויף זיכער, אז דאס איז דער זעלבער איזאק וואס איז געוועזען איהר חתן, און זי האט פערשטאנען אז ביי די געשיבטע איז דא גאט'ס וואונדער. אבער זי האט נישט געוואלט באלד אויסגעבען זיך פאר איהם, אז דאס איז זי טאקי די זעלבע סערקעלע פון גריידיץ, נאר זי האט איהם געשטעלט די פראגע און האט צו איהם אזוי געזאגט: „אויב איהר האט פערשטאנען, ווי איהר זעלבסט זאגט, אז איהר האט אייך פערזינדיגט קעגען די יתומה סערקאלע פון גריידיץ, טא פאר וואס זענט איהר נישט געפאהרען בעטען ביי איהר מחילה".

„אה! טייערע מאדאם", האט איזאק געענטפערט, „ווען דאס וואלט נאר מעגליך געווען, וואלט איך עס געוויס געטוהן, איך בין דאך אבער געוואהר געווארען אז זי האט חתונה געהאט ערגיץ פון אויסלאנד מיט זעהר א רייכען חתן. איך גידענק נישט אזוי זיכער, נאר עס דאכט זיך מיר מען האט געזאגט, אז דער חתן איז פון בראזיליען. נו וואס פאר אן עצה האב איך מיר געקאנט טהון? דאן האט סעניא געמאכט מכלומרשט א וואונדערליכען אויסגעשריי: „אוי וואס זאגט איהר עפעס! א סערקאלע וואס האט חתונה געהאט פון בראזיליען מיט א רייכען מאן, ווער ווייסט אויב דאס איז נישט די זעלבע מיין פריינדין, וואס וואהנט אויך נישט וויט פון זשאנייראָ, זי הייסט טאקי סערקאלע און זאגט מיר שטענדיג, אז זי קומט ארויס פון פרייסען. מיר האלטען זיך גוטפריינדשאפט אמאהל בין איך ביי איהר צוגאסט, און אמאהל קומט זי צו מיר צוגאסט, דעם חול המועד קומט טאקי אויס, אז זי זאל זיין ביי מיר צוגאסט, וועל איך אלעם פונקטליך געוואר ווערען, עס שיינט מיר אז זי איז די זעלבע". אויף איהרע ווערטער האט איזאק אויסגעשריגען: „אה! גאט'ס וואונדער וואלט

דאס

דאס געווען, ווען איך זאל זי קאנען היינט זעהן. איך וואלט געזאלען איהר צו די פיס און מיט הייסע טרערן וואלט איך ביי איהר מחילה געבעטען, אפשר וואלט זיך דורך דעם שוין מיין מזל געענדערט צום גוטען". סעניא האט איהם געענטפערט: „נו זייט געדולדיגט ביז חול המועד, מען קאן גאר נישט וויסען צוליעב וואס איהר זענט דא אהער פערווארפען געווארען".

סעניא האט זיך אנגעהויבען גוט איבער צו רעכענען, זאל פערשטעהן דאס נביאות וואס דער גריידיצער צדיק האט אויף איהר געזאגט, אז איהר חתן וועט דערהויכט ווערען, און זי וועט איהם שפייזען. זי האט שוין אצינד גוט פערשטאנען, אז די ווערטער געהן ארויף אויף דעם, וואס ער איז דערהויכט געווארען דורך דעם, וואס מען האט איהם ארויפגעצויגען הויך אויף די תליה, און אצינד שפייזט זי טאקי איהם, נאר זי האט נאך געקלערט זאל פארשטעהן, וואס דער גריידיצער צדיק האט געמיינט מיט די ווערטער, אז זי וועט א קרעפס בעקומען. זי האט אבער די מיינונג אויך באמערקט, אז נישט אנדערש נאר אזוי ווי א קרעפס האט די נאטור צוריק צו קריכען, אזוי וועט זי בעקומען א בענגשאפט צוריק קיין פרייסען אין איהר פאטערלאנד צו קומען. ווארען זי האט פערשטאנען אז קיין קללה האט דער צדיק נישט ארויסגעלאזט פון זיין הייליג מויל. נאך דערצו האט זי זיך דערמאנט, וואס דער הייליגער צדיק האט געזאגט צו די רביצין, וועגען איהר, אז איזאק איז דאך פארט איהר רעכטער זיוג. אלזא האט זי ביי זיך אויסגעארבייט א פלאן, ווי אזוי זי זאל בסוד אין חול המועד זיך געבען צו דערקענען צו איהר איזאק'ן. נאך יום טוב זאל זי דאס גאנצע פערמעגען פערקויפען און מיט איהר רעכטען זיוג זאל זי צוריק פאהרען קיין פרייסען, און דארט מיט איהם חתונה האבען.

חול המועד פסח ווען איזאק איז געווען מיט עפעס באשעפטיגט אויף די פאבריק, האט סעניא פלוצלונג געשיקט רופען איזאק'ן צו זיך אין גאסטזאל אריין. דאס הארץ האט ביי איזאק'ן אנגעהויבען שטארק צו קלאפען, ער האט באלד פערשטאנען אז דאס רופען איז נישט פשוט. ער האט זיך שנעל פארבריייטיגט געמאכט און איז געקומען אין דעם זאל אריין, ווי סעניא האט איהם אבגעווארט. סעניא האט באלד צו איהם א זאג געטוהן מיט אויפרעגונג: „נו זעהט איהר איזאק, אז איך האב געהאט א גוטען קוק, דאס איז טאקי די זעלבע סערקאלע, וואס איז אמאהל געווען אייער כלה אויב איהר ווילט זי איבערבעטען, וועט איהר באלד קאנען די זאך אויספיהרען". „יא, אויספיהרען". ענטפערט איזאק. „אויף דעם צווייפעל איך נאך, ווער ווייסט ווי שטארק בייז זי איז אויף מיר, איך בעט די גוטהערציגע מאדאם זאל מיר זיין בייהילפיג אין דעם". אויף דעם האט סעניא איהם געענטפערט מיט א שמייכעל. „איהר רעדט א צונד אהן שכל, איזאק! וואס האט זי דען דורך דעם פערשפיעלט, ווען זי וואלט געווען אייער פרוי, וואלט זי נאך ביז היינט געווען א קיעזנערען, אבער היינט איז זי דאך א גרעפין, פאר וואס זאל זי נאך זיין בייז אויף אייך"? „געוויס זאגט די מאדאם זעהר ריכטיג". האט איזאק ווייטער געזאגט. „נו איך וואלט שוין גערן זיך מיט איהר געזעהן". דאן האט

סעניא

סעניא צו איהם איראניש געזאגט: „איהר האט אמאהל געלערענט חומש? געדענקט איהר ווי אזוי יוסף האט געזאגט צו זיינע ברידער, ווען ער האט זיך געגעגעבען זיי צו דערקענען? האט ער דאמאלס א געשריי געטוהן – אני יוסף – אזוי קאן איך אייך אצונד זאגען – אני סערקאלע – דאס בין איך די זעלבע סערקאלע פון גריידיץ"...

איזאק איז געבליבען שטעהן נישט טויט נישט לעבעדיג פאר שרעק און האט נישט געוואוסט וואס ער דארף איצט טוהן דאך האט ער געדענקט אז ער דארף זי איבערבעטען. ער איז באלד געפאלען איהר צו די פיס און מיט טרעהרען אין די אויגען זי שטארק איבערגעבעטען. אבער סעניא האט איהם באלד אויפגעהויבען און זי האט צו איהם געזאגט: „שוין גענוג איזאק וואס דו ביזט געוועזען ביי מיר ביז אהער אלס קנעכט, ווארען איך זעה אז דאס איז פון הימעל, אז דו מוזט זיין מיין בעשערטער אויף עוויג". איזאק האט איהר געענטפערט: „איך בין נישט ווערט צו זיין אייער קנעכט, נאך דערצו אייער בעשערטער"! אבער סעניא האט איהם ערקלערט אז זי מיינט דאס נישט אויף קיין שפאס נאר ווירקליך און זי האט איהם געבעטען, אז דאס ארץ זאל זיין בסוד ביז זי וועט קאנען אלסדינג פערקויפען און צוריקקעהרען זיך מיט איהם נאך פרייסען.

באלד נאך פסח האט סעניא געלאזט ארויסנעהמען דאס קנעכט-אוירענגעל פון איזאק'ס אויער, און צייט צוויי חדשים איז סעניא מיט איהרע צוויי קינדער און מיט איזאק'ן און מיט דעם אלטען מלמד ר' מענדעל אוועקגעפאהרען פון בראזיליען מיט זעהר א גרויס רייכטהום, און זיי זענען געקומען בשלום קיין גריידיץ. עס איז געוועזען „ותהום כל העיר" די גאנצע שטאדט איז געלאפען קוקען די רייכע סעניא. זי האט באלד דעם נאמען סעניא אונטערגעברענגט, נאר מען זאל זי רופען צוריק סערקאלע, ביי דעם גריידיצער רב איז אויך געוועזען די שמחה מיט דעם פארפאלק זעהר גרויס. מען האט געמאכט א חתונה כיד המלך און דער גריידיצער רב איז געוועזען מסדר קידושין. אבער ער האט זיי נישט געהייסען וואהנען אין גריידיץ נאר אין פאזען. דארט האבען זיי געקויפט א גרויס הויז און האבען זיך געמאכט א גרויס יוביללען געשעפט. דעם נאמען הערמאן האט סערקאלע נישט אונטערגעברענגט, נאר דער נאמען איז איבערגעגאנגען אויף איזאק'ן אויך, און די פירמע פון דעם געשעפט איז געוועזען איזאק הערמאן. די אם וואס האט געזויגט איזאק'ס קינד פון ערשטען ווייב האט זיך אליין אויסגעגעבען. מען האט זי גאנץ גוט בעפרידיגט, און עס איז באלד געשלאסען געווארען א שידוך פון דעם געפינענעם איזאק'ס קינד מיט א קינד וואס סערקאלע האט געהאט פון ערשטען מאן. גרויס צדקה איז שטענדיג ארויסגעגאנגען פון זייער הויז, און אויסער דעם האבען זיי ליעב געהאט צו געבען גרויסע סומעס געלד אויף וואהלטעטיגע צוועקען און זיי האבען געלעבט א גליקליך לעבען.

און אזוי ווי די סערקאלע האט געהאט פיעל ארעמע משפחה אין פוילען אין סאסנאוויצער געגענד, וועלכע האבען זיך אלע מאהל געווענד צו איהר נאך הילף, איז דורך דעם די מעשה שטארק מפורסם געווארען אין פוילען אויך, און מענשען מיט פערשידענע צרות האבען אנגעהויבען צו פאהרען צום גריידיצער צדיק, אלס בעל מופת, ווי מען האט באמת זיך צוגעזעהן אלע מאהל מעהר און מעהר פערשידענע מופתים.

2 טעם העפט   דער   2 טעם העפט

גרייִדיצער

רבי אליהו גוטמאכער זצ"ל

פון פרייסען

דא איז בעשריבען דער וואונדערליכער מופת וואס דער גרייִדיצער צדיק זצ"ל האט בעוויזען קעגען

צוויי שותפים

וואס האבען עובר געווען אויף תקיעת כף און האבען גענגב'ט איינער אונ־טערען צווייטען. און דורכ'ן גרייִדיצער רב'ס ווערטער האבען זיי זיך גענוג צרות אנגעליטען, און די גנבה איז לויט רעכנונג צו יעדען צוריק אומגעקערט געווארען.

איבערגעזעצט געווארען פון בעריהמטען ספר וואס דער טארלער רבי שליט"א פון לאדז האט ארויס געגעבען מיט'ן נאמען

הדרת אליהו

בהוצאת בית מסחר הספרים של ר' יצחק שלאמאוויץ
לאדז נאוואמיעסקא נומר 16
אשר קנה הזכות לצמיתות מאת המחבר הרה"ג ר' יודל ראזענבערג הנ"ל.

פיעטרקוב

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA, NOWOLIPKI 6.

דא איז בעשריבען די זעהר אינטערעסאנטע מעשה פון צוויי שותפים. וואס יעדער פון זיי האט געגנב'ט אונטער'ן צווייטען. און דורכ'ן גריידיצער רב'ס ווערטער איז די גנבה צו יעדען צוריק אומגעקעהרט געווארען.

דער גריידיצער רב האט אין דער יוגענד געלערנט מיט ישיבה בחורים תורה. צווישען די תלמידים זענען געווען צוויי בחורים פון ברעסלוי, וועלכע האבען זיך שטענדיג גע'חבר'ת און איינער דעם אנדערען האט ליעב געהאט. אזוי ווי זיי זענען אלט געווארען צו אכטצעהן יאהר האט זיי דער גריידיצער רב אהיים געשיקט, זיי זאלען אנהויבען זארגען וועגען חתונה האבען. ווארען אזוי האט זיך שטענדיג דער גריידיצער רב געפיהרט, אז בחורים עלטערע פון אכט-צעהן יאהר, האט ער נישט געוואלט האלטען אין זיין ישיבה. פון די צוויי חברים פון ברעסלוי האט איינער געהייסען משה'לע, און דער צווייטער האט געהייסען מאיר'ל. אין דערהיים אין ברעסלוי האבען זיך אויך שטענדיג די צוויי חברים גע'חבר'ת, זיי פלעגען אלע מאהל שפאצירען צוזאממען, לערנען צוזאממען, און האבען באמת ליעב געהאט זיך איינער דעם צווייטען. ווארען ווען זיי האבען זיך געזעגענט מיט'ן גריידיצער רב, האט ער זיי אנגעזאגט זיי זאלען זיך ווייטער חבר'ן און ליעב האבען איינער דעם צווייטען, און האט זיי געבענשט אז דורך דעם וועלען זיי האבען הצלחה און ברכה.

ס'איז פערביי געגאנגען א צייט און די צוויי חברים משה'לע און מאיר'ל האבען חתונה געהאט ביידע פון ברעסלוי. נאך די חתונה האבען זיי זיך באלד געמאכט געשעפטען. משה'לע האט זיך געמאכט א געוועלב פון גרייטע מלבושים, און מאיר'ל האט זיך געמאכט א געוועלב פון אבאוויע מיט אלערליי גרייטע שיך, שטיוועל, קאמאשען. זיי האבען טאקי מצליח געווען און האבען זיך גאנץ שעהן מפרנס געווען. ביים האנדעל האבען זיך ווייטער די צוויי חברים געהאלטען גאנץ גוט אין פריינדשאפט, איינער דעם אנדערען פלעגט שטענדיג אונטערהאלטען מיט א גמילות חסד און אויך אנדערע טובות וואס נאר מעגליך איז געווען.

זיי פלעגען אויך ביידע צו שפיעלען בשותפות אויף דער זאקסישער לאטעריע. האט זיך געמאכט אמאהל אין עטליכע יאהר ארום נאך זייער חתונה, אז זיי האבען געווינען אויף דער לאטעריע בשותפות צוואנציג טויזענד מארק. זיי האבען פערשטאנען, אז די ברכה פון גריידיצער רב, וואס האט זיי געבענשט ביים געזעגנען איז זיי ביי געשטאנען, זיי זאלען בשותפות מצליח זיין. אלזא האבען זיי אבגעשמיעסט, אז מיט די צוואנציג טויזענד מארק זאלען זיי האנדלען בשותפות געשעפטען, וואס וועט זיי אונטערקומען אויף פרעמדע ערטער. און די היימישע געשעפטען, וואס זיי האבען ביז אהער, זאלען זיך ווייטער פיהרען דורך די ווייבער ביז משרתים. און כדי די זאך צו פערשטארקען, האבען זיי

בעשטומט

בעשטומט אז זיי זאלען פֿריהער פֿאהרען צום גריידיצער רב, ער זאל זיי געבען א ברכה, זיי זאלען מצליח זיין אין דעם שותפות, און אויך זאלען זיי איהם אוועק געבען דאס מעשר פֿון דעם געווינענעם געלד, אזוי ווי דער דין איז.

דער גריידיצער רב האט זיך מיט זיי גאנץ שעהן געפֿריידט, און האט זיי געגעבען דעם ברייטען שלום עליכם. ער האט מיט זיי פֿערפֿיהרט א לאנגען שמועס. זיי האבען איהם דערצעהלט אלץ, ווי אזוי זיי איז דערגאנגען, צייט זיי זענען פֿון זיין ישיבה אוועקגעפֿאהרען ביז היינט. פֿון דעם געווינענעם געלד האבען זיי איהם בעלייגט דאס מעשר, און זיי האבען איהם דערצעהלט וואס זיי האבען זיך אבגעשמועסט, צו פֿיהרען בשותפות גרויסע געשעפֿטען, נאר זיי פֿערלאנגען פֿון גריידיצער רב זיין הסכמה מיט זיין ברכה, און ער זאל זיי שרייבען א כתב שותפות.

דער גריידיצער רב האט זיי גאנץ גוט אויסגעהארכט און האט זיי אזוי געענטפֿערט: „איך בין טאקי מסכים צו דעם שותפות, אבער נאר באופֿן איהר זאלט האנדלען עהרליך. איינער אונטער'ן אנדערען זאל נישט מעלים זיין קיין פרוטה אחת, אזוי נאך זאג איך אייך צו אז איהר וועט האבען ברכה והצלחה". דאן האבען זיי פֿערלאנגט פֿון גריידיצער ער זאל זיי עפעס געבען אויף הצלחה, אבער קמיע, אבער א מטבע. האט דער גריידיצער רב זיי אזוי געזאגט: „לאזט אייך דא אבגיסען ביי א חתימה קריצער צוויי מטבעות פֿון צינק. זיי זאלען אזוי נאך געמאכט ווערען. אויף איין זייט פֿון די ביידע מטבעות זאל שטעהן א קיילעכדיגע שורה פֿון דיעזע ווערטער: „נח יוסף דוד שלמה". אויף די צווייטע זייט זאל ווייטער שטעהן אויף א קיילעכדיגע שורה די ווערטער פֿון יעדענס נאמען מיט זיין מוטערס נאמען. דהיינו אויף איין מטבע זאל שטעהן משה בן חנה להצלחה. אויף די צווייטע מטבע זאל שטעהן מאיר בן רבקה להצלחה. אז איהר וועט האבען פֿארטיג די צוויי מטבעות זאלט איהר מיר די צוויי מטבעות געבען. איך וועל זיי אנשפרעכען און וועל זיי אייך אוועק געבען אויף הצלחה.

ווען די צוויי מטבעות זענען פֿארטיג געווארען זענען די צוויי ידידים משה'לע און מאיר'ל געקומען צום גריידיצער רב מיט די מטבעות. דער רב האט זיי געשריבען א כתב שותפות. דערנאך האט ער ביי זיי גענומען די צוויי מטבעות,

ט זיי אביסעל געהאלטען אין די האנד. דערביי האט ער אנגעלעגט זיך אויפ'ן טיש מיט'ן קאפ אויף די האנד, און איז אזוי געלעגען אנגעלעגט עטליכע מינוט. דערנאך האט ער אויפגעהויבען דעם קאפ און האט צו זיי אזוי געזאגט:

„איך גיב אייך די צוויי מטבעות אויף הצלחה. אויב איהר וועט פֿיהרען דאס שותפות עהרליך, וועט דאס שותפות א קיום האבען. און במשך די צייט פֿון שותפות זאל יעדער האלטען דעם אנדערענס מטבע. דו, משה'לע, זאלסט האלטען די מטבע וואס אויף איהר שטעהט מאיר'לס נאמען, און דו מאיר'ל זאלסט האלטען די מטבע וואס איז מיט משה'לס נאמען. ובאם דאס שותפות וועט זיך נישט פֿיהרען עהרליך, וועט דאס שותפות בטל ווערען און יעדער וועט בעקומען צוריק זיין מטבע וואס אויף איהר שטעהט זיין נאמען".

נאך דעם האט זיך ווייטער דער גריידיצער רב אנגעלעהנט מיט'ן קאפ אויף

די

די האנד אזוי ווי פריהער, און איז ווייטער אזוי געווען א ביסעל פערטראכט, און ווען ער האט זיך צוריק גלייך געזעצט האט ער צו זיי אזוי געזאגט: „די גמרא זאגט: „אל יפטר אדם מחבירו אלא מתוך דבר הלכה”. דאס הייסט אז ווען איינער געזעגענט זיך מיט זיין חבר, דארפען זיי רעדען עפעס דברי תורה. און איהר ווילט דאך אייך געוויס אצונד געזעגנען, וועל איך מיט אייך טאקי רעדען עפעס דברי תורה, נאר איהר זאלט די דברי תורה גוט געדענקען. הערזשע מיך אויס משה׳לע! די גמרא זאגט „צדיקים חביבים עליהם ממונם יותר מגופם”. דאס הייסט, אז ביי די צדיקים איז זייער געלד אויף זיי מעהר געליעבט ווי זייער גוף. דאס איז אלץ נאר אז דער גוף איז אויך געליעבט, און דער גוף קאן בלייבען גוף גאר גאנץ אהן שום שאדען, דאמאלס מעג מען ליעבען דאס געלד מעהר ווי דעם גוף. אבער ווען עס האלט ביי דעם קיום פון גוף, דאס הייסט צו דערהאלטען דעם גוף, ער זאל נישט געשאדענט ווערען, דאמאלס דארף מען שלאגען פאר א כפרה דאס גאנצע געלד.

אצונד ווייטער דו מאיר׳ל, הערזשע אויך מיך אויס. די גמרא זאגט „זרוק חוטרא לאוירא אעיקריה קאי”. דאס הייסט, אז דו וועסט ווארפען א שטעקען אין דער הייך, וועט ער אראבפאלען מיט דעם שפיץ צו דער ערד, אזוי ווי ער איז ארויס געוואקסען פון דער ערד. וויייל יעדע זאך ציהט זיך צוריק צו זיין שרש. היינט אצונד קאנסט דו דאס גאר גרינג פערשטעהן, מה דאך ביי א שטעקען, וואס איז א לאנגע זאך און ער האט צוויי עקען, איז אזוי, כיכל שכן נאך ביי געלד, וואס ס׳איז א קיילעכדיגע זאך, איז אודאי אזוי, אז עס קאלערט זיך צוריק צום שורש. דאס הייסט צו דעם מענש וואס ער האט עס באמת ערווערבט. נעמטץ אייך גוט אין זינען אריין, וואס איך האב דא אצונד מיט אייך געשמועסט און פאהרטץ געזונטערהייד, השם יתברך זאל אייך העלפען עטץ זאלט מאכען גוטע געשעפטען”.

משה׳ל און מאיר׳ל האבען זיך געזעגענט מיט׳ן גריידיצער רב און זענען אהיים געפאהרען קיין ברעסלוי. אויפ׳ן וועג האבען זיי אפילו איינער מיט׳ן אנדערען איבערגעשמיעסט די דברי תורה, וואס דער רב האט זיי געזאגט, נאר זיי האבען וועהניג פערשטאנען דעם רב׳ס מיינונג, און ס׳האט עפעס ביי זיי אויסגעקוקט נישט זעהר געהויבען דער שמיעס, און ס׳איז ביי זיי געבליבען, אז דער רב האט געמוזט זיין דאמאלס שלעפעריג.

ווען זיי זענען אהיים געקומען האבען זיי אנגעהויבען צו זוכען געשעפטען. מעקלערס האבען זיי פארגעלייגט פערשידענע געשעפטען. זיי האבען געהאנדעלט מיט וואהל, מיט מאטריאל-האלץ, מיט שטיין-קוילען און זיי האבען טאקי מצליח געווען און זענען רייך געווארען. קיין געלד פון שותפות האבען זיי נישט ארויסגענומען אויף פרנסה, ווארען זיי האבען געהאט פרנסה פון די היימישע געשעפטען וואס די ווייבער האבען געפיהרט. איבער דעם איז דער קאפיטאל פון שותפות געוואקסען, און איז אלע מאהל גרעסער געווארען. אזוי נאך זענען זיי געקומען אלע מאהל צו גרעסערע געשעפטען. און אזוי באלד אז זיי האבען נישט בעקומען איין גרויס געשעפט, וואס זאלען דארפען אריין צו לעגען דערינען דעם

גאנצען

גאַנצען קאַפּיטאַל האָבען זײ געמאַכט צװײ געשעפטען און יעדער שותף האָט באַזונדער געפיהרט אײן געשעפט. דאָס שותפות האָט זיך אַזױ געפיהרט עטליכע יאָהר אין בעסטען אָרדנונג און די הצלחה האָט זײ גאַנץ שעהן געשפּיעלט.

װי געװעהנליך האָבען בײדע שותפים געהאַט קינדער, װעלכע זענען גרױס געװאָרען, און מ'האָט שױן געדאַרפט קלערען פאַר זײ שידוכים. און דאָס איז דאָך שױן פון די אלו דברים שאין להם שיעור, אַז מען גיט אַ גרעסערען נדן טהוט מען דאָך אַ גרעסערען שידוך. דאַן האָט שױן דער יצר הרע בעקומען אַ גוטען פּאַקט, ער זאָל אָנרעדען די צװײ שותפים, זײ זאָלען אָנהױבען גנב'ענען אײנער אונטער'ן צװײטען. יעדער האָט זיך שױן מורה היתר געװען אױף אַנ'אַנדערען אופן. אַמאָהל האָט זיך אײן שותף אײַנגערעדט: „איך האָב דאָך אַלײן אױפגעטהון דאָס גאַנצע געשעפט, מײַן שותף האָט אפילו נישט גע'חלומ'ט פון אַזאַ געשעפט, אַליאַ אפילו אַלם מעקלער איך זאָל מיך רעכענען, מעג איך אױך מיר אַראָבנעמען עטליכע טױזענד מאַרק, ס'װעט אַזױ אױך זײַן געװנג ריוח". דער צװײטער װײַטער האָט זיך אַמאָהל מורה היתר געװען, װען זײ האָבען געפיהרט צװײערלײ געשעפטען. „באשר אַז יענער שותף האָט אַ קלענערע אַרבײט, שלאָפט זיך אױס געװנג, לײגט זיך זײגער נײַן, און הױפּט זיך אױף זײגער נײַן. אָבער איך קאָן מיך בשום אופן נישט לעגען פריהער װי זײגער צװעלף. און אין דער פריה װײַטער זײגער זעקס מוז איך שױן שטעהן אױף די פיס, אַליאַ אפילו איך זאָל מיך רעכענען אַלם משרת, מעג איך מיר אױך אַראָבנעמען עטליכע טױזענד מאַרק, ס'װעט אַזױ אױך זײַן געװנג ריוח". און דאָס איז דאָך בעװאוסט, אַז עבירה גוררת עבירה, אַז זײ האָבען נאָר אָנגעהױבען צו פערזיכען דעם טעם פון גנבה, האָט עס זײ שױן אַלע מאָהל מעהר און מעהר צו געצױגען צום גנב'ענען. בקיצור צײַט זײ האָבען אָנגעהױבען צו מאַכען צװײערלײ געשעפטען, איז נישט אַדורך געגאַנגען קײן אײן געשעפט, װאָס אײן שותף האָט נישט געזאָלט מאַכען די גנבה אונטער'ן צװײטען.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז ס'איז דאַמאָלס געװען אַ שעת מלחמה, דער פרײַס מיט'ן פראַנצױז האָבען זיך אָנגעהױבען אַרום צורײַסען, און זײ האָבען אָנגעהױבען צו פיהרען צװישען זיך גרױסע מלחמות. און װי געװעהנליך בײַ אַ מלחמה דאַרף מען דאָך האָבען פּאָדריאַטשיקעס, װאָס זאָלען צו שטעלען פּראָװיאַנט פאַר די זעלנער. דאָס איז אױך בעװאוסט, אַז אונטער צונעמען זיך צו זײַן אַ פּאָדריאַטשיק איז נישט אַזאַ גרינגע זאַך. ערשטענס, דאַרף מען מיטפאָהרען אױף די אַלע ערטער װי דאָס מיליטער געפינט זיך. צװײטענס, דאַרף מען קאָנען עטליכע שפּראַכען. און על כולם דאַרף מען דערצו אַ גרױסען קאַפּיטאַל. אָבער דאָך הײסט עס פון די געהױבענע געשעפטען, װאָרען ס'איז גאַנץ גרינג מעשיר צו װערען בײַ אַ פּאָדריאַד װען ס'איז אַ מלחמה צײַט. משה'ל און מאיר'ל די צװײ שותפים האָבען זיך איבער גערעכענט אַז פאַר זײ איז װי געװאונשען צו װערען פון די הױפּט פּאָדריאַטשיקעס, װאָרען קײן געלד פעהלט זײ נישט. זײ האָבען זיך אױסגערעכענט אַז זײ קאָנען צוזאַמענשטעלען אַ מיליאָן מאַרק. שפּראַכען קאָנען זײ גאַנץ גוט, דײַטש, פראַנצױזיש און ענגליש. יונגע און געזונדע מענשען זענען זײ, טאָ פאַרװאָס זאָלען זײ נישט װערען קײן פּאָדריאַטשיקעס. און אױסער דעם

אלײם

אלעם האט אין יעדען שותף געפיקט דאס הארץ שטילערהייט, אז ביי אזא געשעפט קאן מען דאך עפים גיכער מאכען די מטבע הינטען ארום, ער זאל גאר נישט דארפען אבצוגעבען קיין דין וחשבון פאר'ן אנדערען שותף. ווארען עס פערשטעהט זיך גאנץ גוט, אז ביי אזא גרויס געשעפט אין א שעת מלחמה, איז אונמעגליך צו האלטען א ריכטיגען רעכנונג. אלזא זענען ביידע שותפים צוגעפאלען צו דעם געשעפט מיט גרויס חשקות. יעדער האט גענומען א האלבען מיליאן מארק אין טאש אריין, און זיי האבען זיך געמאלדען ביי דער פרייסישע רעגירונג, אז זיי ווילען זיך אונטער נעמען צו ווערען פאדריאטשיקעס. און בעוויל זיי האבען געדארפט קאלסיע לעגען, האבען זיי זיך נישט געקאנט אונטער נעמען מעהר ווי יעדער זאל איבערנעמען איין פאלק זעלנער. ס'איז אבער נישט אויסגעקומען אז די צוויי פאלקען זעלנער זאלען זיין פון איין דעוויזיע, ווארען דער פרייס האט געמוזט צוטיילען די זעלנער זיינע אויף דריי ארמיעס צו דער מלחמה, איז אלזא אויסגעקומען, אז משה'ל איז געווארען פאדריאטשיק איבער א פאלק פון די ערשטע ארמיע, און מאיר'ל איז געווארען פאדריאטשיק איבער א פאלק פון די דריטע ארמיע.

די צוויי שותפים האבען זיך אבגעזעגענט אין דערהיים מיט'ן ווייב און קינדער. זיי ביידע האבען זיך אויך געזעגענט איינער מיט'ן אנדערען און ויסעו, זיי האבען זיך אוועק געלאזט יעדער אין אנ'אנדער געגענד אריין, אלץ ביי די פראנצויזישע גרענעצען, ווי די מלחמה אפעראציעס זענען אויסגעקומען. און ווי ס'פערשטעהט זיך, איז יעדער פאדריאטשיק געווארען מיט זיין פאלקאווניק קנעפעל ביי קנעפעל, אזוי גוט משה'ל ווי מאיר'ל, און זיי האבען געפיהרט דעם פאדריאד ביד רמה אהן שום מכשול, און ס'האט זיך טאקי אויסגעוויזען אז ס'שטעהט זיי מעשיר צו ווערען.

דאס איז דאך אבער בעוואוסט, אז „השטן מקטרג בשעת הסכנה”. דאס הייסט אז ווען דער מענש איז אין א סכנה, איז דער שטן אויף איהם אין הימעל מקטרג, און דערמאנט זיינע עבירות מען זאל איהם בעשטראפען. אלזא איז „כאן מצא הבעל חוב מקום לגבות חובו”. דא האט דער בעל חוב געפונען אן ארט אבצונעמען זיין חוב. דאס הייסט אז מען זאל זיך פון הימעל אברעכענען מיט די צוויי שותפים, וואס זיי האבען געבראכען דאס כתב שותפות, וואס דער גריידיצער רב האט זיי געשריבען, און זיי האבען עובר איסור געוועו, און עובר תקיעת כף געוועו, מיט דעם וואס זיי האבען ביידע אנגעהויבען צו גנב'ענען פון שותפות, איינער אונטער'ן אנדערען. וועלען מיר דא בעשרייבען יעדענס אומגליק בעזונדער, וואס מיט זיי האט זיך פאסירט, ווי אזוי זיי זענען געפאנגען געווארען, און פערשווארצט געווארען א לאנגע צייט, געליטען נויט און אויסגעשטאנען פיעל פערשיעדענע צרות, ביז זיי זענען אהיים געקומען בעירום ובחוסר, נאקעט און בארוועס. פריהער וועט דא בעשריבען ווערען וואס האט זיך פאסירט מיט משה'לען, און דערנאך וועט שטעהן בעשריבען, וואס דער אנדערער שותף מאיר'ל האט געליטען.

משה'לעס צרות.

דאס איז בעוואוסט אז דער פרייס האט עטליכע מאהל אריינגעכאפט זיך קיין פראנקרייך

פראנקרייך, אלע מאהל מיט אנ'אנדערע ארמיע. עטליכע מאהל האבען די פראנצויזען געזיגט, ארויסגעיאגט דעם פרייס פון פראנקרייך, דערביי האבען די פראנצויזען גענומען פיעל פרייסיש מיליטער אין פלען. אבער באלד האט דאס פרייסיש מיליטער צוריק אריינגעחאפט זיך קיין פראנקרייך. אזוי האט געדויערט א לאנגע צייט, ביז צום סוף וואס דער נצחון איז געווען ביי די פרייסען א פאלקאמענער, און זיי האבען אריין געדרונגען קיין פאריז.

דער פאלק, וואס משה'ל איז געווען זיין פאדריאטשיק, איז געווען פון די ארמיע וואס האט זיך באלד אריבערגעחאפט איבער די גרעניץ. דער פראנצויז האט די ארמיע אריינגענארט טיעפער און טיעפער אין זיין לאנד אריין, ביז ס'איז געלונגען די פראנצויזען ארום צו רינגלען פון אלע זייטען די ארמיע. אז דער פרייס האט דערשפירט די קלוג, האט ער זיך מיט'ן גאנצען קראפט געלאזט צוריק לויפען אין זיין היים אריין. אבער דאס איז איהם נישט אזוי לייכט אנגעקומען. די פראנצויזען האבען זיי געשניטען פון אלע זייטען, און פיעל פרייסיש מיליטער איז אריינגעפאלען אין פלען צו די פראנצויזען. משה'לס פאלק איז צושלאגען געווארען. און דער משה'ל נעבעך, האטש ער איז נישט געווען צווישען די זעלנער, נאר עטליכע מייל ווייט פון די מלחמה, איז ער פארט אויך פערגומען געווארען דורך די פראנצויזען.

צום ערשט האבען זיך די פראנצויזען צו איהם צו געטשעפעט, אז ער איז געוויס א שפיאן, און זיי האבען צו איהם געשריגען „מרגל אתה". אלזא וועט מען דיך משפט'ען דורך א פעלדס-געריכט, אבער צו שיסען, אבער צו הענגען. מען האט איהם גענוג געמוטשעט טאג טעגליך מיט אויספארשונגען. און קוים, קוים ס'איז איהם געלונגען דורך מעשה נסים ארויס צו דרעהען זיך פון דעם געפאהר. פיעל האט איהם געהאלפען. וואס ער האט געהאט ביי זיך פערשידענע דאקומענטען מיט קוויטאנציעס פון דעם פראוויאנט וואס ער האט צוגעשטעלט. הכלל מען האט שוין איהם געגלויבט, אז ער איז א פרייסישער פאדריאטשיק. נו, אזא שטיקעל סחורה איז אויך געווען זעהר חשוב ביי די פראנצויזען. עפעס א קלייניגקייט, האבען זיי צו איהם אלע מאהל גע'טענה'ט: „ווען דו וואלסט נישט געווען צוגעשטעלט קיין פראוויאנט, וואלט דער פרייס נישט קיין כח געהאט צו שלאגען זיך מיט אונז". הכלל ס'איז אויסגעוויזען געווארען, כנהוג, אז דער איד איז דער גאנצער חייב אין די מלחמה, און ווען נישט ער, וואלט דעם פרייס אפילו נישט גע'חלומ'ט מלחמה צו האלטען מיט'ן פראנצויז.

נו וואס טהוט מען אבער דאך מיט דעם אידעל. שיסען אבער הענגען קומט דאך איהם נישט דערפאר, אוועק שיקען איהם ערגעץ אין א שטאדט אריין אין טיעף פראנקרייך גלייך מיט די רעשט זעלנער, וואס זענען גענומען געווארען אין פלען אריין, איז אויך עפיס ביי זיי קיין יושר נישט געווען, ווארען ער איז דאך פארט א גרעסערער חייב ווי א זעלנער. דער זעלנער מוז געהן אין די מלחמה אריין, אבער דער איד איז געגאנגען אנטהון די פראנצויזען צרות, צוליעב דעם וואס עס האט זיך איהם פערגלוסט רייך צו ווערען. איז אלזא געבליבען ביי זיי, אז זיי זאלען איהם אוועקשיקען אין טיעף אפריקא אין א פראנצויזישע קאלאניע

צווישען

צוּוִישֶׁען מאַראָקאָ און קאָנגאָ, ווי ס'ווערען פֿערשיקט די פֿער'משפּט'ע פֿערברע־כער אויף אַ פֿערשיקונג.

דער לעזער קאָן גאַנץ לייכט פֿערשטעהן אַז משה'לען האָט שוין נעבעך קיין צרות ניט געפֿעהלט. קוים איז ער אַריין צווישען די באַנדע אַרעסטאַנטען, האָ־בען זיי איהם אָנגענומען פֿאַר אַ חברה־מאַן, זייערס אַ קאָלעגע. ראשית האָבען זיי איהם בעזוכט, אויב ער האָט ניט בייא זיך עפּיס געלד. ווארען דאָס געלד, וואָס איינער פֿון די חברה־לייט פֿערמאָגט, גייט אַריין אין שותּפות פֿאַר אַלע גלייך. משה'ל איז אָבער קיין נאַר ניט געווען, אין טאַש האָט זיך נאַר געפֿונען בייא איהם עטליכע מאַרק. און דאָס גאַנצע פֿארמעגען זיינס, וואָס ער האָט געהאַט אַראָב גע'־גנב'עט פֿון שותּפות, פֿינף און צוואַנציג טויזענד מאַרק, האָט ער געהאַט אויס־געטוישט אויף גרויסע אַסיגנאַציעס, נאָך איידער ער איז אַוועק אין דער מלחמה אַריין, און ער האָט די אַסיגנאַציעס, געהאַט פֿערנייט אין די כאַלעוויס פֿון די שטיוועל זיינע, אַזוי אַז ס'איז בשום אופֿן גאָר ניט געווען צו דערקאָנען. צווישען די אַסיגנאַציעס וואָס ער האָט געהאַט בעהאַלטען אין שטיוועל, האָט זיך אויך גע־פֿונען די צינק מטבע, וואָס דער גריידיצער רב האָט געגעבען יעדען בעזונדער פֿון די שותּפים אויף הצלחה, און בייא משה'לען איז געווען די מטבע מיט מאיר'לס נאָ־מען, אַזוי ווי אויבען ווערט געברענגט. אַלזאָ האָבען די אַרעסטאַנטען איהם גע־גלויבט אַז דאָס איז זיין גאַנץ פֿערמעגען. זיי האָבען בייא איהם צוגענומען דאָס געלד און ער איז, הייסט עס, אַריין אין דער געזעלשאַפֿט, געוואָרען אַ חברה־מאַן גלייך מיט אַלע. וליתר תוקף ועוז, ער זאָל וויסען אויף זיכער, אַז ער הייסט שוין אַ חברה־מאַן האָט ער בעקומען אָנגעשמיסען, דערנאָך האָט מען איהם אויפֿגעהויי־בען מיט אַנ'אויסגעשריי וויוואַט! וויוואַט! אָבער דאָך האָט ער דעם ערשטען חודש געהייסען אַ מלאַדוש, אָדער אַ גרינער, און ער האָט געמוזט טהון דאָס וואָס די אַלטע אַרעסטאַנטען האָבען געדאַרפֿט טהון. דהיינו אַרויסגיסען די אומריינע פֿעסער, וואַשען די פּאָדלאָגעס, אויסקעהרען די שטיבען, אויסרייניגען די רינשטאָקען, און נאָך אַזעלכע טייערע כּיבּודים.

ס'האָט אַזוי אָבגעדויערט העכער ווי אַ חודש צייט, איידער מ'האָט איהם פֿון דאָרט אַוועק געשיקט נאָך אַפֿריקאַ, אין די פֿראַנצויזישע קאָלאָניע. ווארען מען שיקט ניט אַוועק, נאָר אַז עס זאַמעלט זיך אָהן אַ גרויסע פּאַרטיע מיט איינמאָהל אַוועק צו שיקען. מילא אויב משה'לען איז ביטער געווען איידער מ'האָט איהם אַוועק געשיקט, איז זעלבסט פֿערשטענדליך אַז אויף דעם וועג איז איהם נאָך פֿיעל ער־גער געווען. אין אַפֿריקאָ איז דאָ ווייניג באַהנען, ווייניג גוטע וועגען. ס'איז זיי אויסגעקומען צוגעהן געגוג צעהנדליגע מיילען צופֿים, אָבער אין בלאָטעס, אָבער אין זאַמדען. און די הייסע אַפֿריקאַנישע זון האָט ניט געשאַלעוועט, און האָט ניט אַנגעקאַרגט איהרע הייסע שטראַהלען אויף די קעפּלעך פֿון די חברותא אַרעס־טאַנטען. ניט איינער איז קראַנק געוואָרען אויפֿ'ן וועג פֿון אַ זון שטאָך, און מ'האָט די קראַנקע געמוזט פֿיהרען אויף אַ וואָגען. משה'לען האָט אפילו אויך גוט וועה געטהון דער קאָפּ פֿון די הייסע זונען־שטראַהלען. ער האָט אָבער מורא געהאַט דאָס צו בעמעלדען פֿאַר'ן עלטסטען, וואָס האָט אָנגעפֿיהרט מיט די חברותא. דאָס איז

געווען

געווען א יונגער, בייזער, שווארצער אפעציר. ווארען משה'לי האט פערשטאנען גאנץ גוט וואס פאר א יחסן א איד איז ביי דעם שווארצען אפעציר. אלזא האט ער זיך אלע מאהל צוגעלעגט צום קאפ א טיך פון קאלט וואסער. ער האט גע־מוזט אראב ביינגען דאס קעפעל און איז געגאנגען מיט די לעצטע כחות.

גאנצע דריי חדשים האט געדויערט, איידער זיי זענען געקומען קיין אפריקא אויף דעם בעשטומטען ארט. פראנקרייך איז שוין בעוואוסט מיט איהרע ערטער, ווי אהין זי פערשיקט איהרע פערברעכער. די ערטער געפונען זיך אין פערשיע־דענע געגענדער, גאנץ ווייט פון פראנקרייך. זיי הייסען: טייוועלס־אינזעל, שווארץ־גיהנם, רויט גיהנם, ווייס־גיהנם. דאס ארט ווי משה'לי איז פערשיקט געווארען האט זיך גערופען „שווארץ־גיהנם". מיט איין ווארט דארט איז אלץ שווארץ. די מענשען שווארץ, די ערד שווארץ, בהמות, חיות, עופות, הינד, קעץ, אלץ שווארץ. אפילו דאס וואסער וואס מען טרינקט איז אויך שווארץ. די פערברעכער וואס ווערען פערשיקט אויפ'ן שווארצען גיהנם רופען זיך פריע־פערשיקטע. זיי מעגען זיך ארום דרעהן פריי אויף דער גאנצער קאלאניע, נאר אלע דריי טאג דארף יעדער קומען, פארצושטעלען זיך פאר דעם נאטשאלניק, וואס האט איבער זיי צו בעשאפען. ווייטער זענען זיי פריי. זיי מעגען פערדיענען געלד ביי די אר־טיגע איינוואהנער, וואס זענען אלע שווארצע, האלב־ווילדע נעגרעס. דער וואס קאן זיך נישט דארט אזוי גיך ערווערבען עפיס א פערדיענסט, לעבט ער דערווייל אין געהאקטע צרות אויף די רעגירונגס רעכנונג. צוליעב דעם צוועק זענען דארט דא אזעלכע גרויסע קאזארמעס, ווי די לא יצלח'דיגע פערברעכער האלטען זיך אויף. די עסענס וואס זיי בעקומען זענען זעהר געמיין. און פאר דאס מוזען זיי ארבייטען ביי די רעגירונג אלערליי ארבייט, וואס דער נאטשאלניק לעגט זיי פאר. החוץ דעם גלאוונעם נאטשאלניק איז נאך דארט דא אנדערע רעגירונגס בעאמטע, דהיינו אן אפעציר מיט סאלדאטען, אבצוהיטען די ארדנונג. אונטער־אפיצערען וואס געהן מיט צו דער ארבייט מיט די פערשיקטע און נאך פערשידענע בעאמטע פון די רעגירונג. איבער זיי אלע איז דא אויף דער קאלאניע א פראנצויזישער גובער־נאטאר, וואס ער איז דארט דער ווירקליכער רעגירער, אזוי ווי א קייזער איבער זיין לאנד.

ווען משה'ל איז אנגעקומען אויפ'ן שווארצען גיהנם, האט מען איהם אויך פריי געלאזט. ער האט זיך געמאכט א זעקעלע האט גענומען א גאנץ ברויט, אבי־סעל זאלץ, עטליכע צובולקעלעך, און האט זיך ארויסגעלאזט אויף דער קאלאניע זיכען עפיס פערדיענסט. אבער זיין זיכען איז געווען גאר אומזיסט. קיין פאר־ריאטשיקעס, קיין שרייבערס, קיין בוכהאלטערס ברויך דארט קיינער נישט. קיין שום מלאכה ווייטער האט ער נישט געקאנט. און גלאט צו זיין ערגעץ ווי א משרת האט זיך אויך איהם נישט איינגעגעבען. די נעגערס ברויכען קיין משרתים נישט. אויף צו טרעגען די באלעווא פון א שטיוועל, ארויסצונעמען עפיס געלד און צו לעבען פאר זיך, האט ער אויך מורא געהאט. ערשטענס, וועלכער נעגער קאן זיך דען אויף פרייסיש געלד. צווייטענס, האט ער גאנץ גוט פערשטאנען, אז אויב מען וועט זיך דערוויסען, אז ער האט ביי זיך געלה, איז זיין לעבען שוין גאר נישט ווערט. א ליאוע ווער וועט איהם אנקריגען אין א זייט, און וועט איהם ערמארדען

ערמארדען, כדי צו בערויבען ביי איהם דאס פארמעגען זיינס, אלזא האט משה'ל זיך איבערגערעכענט אז ער האט קיין אנדערע עצה נישט, נאר ער זאל זיך צוריק איבערגעבען אינגאנצען די ארטיגע מאכט. ער וועט ארבייטען וואס מען וועט איהם הייסען, אבי מען זאל איהם געבען עסען מיט אגעלעגער.

אויפ'ן דריטען טאג, ווען משה'ל האט זיך געדארפט פארצושטעלען פאר דעם ארטיגען נאטשאלניק, האט ער זיך געזשאלעוועט, אז ער קאן דא גאר נישט פארדיענען, און האט געבעטען מען זאל איהם אריינגעמען אין די קאזארמעס אריין, ער זאל לעבען אויף דער רעגירונגס רעכנונג, און ער וועט דערפאר ארבייטען די רעגירונגס ארבייט גלייך מיט אלע פערשיקטע, וואס געפונען זיך דארט, דער נאטשאלניק האט איהם פערשריבען צווישען די ראטע ארבייטער, און משה'ל האט זיך דארט אין די קאזארמעס איינגעארדענט, געגעסען גלייך מיט אלע, געשלאפען גלייך מיט אלע, און האט אויך געטהון אלערליי ארבייט וואס מען האט איהם פארגעלעגט. איינמאהל האט איהם דער נאטשאלניק פארגעלעגט, ער זאל זיך אויסשרייבען פון די ראטע וואס ארבייטען די היימישע ארבייט, נאר ער זאל זיך בעסער איינשרייבען אין א ראטע וואס ארבייט ביים קאנאל־גראבען. ווארען עטליכע מייל וויט פון דארט האט די פראנצויזישע רעגירונג געגראבען א קאנאל, און די ארבייטער וואס האבען געארבייט ביים קאנאל האבען בעקומען, אויסער די לעבענסמיטלען, יעדער בעזונדער צו צוואנציג סענט טעגליך, און אזוי ווי דער נאטשאלניק האט באמערקט, אז משה'ל פיהרט זיך זעהר אין ארדנונג, ס'איז נאך אויף איהם קיין איין מסירה נישט געוועזען, האט ער אויף איהם רחמנות בעקומען, און האט געוואלט אז משה'ל זאל קומען צו עפיס געלד, איבער דעם האט איהם דער נאטשאלניק פארגעלעגט ער זאל זיך בעסער פערשרייבען צום קאנאל־ארבייט.

משה'ל האט זיך אבער איבערגערעכענט, ער איז דאך פארט א איד, און ער האט דאך פארט א שטארקע האפנונג, ער זאל זיך קאנען פון דעם שווארצען גיהנם ארויסהאפען צוריק אויף דער פריי, אלזא האט זיין הארץ נישט דערלאזט, ער זאל זיך איינשרייבען צום קאנאל־ארבייט, וואס דארט מוז מען ארבייטען אין שבת גלייך מיט אלע. אבער דא ביי די היימישע ארבייט, איז איהם לייכטער אנגעקומען, ער זאל זיך קאנען שבת ארויסדרעהן פון דער ארבייט. האט ער אויף זיך גענומען, ער זאל בעסער ארבייטען די היימישע ארבייט כמעט גאר בחנם, איידער ער זאל פערדיענען געלד דורך חילול שבת.

דורך דעם נסיון וואס משה'ל איז ביינעשטאנען, ער זאל זעהן אבצוהיטען זיך ווי וויט מעגליך פון חילול שבת, האט מען אין הימעל אויף איהם רחמנות בעקומען, און א מליץ יושר האט אנגעהויבען אין הימעל אויף איהם מלמד זכות צו זיין, מען זאל איהם ביייהילפיג זיין פון הימעל, ער זאל זיך קאנען פון דעם שווארצען גיהנם בעפרייען. אהע דאס וואס ער האט עובר געוועזען אויף תקיעת כף, און א איסור, און א קבלת קנין, מיט דעם וואס ער האט גע'גנב'עט פון שותפות, דאס אלץ וועט ער קאנען פאררעכטען קעגען זיין שותף, אז ער וועט בעפרייט ווערען, וועט ער געוויס אויף דעם תשובה טהון. ובפרט אז דער אנדערער שותף האט דאך אויך גע'גנב'עט, און האט אויך אויף דעם זעלבען עובר געוועזען, וועלען זיי זיך

דאך

דאָך געווים גאָר גרינג פֿערגלייכען, ווען זיי וועלען זיך צוזאַמען קומען, און געווים וועלען זיי זיך דאָך איינער דעם צווייטען מוחל זיין אויף אַלעם מיט'ן גאַנצען הארץ. ווי ס'ווייזט אוים, האָט דער מליץ יושר אין הימעל געמאַכט אַ גרויסען רושם, און ס'האָט אָנגעהויבען צו בלאָזען אויף משה'לען אַ לייכט ווינטעל.

האָט זיך געמאַכט אַמאָהל אַ פֿרייטאָג צו נאַכטס, אַז משה'ל איז געלעגען אין דער קאַזאַרמע אויפ'ן שעניק מיט'ן שטרויענעם קישעלע, און ער האָט נישט געקאָנט אַזוי גיך אַנטשלאָפֿען ווערען. די געדאַנקען האָבען איהם אַרום געטאַנצט אויף די געהירען, אַזוי ווי די שדים טאַנצען. די געדאַנקען האָבען איהם געשטאָכען די געהירען ווי נאָדלען. די נערווען האָבען אין איהם געציטערט־אַזוי ווי ביי איינעם וואָס דער פֿיבער שפּיעלט זיך מיט איהם ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. ער האָט זיך אָנגעהויבען צו דערמאַנען, ווי גרוים, און ווי הויך ער איז שוין געשטאַנען, און איז יעצט אַראָבגעוואָרפֿען געוואָרען, אַזוי ווי פֿון אַ הויכען באַרג אין אַ טיעפֿען אָבגרינד אַריין. עס האָט זיך איהם פֿאָרגעשטעלט ווי זיין ווייב און קינדער וויינען און קלאָגען אויף איהם טאָג און נאַכט. זיי מיינען געווים אַז ער איז ערגיץ אין די מלחמה גע'הרג'עט געוואָרען. דאָס ווייב רעכענט זיך שוין פֿאַר אַן'אייביגע עגינה, די קינדער רעכענען זיך פֿאַר לעבעדיגע יתומים. אָט יעצט וויינען זיי געווים און זאָגען, ווי איז נעבעך אַוועק געקומען אונזער קדוש־מאַכער, אונזער טייערער פֿאָטער. מיין טייערער מאַן. און דאָ איז ער אין אַזאַ געפֿענגעניש, אַז ער קאָן בשום אופן קיין בריעף נישט אַהיים שרייבען.

בענקענדיג מיט זיינע טרעהרען דאָס שטרויענע קישעלע, האָט ער שטילערהייט צו זיך אַליין גערעדט: „אוי גוואַלד! וואָס פֿאַר אַ זינד האָב איך געטהון, אַז ס'איז אויף מיר אויסגעגאָסען געוואָרען אַ זאַ גרויסע שטראָף?! אידיש האָב איך מיך שטענדיג געפֿיהרט. מיין הויז האָב איך אויך איינגעפֿיהרט אויפ'ן אידישען שטייגער. אין די יונגע יאָהרען, ווען איך האָב נאָר צייט געהאַט, האָב איך געגנוג תורה געלערענט. איך שפּיהר מיך גאָר נישט, אַז איך האָב מיך געזאָלט קעגען גאָט אַזוי שטאַרק פֿערזינדיגען, איך זאָל ווערט זיין אַזאַ גרויסע שטראָף. נישט אנדערש, נאָר איך ווער געשטראָפֿט אויף דעם, וואָס איך האָב עובר געווען אויפ'ן תקיעת כף, וואָס איך האָב געגעבען פֿאַר'ן גריידיצער רב. אוי! אוי! דער יצר הרע פֿון געלד ברענגט אום דעם מענש פֿון די וועלט. צו כל צרות קומט מען דורך דעם עגל הזהב. וואָס האָב איך דען היינט פֿון דעם גנבה'שען געלד, וואָס איך טראָג אַרום אין די שטיוועל? יעצט זעה איך טאַקי עפֿענטליך, אַז די עבירות שבין אדם לחבירו, וואָס איינער זינדיגט קעגען זיין חבר, זענען שטרענגער, ווי די עבירות שבין אדם למקום, וואָס אַ איר זינדיגט קעגען אייבערשטען".

משה'ל האָט זיך אַזוי גערעדט אויפ'ן געלעגער, אַלע מאָהל אויף אַן'אַנדערע זייט. שטילערהייט געחליפּעט, שטילערהייט עפּים געפּלאַפּעלט, ביז ער איז פֿאָרט איינגעשלאָפֿען אין אַ טיעפֿען שלאָף. דאַן האָט זיך איהם גע'חלומ'ט אַז ער איז שבת ביים גריידיצער רב. ער הערט איהם דאַווענען אין בית המדרש. ער הערט איהם זאָגען שלום עליכם און קדוש מאַכען. דער עולם איז גרוים, ענג ביים טיש, מען שטיפּט זיך, מען שוויצט, מען עסט די סעודה, מען זינגט

זמירות

זמירות. הכלל מען הויבט שוין אָן ווײַן צו טרינקען. דאָ רופט אויס דער משמש די מענשען וואָס מ'איז זיי מכבד מיט ווײַן טרינקען. זיי געהן צום גריידיצער דערלאַנגען איהם די האַנד און זאָגען צו איהם „לחיים". דער צדיק ענטפערט יעדען מיט אַ חן, מיט אַ שמייכעלע אויף'ן הייליגען פנים „לחיים טובים ולשלום". אַט האָט דער משמש אַ רוף געטהון אויף'ן הויכען קול, ר' משה'ל ברעסלער מכובד מיט אַ גלעזעל ווײַן. משה'ל שטיפּט זיך אַדורך מיט אַלע קרעפטען, קומט צו נעבען גריידיצער רב, דערלאַנגט איהם די האַנד און זאָגט „לחיים רבי"!

אָבער אַזוי ווי נאָר דער גריידיצער רב האָט איהם דערזעהן מיט די אויס־געשטרעקטע האַנד, האָט ער זיך געטהון אַ ריק צוריק אויף זײַן שטיל, זאָגענדיג דערבײַ די ווערטער: „ניין! ניין! די האַנד וואָס האָט עובר געווען אויף תקיעת כף, קאָן איך נישט נעמען אין מײַן האַנד אַרײַן". דערבײַ האָט ער נאָך געהערט אין חלום אַן'אויסגעשרײַ פון גריידיצער רב די ווערטער: „שוטה איינער! אָבער ווי לאַנג וועסט דו דאָרט אַרומוואַלגערען זיך אויף דעם שוואַרצען גיהנם"?

פון דעם געשרײַ איז ער אויפגעקומען פון שלאָף, בעדעקט אינגאַנצען מיט אַ קאַלטען שווייס. און אַזוי ווי ער האָט געעפענט די אויגען איז איהם אײַנגעפאַלען אין מויל אַרײַן דער פסוק „כפר נפש איש עשרו". דאָס הייסט „דאָס עשירות קאָן נוטצען פאַר אַן'אויסלייזונג צום נפש פון דעם מענש". משה'ל האָט דעם פסוק וואָס איז אַרײַנגעפאַלען אין זײַן מויל אַרײַן גוט איבערגעקײַעט, און ער האָט דעם פסוק אַזוי שטילערהייט עטליכע מאָהל איבערגע'חזר'ט. דערבײַ האָט ער גע־שפיהרט אַזוי ווי עפּיס אַ היילונג וואָלט געקומען צו זײַן האַרץ. אַזוי ווי מען וואָלט אַראָבגענומען אַ שווערען שטיין פון זײַן האַרץ. גלײַך אַזוי ווי עמיצער וואָלט איהם אײַנגעראָהמט אין אויער אַרײַן: „שוטה איינער! דו קאָנסט דיך דאָך אויס־לייזען פון דעם געפענגעניש מיט דײַן עשירות".

משה'ל האָט זיך דערמאַנט וואָס די גמרא זאָגט „השכים ונפל פסוק לתוך פיו הרי זה נביאה קטנה". אַז אַ איד חאַפּט זיך אויף אין דער פריה, און עס פאַלט איהם אַ פסוק אין מויל אַרײַן, הייסט דאָס אַ קליינע נביאה. און נאָך האָט משה'ל יעצט באַמערקט, וואָס דער גריידיצער רב האָט מיט איהם גערעדט די דברי תורה בשעת דעם געזעגענען, אַז חאָטש בײַ צדיקים איז ליעבער דאָס געלד מעהר ווי דער גוף, אָבער פון דעסטוועגען אויב עס האַלט דערבײַ צו ראַטעווען דעם גוף, איז אַ כפרה דאָס גאַנצע געלד. די אַלע פאַקטען זענען בײַ איהם אויף'ן נעדאַנק קאַפּויר געשווימען, און איינס צים אַנדערען האָט זיך צו געקלעפּט. ביז ער האָט שוין גוט פערשטאַנען, אַז מען האָט איהם, אַזוי ווי טעלעגראַפירט פון הימעל, אַז ער קאָן זיך מציל זײַן פון דעם שוואַרצען גיהנם דורך זײַן געלד. נאָך מעהר האָט ער זיך פערוואונדערט אויף'ן שטאַרקען רוח הקודש פון גריידיצער רב, אַז ער האָט נאָך דאַמאָלס פאַראויס געזעהן, וואָס פאַר אַן'אומגליק ס'שטעהט איהם פאַר, משה'ל האָט שטילערהייט געפלאַפּעלט די ווערטער: „אָה, וואַ! ווײַזט אויס אַז דאָס עסק איז נישט אַזוי ווי איך מיט מאיר'לען האָבען גערעכענט, אַז דער גריידיצער רב איז געווען שלעפעריג בײַם געזעגענען, און אַז די דברי תורה וואָס ער האָט דאַמאָלס מיט אונז געשמיעסט, איז נישט אַזוי געהויבען.

אָה

אַה, ניין! מיר האָבען טאַקי אַ גרויסען טעות געהאַט. איך זעה ערשט אַז דאָס איז אַלס געוועזען אַ ענין רוח הקודש, אַזוי ווי אַ נביאה. אָה! ווי דערלעבט מען נאָך צוריק אַהיים צוקומען בשלום, איך זאָל נאָך די זכיה האָבען אָנצוקוקען די הייליגע צורה פון גריידיצער רב".

משה'ל האָט שוין מעהר נישט געקאָנט צוריק אַנטשלאָפען ווערען. ער איז אַזוי געלעגען ביז די צייט איז געקומען פון אויפהייבען זיך, און ער האָט שוין אָנגעהויבען צו קלערען תחבולות און עצות, ווי אַזוי נאָך ער זאָל קאָנען דורך די הילף פון זיין עשירות בעפרייען זיך פון דעם שווארצען גיהנם. פאָרלויפיג האָט ער נאָך ביז אַהער נישט געהאַט מיט קיינעם קיין שטאַרק פריינדליך בעציהונג. אָבער דאָך האָט ער שוין פערשטאַנען, אַז ער האַלט פאַר אַ הילף, און אַז מסתם וועט זיך שוין עפּעס געפינען פאַר איהם אַ גלייכער וועג, ער זאָל אויף זיכער פערשטעהן וואָס ער דאַרף צו טהון.

מאַכט זיך פלוצלונג אַזאַ מעשה, נאָך אין דעם זעלביגען שבת. דאָרט האָט זיך אויך געפינען צווישען די קאַזאַרמעס אַ רעגירונגס שפּיטאַל. איז דאַמאָלס דער דינער פון שפּיטאַל קראַנק געוואָרען, און מען האָט געדאַרפט האָבען אין שפּיטאַל אַן אַנדערען דינער. דער נאַטשאַלניק האָט בעשטומט פאַר אַ דינער אין שפּיטאַל אַריין דעם משה'לען. דאָרט אין שפּיטאַל איז פונקט קראַנק געלעגען אויף אַ פּוס דער אונטער-אָפּעציר, וואָס האָט געפּלעגט שטענדיג אָנצופיהרען ביי די אַרבייט מיט דער פאַרטיי פערשיקטע, וואָס משה'ל האָט געהערט צו זיי. דער אונטער-אָפּעציר האָט געהייסען „גירא". אַז ער האָט דערזעהן משה'לען, האָט ער זיך מיט איהם געפרייט, און האָט געזאָגט צו איהם: „איך רעכען אַז פון דיר וועל איך זיין בעסער צופריעדען, ווי פון יענעם גראָבען קאָפּ, דעם דינער וואָס איז קראַנק געוואָרען. דו האָסט דאָך עפּיס אַ אידיש קעפּעל, מסתּם וועסט דו גיכער טויגען צו אַלעם".

משה'ל האָט איהם צו געשמייכעלט און האָט געזאָגט: „וועט איהר זעהן הערר גיראָ, אַז איהר וועט געוויס זיין פון מיר צופריעדען. און משה'ל האָט זיך טאַקי געפּלייסט ביי יעדער זאַך, ער זאָל געפונען חן אין זייערע אויגען, ער האָט געהאַלטען אַלע זאַכען זעהר ריין און שעהן, אַז אפילו דער דאָקטאָר האָט אויך פון איהם גאָר געקוואָלען. דער אונטער-אָפּעציר גירא האָט איהם אַלע טאָג ליעבער בעקומען. משה'ל פלעגט בעקומען פון איהם אַלע מאָהל קליינע מתנות, אַמאָהל צוואָנציג סענט, אַמאָהל אַ האַלבען פראַנק. בקיצור ער איז געוואָרען מיט דעם גירא אַזוי ווי מ'זאָגט, קנעפּעל ביי קנעפּעל. דער פּוס פון דעם אונטער-אָפּעציר האָט זיך שוין געהאַלטען ביים אויסהיילען אינגאַנצען, און דער דאָקטאָר האָט איהם געזאָגט, אַז אין דריי טעג אַרום וועט ער שוין אַרויסגעהן פון שפּיטאַל.

דאַמאָלס איז שוין געוועזען די דריטע וואָך, וואָס משה'ל איז געוועזען דינער אין שפּיטאַל, האָט גירא צו איהם געזאָגט: „דו ווייסט, אַז איך געה שוין באַלד אַרויס פון שפּיטאַל, זאָג מיר וואָס פאַר אַ טובה פערלאַנגסט דו פון מיר, וועלכעס איך וועל דיר קאָנען אָבדיענען פאַר דעם, וואָס דו האָסט מיך אַזוי גוט אָבגעהיטען ביי מיין קראַנקהייט".

דערביי

דערביי איז פונקט קיינער נישט געוועזן אין דעם צימער, און קיינער האט נישט געקאנט הערען דעם שמועס, וואס דא איז צווישען זיי פארגעקומען. דאן האט זיך משה'ל א ווארף געטהון צו זיינע פיס, און מיט א וויינענדיגע שטימע האט ער איהם אנגעהויבען צו בעטען, ער זאל איהם העלפען ענטלויפען פון דעם שווארצען גיהנם. משה'ל האט זיך ביי איהם געבעטען ווי א קליין קינד, און ער האט איהם דערצעהלט, אז ער איז קיינמאל קיין פערברעכען נישט בעגאנגען, ער איז א רייכער סוחר און האט איבערגעלאזט אין דערהיים א ווייב מיט זעקס קינדער, וועלכע ווייסען גאר נישט ווי זיין געפיין איז אהינגעקומען, און גאר אומשולדיג איז ער דא פערשיקט געווארען.

גירא איז שטארק גערירט געווארען פון משה'לס געוויין, און ער האט איהם קודם כל בערוהיגט, ער זאל נישט וויינען. נאכהער האט גירא צו איהם געזאגט: „אבער דער שריט איז דאך זעהר א געפעהרליכער! דא אז מען חאפט איינעם ביים ענטלויפען, ווערט ער באלד דערשאסען אהן דין ומשפט. און ביי אלע גרע־נעצען פעהלט נישט קיין שומרים, היינט ווי אזוי קאנט איהר אייך איינשטעלען דאס לעבען.

אזוי ווי משה'ל האט דערזעהן, אז גירא האט טאקי מיט איהם באמת מיט־לייד, האט ער שוין פערשטאנען, אז דא פעהלט נישט מעהר ווי א שמעלץ צו צוטהון. דאן האט משה'ל צו איהם געזאגט: „הויכגעשעצטער הערר גירא! אמת אז איך פערלאנג פון אייך א טובה אויפ'ן גאנצען לעבען, אבער איך פערלאנג דאס נישט אומזיסט, איך וועל אייך צוריק א טובה טהון, אויך אויף אייער גאנצען לעבען. ווארען לויט ווי איך דערקאן אייך, אז איהר זענט א עהדלער מענש, קאנט איהר דען זיין באמת צופריעדען פון אזא דיענסט, ארום צורייסען זיך שטענדיג מיט געפעהרליכע פארברעכער, און צו געפינען זיך אויף אזא אונגעזונדען קלימאט צווישען האלב ווילדע נעגערס. העלפט מיר צו בעפרייען זיך פון דעם שווארצען גיהנם, וועל איך אייך צוריק העלפען, אז איהר וועט אייך אויך קאנען אויף עוויג בעפרייען פון דער געמיינער דיענסט.

גירא האט אויף משה'לען געקוקט מיט גרויס פערוואונדערונג, און האט צו איהם געזאגט: „אויבוואהל ס'קאן זיין אז אין דערהיים זענט איהר טאקי רייך, אבער דא זענט איהר דאך ארעם גלייך מיט אלע פערשיקטע, היינט מיט וואס קאנט איהר מיר דא א טובה טהון, עס זאל מיר לוינען איך זאל מיין אמט פערלאזען".

משה'ל האט איהם געענטפערט: „הויכגעשעצטער הערר גירא! די זאך איז נישט אזוי ווי איהר מיינט. די זאך קאן גאר האבען אנ'אנדערען גאנג. איך קאן אייך ענטדעקען א געהיימניס, וואס אלע אייערע פראגעס וועלען אליין פערענטפערט ווערען, און איהר וועט זיין העכסט צופריעדען. אבער דאך ענטשולדיגט מיר. איך קאן ביי מיר נישט פועל'ן צו ענטדעקען פאר אייך דאס גרויסע געהיימניס, ביז איהר וועט מיר צו שווערען אויף צוויי זאכען. ערשטענס, אז די ענטדעקונג פון דער געהיימניס וועט מיר אויף קיין פאל נישט שאדען. צווייטענס, אז איהר וועט אונזער שמועס אויף קיין פאל פאר קיין שום מענש נישט דערצעהלען".

„יא, דאס זענט איהר גערעכט". האט גירא איהם געענטפערט. „דאס איז

וואהר, אז סיי ווי סיי, צו וועט יא פון דעם שמיעס עפּיס צווישען אונז בעשטומט ווערען, צו נישט, טאר פון דעם קיין מענש נישט געוואהר ווערען. אלזא פערלאנג איך פון אייך איהר זאלט מיר דאס זעלבע אויך צו שווערען, אז אויף יעדען פאל, זאלט איהר אונזער שמיעס פאר קיינעם נישט ענטדעקען".

משה'ל און גירא האבען זיך געגעבען די הענד, און זיי האבען געשוואהרען ביידע, איינער צום אנדערען, אזוי ווי יעדער פון זיי האט פערלאנגט. נאכדעם האט משה'ל דערצעהלט צו גירא דעם גאנצען סוד, אז ער האט ביי זיך אין די שטיוועל פערנייט פינף און צוואנציג טויזענד מארק אסיגנאציעס רייטשיש געלד, און אז ער איז גרייט איהם די גאנצע סומע אוועק צו געבען פאר דעם, וואס ער וועט איהם העלפען זיך צו בעפרייען.

אז גירא האט זיך דערוואוסט פון אזא גרויסע סומע געלד האט ער שוין גאר מיט אנ'אנדערען טאהן גערעדט צו משה'לען. ער האט צו איהם געזאגט: „נו פאר אזא סומע געלד איז גאר עפּיס אנדערש. אצונד לוינט זיך שוין טאקי יא אויסצוקלערען א פלאן, ווי אזוי מיר ביידע זאלען דעם שווארצען גיהנם פטור ווערען. אבער איך וויל פונדעסטוועגען מיך ערקונדיגען צו אייערע רייד זענען איגנאנצען וואהר. איך פערלאנג פשוט קודם כל דער עיקר צו זעהן, אויב ס'געפינט זיך טאקי דא ביי אייך אזא גרויסע סומע געלד, דערנאך וועלען מיר ערשט רעדען צו דער זאך.

משה'ל האט א ווארף אראב געטהון פון זיך ביידע שטיוועל און האט געזאגט צו גירא'ן: „אין יעדען שטיוועל איז אין די חאלעווא פערנייט אין דעם שטייפענג אסיגנאציעס אויף צוועלף טויזענד פינף הונדערט מארק. טרענט אויף פאמעלעך איין שטיוועל, וועלכען איהר ווילט, און אז איהר וועט דארט געפונען די בעשטימטע סומע, וועט איהר שוין וויסען אז די זעלבע סומע געפינט זיך אויך אין צווייטען שטיוועל". גירא האט צו איהם געזאגט: „איהר זענט טאקי גערעכט, ווארען ס'איז קיין צייט נישט דא לאנג צו שפּיעלען זיך ביי די שטיוועל, עס קאן נאך ווער אריינקומען".

די ארבייט איז געמאכט געווארען גאנץ שנעל. גירא האט נישט געקליבען נאר האט א נעם געטהון איין שטיוועל, די חאלעווא איז געווארען אויפגעטרענט, די אסיגנאציעס האבען זיך אויסגעצעהלט פינקטליך אזוי ווי משה'ל האט געזאגט צוועלף טויזענד פינף הונדערט מארק. עס איז ביי זיי געבליבען זיי זאלען קודם דאס געלד צוריק בעהאלטען און פערנייען גוט אזוי ווי ס'איז געוועזען, ביז גירא וועט אויסקלערען א פלאן ווי אזוי זיי זאלען זיך קאנען בעפרייען. פונקט האט גירא געטראפען אויף צו טרענען דעם שטיוועל, וואס אין איהם איז נישט געלעגען פערפאקט די צינק מטבע, וואס דער גריידיצער רב האט זיי געגעבען אויף הצלחה. נאר די מטבע איז געבליבען ליגען אין אנדערען שטיוועל אומבעריהרט. די זעלבע נאכט נאך האט גירא געזאגט צו משה'לען, אז ער האט שוין אויסגעארבייט א גוטען פלאן. אבער ער וועט ערשט קאנען פערווירקליכט ווערען, נאך דעם וואס ער וועט ארויס פון שפּיטאל, און ער וועט זיך צוריק נעמען צו זיין אמט. דער פלאן איז בעשטאנען פון דעם. אזוי ווי גירא איז געוועזען א אונטער-

אפעציר

אפעציר, פלעגט ער אלע חודש שיקען א זעלנער, און אמאהל צוויי זעלנער, נאך מאראקא, זיי זאלען איינקויפען די נויטיגע פראדוקטען און שרייב געצייג, וואס מ'האט געדארפט האבען אין די קאזארמעס. אויף דעם האט ער געפלעגט נעמען פריהער א רעכנונג פון נאטשאלניק. דערנאך האט ער זיך געדארפט ווענדען צום אפעציר, ער זאל איהם געבען איין זעלנער אבער צוויי, זיי זאלען געהן נאך מאראקא איינקויפען. אזא וועג האט שטענדיג געפלעגט צו געדויערען פון דריי ביז פיער טעג. דעם זעלנער פלעגט מען מיטגעבען אביסעל געלד, און די רעשט האט מען גענומען אויף א רעכנונג.

גירא האט ארויסגענומען פון נאטשאלניק די נויטיגע פאפירען. אבער ער האט זיך דאס מאהל נישט געווענדעט צום אפעציר נאך א זעלנער, נאר ער האט גענומען זעלנערעש אנטיהכץ און האט מלביש געווען משה'לען ביינאכט. ער האט איהם אויך צו געגעבען א קינזשאל מיט אנ'אנגעלאדענטען רעוואלווער, פונקט אזוי ווי א זעלנער. די שטיוועל מיט'ן געלד, וואס משה'ל האט געטראגען, האט גירא פון איהם צוגענומען און האט זיי זיך אנגעטהון. פאר משה'לען האט ער געגעבען זיינע שטיוועל. גירא האט משה'לען ערקלערט, אז אזוי גוט דא ווי אין גאנץ פראנקרייך טאר ער סיי ווי נישט ארויסווייזען קיין פרייסיש געלד, כדי ער זאל נישט ציהען אויף זיך קיין אויפמערקזאמקייט פון דער רעגירונג. און אזוי ווי ער וועט סיי ווי מוזען ענטלויפען פון פראנקרייך, ווארען אויפ'ן פינפטען טאג וועט מען דאך דא געוואהר ווערען, וואס פאר א פאלש ער האט דא געמאכט, איז אלזא גלייכער פאר איהם ער זאל אזוי טראגען דאס געלד פערניייט אין די שטיוועל, ביז ער וועט קומען אין אנ'אנדער לאנד אריין. אויך האט גירא גוט אויסגעלערענט משה'לען, וואס ער זאל זאגען פאר די זעלנער, וועלכע שטעהן ביי דער גרענעץ. געלד האט משה'ל בעקומען פון גירא'ן גאנצע צעהן פראנק, און ער האט איהם קלאר געמאכט די וועגען וואס ער האט צו געהן ביז מאראקא. נאך האט גירא איהם געווארענט, אז ער זאל נישט אריינגעהן קיין מאראקא אין די זעלנערישע מלבושים, נאר ער זאל ערגעץ ווי נאך די גרענעץ די זעלנערישע מלבושים בעהאלטען, און זאל בעסער קיין מאראקא אריינקומען ציוויל געקליידעט, נאר דעם רעוואלווער האט ער איהם געהייסען טראגען שטענדיג ביי זיך, ווארען דער וועג איז געפעהרליך פון ווילדע חיות און פון ווילדע נעגערס. „דארט אין מאראקא" האט גירא צו משה'לען געזאגט „וועסט דו שוין גאר קיין מורא נישט האבען פאר דער פראנצויזישער רעגירונג, דארט וועסט דו שוין זיין אין גאנצען פריי, און דו וועסט שוין געוואהר ווערען, דורך וועלכען וועג דו זאלסט דיך לאזען אין דיין מדינה אריין". דער גאנצער שמועס איז אבגערעדט געווארען פארטאג, ווען ס'איז נאך געווען גוט טינקעל אין דרויסען. משה'ל מיט גירא'ן האבען זיך צוקישט און געזעגענט זיך. נאכדעם האט משה'ל באלד געמאכט דעם „ויברח".

יעצט וועט מען לאזען משה'לען ארום בלאנקען זיך אויף דער פריי, אזוי ווי אנ'ארעמער בעטלער, פון דארף צו דארף, פון שטאדט צו שטאדט. און מ'וועט זיך אביסעל צו קוקען וואס איז געווארען פון די רעשט פערזאנען. גירא האט באלד געזעהן צו בעווארענען, אז מ'זאל חאטש אין די פיער טעג נישט בעמער-

קען דעם פאלש, וואס ער האט דא געמאכט. כדי ער זאל אויך קאנען באלד מאכען פליטה. אין שפיטאל אריין האט ער דערווייל געשיקט אנ'אנדערען דיען ער. נאכהער האט ער אנגעגעבען א ביטע צום נאטשאלניק, מען זאל איהם געבען אורלויב אויף א מאנאט צייט, ער וויל פאהרען נאך פאריז צו א גרויסען פראפעסאר וועגען זיין פיס, וואס ער שפירט נאך שטארק אנ'אינערליכע וויטאג. די אלע נויטיגע דאקומענטען האט גירא געזעהן ווי אמשנעלסטען צו בעקומען א ביסעל געלד פון דער רעגירונגס קאסע, האט ער בעקומען א קאנטע אויף זיין געהאלט, וואס ער בעקומט. און אויפ'ן צווייטען טאג נאך משה'לס פליטה, האט ווייטער גירא געמאכט זיין פליטה.

אין ברעסלוי איז דערווייל געוועזן ביי די צוויי פאמיליעס פון משה'לען און פון מאיר'לען חשך והפילה. געווג און געווג טרעהרען האבען די צוויי פאמיליעס פערגאסען, אז זיי האבען שוין מעהר ווי א האלב יאהר צייט קיין שום ידיעה פון זייערע מענער נישט בעקומען. די זאך איז ביי יעדען געוועזן א גרויס וואונדער, ווארען די מלחמה האט זיך שוין דאכאלט געענדיגט ווי באלד שיעור איינגאנצען איינגעשטילט, און פונדעסטוועגען איז דא אין קול ואין עונה. מען הערט נישט, און מען זעהט נישט קיין שום ידיעה פון די צוויי פאדריאטשיקעס זיי האבען זיך פיעל מאהל אנגעפרעגט ביי דער פריסישע רעגירונג, און געשיקט פיעל מאל צום מלחמה פלאץ און אין אנדערע שטעדט אריין גרויסע טעלעגראמעס. אבער קיין ריכטיגע ידיעה האבען זיי פון קיינעם נישט בעקומען. אויף די שטאדט האט מען שוין טאקי גערעכענט די צוויי ווייבער פאר לעבעדיגע עגונות, און זייערע קינדער פאר לעבעדיגע יתומים. די צוויי ווייבער פון משה'לען און מאיר'לען פלעגען זיך נעבעך שטענדיג צוזאמען קומען, קלערען עצות, פלענער. געקאנטשעט האט זיך זייער צוזאמענקומען שטענדיג גלייך. זיי האבען זיך גאנץ גוט אויסגעוויינט און זענען זיך צוגאנגען.

אמלעצטענס, ווען די צוויי פערביטערטע ווייבער זענען זיך צוזאמען געקומען, איז זיי איינגעפאלען זיי זאלען פאהרען צום גריידיצער רב. מען הערט דאך עפעס פון איהם זעהר וואונדערליכע מופתים, און די מיינער זייערע זענען דאך עפעס דארט מיט דעם צדיק גוט בעקאנט און בעפריינדעט געוועזן, לאזען מיר ביידע צוזאמען אהינפאהרען, אויסגיסען פאר דעם צדיק אונזער ביטער הארץ, אפשר וועט ער אונז עפעס א עצה געבען, אדער אפשר וועט ער מיט זיין רוח הקודש אונז זאגען וואס פון אונזערע מענער איז געווארען, אזוי האבען זיך די צוויי לעבעדיגע אלמנות אבגעשמיעסט. און דערביי איז עפעס אזוי ווי א פונק פון א האפנונג וואלט זיך ערוועקט אין זייערע הערצער און זיי האבען עטוואס פרייער אבגעעטעמט.

אזוי ווי די צוויי ווייבער האבען זיך אבגעשמיעסט, אזוי האבען זיי טאקי מקיים געווען, און זענען ביידע צום גריידיצער רב געפאהרען. דארט האבען זיי נעבעך טאקי זייער גאנץ ביטער הארץ אויסגעגאסען פאר דעם הייליגען צדיק. און אזא תשובה האבען זיי בעקומען פון דעם הייליגען צדיק'ס מויל:

בײדע מענער משה'ל און מאיר'ל לעבען.
בײדע װאנדערען שױן אהײם.
אין א קורצע צײט װעלען זײ בשלום אהײם קומען.
אײדער זײ װעלען קומען, װעט איהר בײדע
פון אײערע מענער װאונדערליכע גריכען בעקומען.
נאר געדענקט גוט װאס איך װארען אײך.
אלץ װאס איהר בײדע װעט פון אײערע מענער
בעקומען, סײ א בריעף, סײ געלד, אבער עפעס
א חפץ װאס מען װעט אפשר צו אײך ארײנבריגנען,
װאס איהר װעט נאר האבען א קלעהר אז ס'איז
פון זײ, זאלט איהר דאס אלץ צו מיר תיכף ברענגען".

נאך דער תשובה האט דער גריידיצער רב זײ אבגעזעגענט, ער האט זײ געהײסען באלד אהײם פאהרען. און ער האט נאך דאס אויך זײ געװארענט בײם געזעגנען, זײ זאלען געדענקען צו האלטען אלץ בסוד. און אפילו די תשובה װאס זײ האבען פון איהם בעקומען, זאלען זײ אויך פאר קײן שום מענש נישט דער־צעהלען. די צװײ װײבער זענען באלד אהײם געפאהרען מיט א האפנונג פון א הילף.

גירא האט געװאוסט אז מ'װעט איהם זיכען אין פראנקרײך. האט ער זיך איבער־גערעכענט, סײ װי זענען דאך די אסיגנאציעס, װאס ער טראגט בעהאלטען אין די שטיװעל, פרײסישע, איז פאר איהם גלײכער ער זאל ענטלויפען קײן פרײ־סען. אביסעל פראנצױזיש געלד האט ער נאך געהאט אין טאש, האט ער זיך נאך אלץ ניט גענויטיגט ארויסצונעמען דעם אוצר פון די שטיװעל. גירא איז ארײנגעפאהרען קײן פרײסען און האט זיך אבגעשטעלט אין ברעסלוי. דארט איז ער ארײן אין האטעל איבער צונעכטיגען. נאך אזא לאנגע רײזע און נאך דערצו װאס די רײזע איז געװען מיט אײלעניש און מיט שרעק, איז גירא אײנגעשלאפען אין זײן נומער װי א דער'הרג'עטער. ער האט אפילו נישט געדענקט צו פערשלי־סען זיך אינװעניג אין נומער.

װי געװעהנליך אין א האטעל, קריכט דער משרת ארום באלד אין דער פריה און נעמט ארויס פון די געסט דאס ביסעל שיך װערק אנצופיטצען. אז דער משרת איז צוגעקומען צו גירא'ס נומער, האט ער געפרובט עפענען די טהיר, װי זײן שטײגער איז. ער האט געזעהן אז ס'איז נישט פערשלאסען די טהיר, האט ער גערעכענט אז דער גאסט האט פרײסיג געעפענט, כדי ער דער משרת זאל ארויסנעמען די שטיװעל אנצופיטצען. דער משרת האט טאקי די שטיװעל ארויס־גענומען צום פיטצען. נאר אזוי װי ער האט געזעהן, אז די שטיװעל זענען אונ־טען ארום און ארום צוריסען האט ער גערעכענט, װער װײסט װאס א דלפון דער גאסט איז, אז ער געהט אין אזעלכע צוריסענע שטיװעל, און װער װײסט אויב ער װעט מיר דערפאר עפעס בעצאהלען. האט זיך אלזא דער משרת גענומען דערװײל צו פיטצען די שענערע שטיװעלעך פון די רײכערע געסט, און גירא'ס שטיװעל האבען זיך אזוי װי ארומגעװאלגערט. דערװײל איז ארורכגעגאנגען עפים א'נ'אבגעריסענער גנב און האט די שטיװעל צוגע'גנב'עט.

דער

דער אָרעמער גנב איז אָבער געווען גוט הונגעריג. ער האָט געוואָלט פֿון דער גנבה האָבען חאָטש אַ פֿלעשעלע בראָנפֿען מיט אַ הערינג מיט אַ האַלב ברויט. איז ער אַריינגעלאָפֿען צו מאיר'ל פּאָדריאַטשיקס ווייב, וואָס זי האָט דערווייל געפֿיהרט דאָס געוועלב מיט שיך-ווערק. און אַז ס'האָט זיך איהר געטראָפֿען צו קויפֿען אַלט-ווערק, האָט זי אויך געקויפֿט. דער גנב האָט איהר פֿערקויפֿט דאָס אַלט-ווערק פֿאַר אַ גאַנצען מאַרק, און ער האָט זיך מחיה געווען מיט דעם גרויסען געלד. מאיר'לם ווייב האָט באַלד אַרומגעשניטען דאָס צוריסענע אונטערנייעכץ, און זי האָט זיך גענומען די חאַלעוויס אַביסעל אָנצופּיטצען, און אויפֿצוהענגען די סחורה צווישען די רעשט חאַלעוויס, וואָס זי האָט אין געוועלב צו פֿערקויפֿען.

בשעת אין פּיטצען האָט זי זיך עפּעס פֿערחידושט אויף דעם גראָבען שטייפֿענג פֿון די חאַלעוויס. זי האָט גענומען אַ מעסערעל און האָט אָנגעהויבען עטוואָס אויפֿצוטרענען, האָט זי דערזעהן עפּיס פּריש פּאַפּיער ליגט אינוועניג. האָט זי זיך נאָך מעהר פֿערחידושט, און זי האָט איננאַנצען אויפֿגעטרענט. דאָ האָט זי דערזעהן די מנה יפה, און דאָ האָט זי אויך געפֿינען די צינק מטבע פֿון גריידיצער רב, וואָס אויף איין זייט איז געשטאַנען איהר מאַנ'ס נאָמען. פֿאַר שמחה און פֿאַר שרעק איז זי שיעור נישט פֿער'חלש'ט געוואָרען. אָבער זי האָט זיך געשטאַרקט מיט אַלע קרעפֿטען, און זי האָט פֿערשטאַנען אַז דאָס איז עפּיס נישט קיין פּשוט'ע זאַך, נאָר אַז דאָס דאַרף זיין בסוד. האָט זי קודם דאָס אַלץ גוט מבער געווען און זי האָט זיך פֿאַר קיינעם גאָר נישט וויסענדיג געמאַכט.

גיראָ איז געשלאָפֿען אין זיין נומער שעהנע עטליכע שעה אויפֿ'ן טאָג. דער משרת ווייטער האָט שוין כמעט געהאַט פֿאַרגעסען פֿון די צוריסענע שטיוועל, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פֿון זיין נומער צו פּיטצען. ווען גיראָ איז אויפֿגעשטאַנען און האָט דערזעהן אַז די שטיוועל זיינע זענען נישט דאָ, האָט ער באַלד אָנגעקלינגען אויפֿ'ן משרת אַז מ'האָט איהם בע'גנב'ט. ס'איז געוואָרען אַ גערויש אַ געפּילדער. דער ווירט פֿון האָטעל איז אויך אַריינגעקומען. מען האָט אָנגעהויבען חוקר ודורש צו זיין וואָס די גנבה איז האָט ער געשריגען: „געוואַלד! וואו זענען מיינע שטיוועל?" דער משרת האָט אַרויסגעלאָזט אַ גרויס געלעכטער, באשר אַז ער האָט אַליין געזעהן אַז די שטיוועל זענען געווען אַרום און אַרום צוריסען. זיי האָבען געקאָנט ווערט זיין אין זיינע אויגען פֿון איין מאַרק ביז צוויי. אָבער גיראָ האָט נאָר געהאַלטען אין איין שרייען: „געוואַלד! וואו זענען מיינע שטיוועל?" דער ווערט האָט אַרויסגענומען צוויי מאַרק און האָט איהם געגעבען. אָבער גיראָ האָט נישט אויפֿגעהערט צו שרייען, ביז דער ווערט האָט געזאָגט צו גיראָ'ן אַז ער שיקט נאָך פּאָליציי און וועט איהם לאָזען אַרעסטירען פֿאַר די געשרייען, וואָרען ער איז נישט פֿעראַנטוואָרטליכט פֿאַר דעם, אַז אַ גאַסט לאָזט אָפֿען זיין נומער און פֿערשליסט זיך נישט אינוועניג. אַזוי ווי גיראָ האָט דערהערט אַז מען רעדט שוין פֿון פּאָליציי האָט ער נעבעך פֿערמאַכט דאָס מויל און האָט זיך געבעטען מען זאָל איהם געבען צו די צוויי מאַרק צו עפּיס אַ פּאָר אַלטע שטיוועל אָנצוטהון. מען האָט אויף איהם רחמנות געהאַט, און דער ווערט האָט איהם צוגעגעבען זיינס אַ פּאָר אַלטע שטיוועל, און אוים גיראָ.

מאיר'לם

מאיר'לס װײב האט איבערגעװארט עטליכע טאג. אז זי האט געזעהן ס'איז שטיל אין שטאדט, קײנער רעדט גארנישט פון דעם געלד. האט זי אײנגעפאקט די חאליװעס מיט דעם גאנצען געלד מיט די צינק מטבע און איז אװעק געפאהרען בסוד קײן גרײדיץ צום הײליגען צדיק. זי האט דאס אלץ איבערגעגעבען דעם רב. ער האט דאס צוגענומען און בעהאלטען בײ זיך. מיט א שמײכעל אויפ'ן פנים האט ער צו איהר געזאגט: „זארגט נישט. אײער מאן װעט בקרוב אהײם קומען. דאס געלד איז נישט קײן פרעמד געלד, נאר זײער שותפות געלד. װען זײ בײדע װעלען אהײם קומען, זאלען זײ אהער קומען צו מיר, װעל איך מאכען צװישען זײ א חלוקה". דער גרײדיצער רב האט זי אנגעזעגענט און זי איז מיט א פרעהליך הארץ אהײם געפאהרען.

דא לאזט זיך אויס די מעשה פון משה'לס צרות. יעצט װעלען מיר א קוק טהון װאס פאר צרות מאיר'ל האט װידער געליטען.

מאיר'לס צרות.

מאיר'ל איז געװארען פאדריאטשיק בײ א פאלק פון דער דריטער פרײסישער ארמיע. די דריטע ארמיע האט זיך געקרעפטיגט אממײנסטענס דורכ'ן קראפט פון דעם דײטשען פלאט װאס האט ארומגעשװימען אויפ'ן אקעאן. אלערלײ פראװיאנטען און אמאניציע פאר די דריטע ארמיע איז צו געשטעלט געװארען דורכ'ן ים. אלזא איז מאיר'לען אויסגעקומען עפטער צו פאהרען אויף א דײטשען ים־דאמפפער בײם צושטעלען זײן פאדריאד.

די פראנצויזען האבען אויך געהאט א פלאט ארומשװימען אויפ'ן ים, אבער נישט אזא גרויסער פלאט װי דער פרײסישער. אלזא האט זיך דער פראנצויזישער פלאט נישט געקאנט אקעגען שטעלען מלחמה צו האלטען מיט'ן דײטשען פראט. נאר אזוי װי דער פראנצויז האט פערשטאנען אז דער פרײסישער פלאט מוז שטעהן נאהנט פון די ברעגעס, כדי צו שטיצען די ארמיע פון די יבשה, האט זיך אלזא דער פראנצויזישער פלאט אײנגעטײלט אויף דרײ קאטעגאריעס, װעלכע זענען ארומגעשװימען אויפ'ן ים, װײט פון פרײסישען פלאט. און זײער ציעל איז געװען, נאך צו שפיעגיװען און צו פאנגען די דײטשע דאמפפערס, װאס האבען צו געפיהרט פאר די פרײסישע ארמיע פראװיאנט מיט אמאניציע.

דער פרײס װײזט אויס האט טאקי פאר דעם מורא געהאט האט ער זיך בעװארענט דורך א שפעקולאציע. ער האט געלאזט איבער מאליװען די נעהמען פון זײנע דאמפפערס אויף רוסישע נעהמען. ער האט אראבגענומען די פרײסישע פלאגען און האט ארויסגעשטעלט רוסישע פלאגען. און אויך די מאטראסען האט מען איבערגעטהון מיט רוסישע מאנדירען, און „װיסעו". זײ זענען זיך גאנץ פעסט אהן שום פחד געשװימען אויפ'ן ים. און אז די פראנצויזישע שיפען האבען דערזעהן פון דערװײטענס א דאמפפער מיט רוסישע פלאגען זענען זײ גאר נישט צו געשװימען צו מאכען אנ'אויספארשונג. דער פראנצויז איז אבער אויך נישט

קיין גרויסער שוטה געווען, ער האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג אַזוי אָבנאַרען, נאָר ער האָט זיך מישב געווען: לאָז מען מאַכען אַמאָהל אַן׳אויספאָרשונג ביי די רוסישע דאַמפּפערס.

שלימזל האָבען זיי פּונקט אָנגעטראָפען אויף דעם דאַמפּפער, וואָס מאיר׳ל פּאָדריאַטשיק האָט צוגעשטעלט זיין פּאָדריאַד. דאָס איז געווען דער דייטשער דאַמפּפער „אַלבערט דער דריטער״. אויף דעם דאַמפּפער האָבען די פּרייסען אויף געמאַלעוועט אַ נאָמען „וולאַדימיר״. מיט רוסישע פלאַגען, און די מאַטראָסען מיט רוסישע מאַנדירען. אָבער איין זאַך האָבען זיי פאַרפעלט צו טהון. זיי האָבען געדאַרפט אַרוים צו נעמען פון די מאַטראָסען די דייטשע צינגען, און אַריינצוזעצען רוסישע צינגען.

צוויי פראַנצויזישע קרייזערס מיט דריי מינען שיפלעך האָבען געפּאַקט דעם דאַמפּפער „אַלבערט דער דריטער״. די פראַנצויזישע שיפען האָבען פון דערווייטענס פאַרשטעלט דעם וועג פאַר׳ן דאַמפּפער, און זיי האָבען אויסגעשאָסען אין דער הויך פאַר אַ סיגנאַל אַז דער דאַמפּפער זאָל בלייבען שטעהן. דער שיפסקאַפּיטאַן האָט באַלד פערשטאַנען אַז מען טרייבט דאָ נישט מיט זיי קיין קאַטאָוועס, האָט ער באַלד דעם דאַמפּפער אָבגעשטעלט. די פראַנצויזישע שיפען זענען צו געשווימען נעהנטער. זיי האָבען טאַקי געזעהן אַז ס׳קוקט אוים אַלץ רוסיש, אָבער דאָך האָבען זיי געוואָלט צושמיעסען זיך אַביסעל מיט די מאַטראָסען פון דייטשען דאַמפּפער אויף דער רוסישער שפּראַך. ס׳איז אָבער געווען אין קול ואין עונה. אַלע מאַטראָסען זענען אַזוי ווי שטום געוואָרען. ווייל רוסיש האָבען זיי נישט געקאָנט, און דייטש האָבען זיי מורא געהאַט צו ענטפערען. הכלל די פראַנצויזען האָבען געזעהן מיט וואָס דאָ שמעקט, האָבען זיי אָהן איין שאָס און אָהן שום בלוט פערגיסונג גענומען אין געפענגעניש דעם דאַמפּפער מיט אַלע מאַטראָסען. און מאיר׳ל פּאָדריאַטשיק איז אויך פערנומען געוואָרען. די מאַטראָסען פון דעם דאַמפּפער האָבען זיי ענטוואָפענט, און מען האָט פערבעטען דעם גאַנצען עולם אויף אַ פראַנצויזישען קרייזער, וועלכער איז מיט זיי אוועק געשווימען.

די פראַנצויזישע שיף האָט זיי אַלע אַרויסגעזעצט אויף אַ ווייטען אינזעל וואָס געהער צו פראַנקרייך. דער אינזעל איז געווען נישט קיין גרויסער, ער האָט אינגאַנצען פערנומען נישט מעהר ווי בערך דריי מייל אויף דריי מייל קוואַדראַט. קיין שטענדיגע איינוואָהנערס איז דאָרט נישט געווען. דאָרט האָבען זיך נאָר אַמאָל פון צייט צו צייט אויפגעהאַלטען פישערס. און פאַר די רעגירונג האָט דער אינזעל געניצט, ווי זאָל דאָרט האָבען גרויסע סקלאַדעס קוילען פאַר איהרע שיפען און אויך פערשידענע מאַגאַזינען מיט קריגס מאַטעריאַלען. אָבער דאַמאָלס ווען ס׳איז געווען די מלחמה צייט, האָט דער אינזעל אויפגעלעבט אויף אַן׳אַנדערען שטייגער. בעווייל די פראַנצויזישע רעגירונג, וואָס זי האָט אַמאָהל עפּים פערהאַפט פרייסיש מיליטער, איז עס אוועקגעפיהרט געוואָרען צו דעם אינזעל. דאָרט איז אויפגעשטעלט געוואָרען פּאַלאַטקעס, און דאָס פערנומענע מיליטער האָט זיך אויפגעהאַלטען אין די פּאַלאַטקעס. מען האָט זיי געגעבען צו עסען אַזוי

אזוי, אז זיי האבען פערגעסען אין טרינקען, און אז זיי זענען הונגעריג געווארען האבען זיי געזונגען. אלזא פערשטעהט זיך, אז דער אינזעל האט געהילעכט פון געזאנג אויף אלע זייטען טאג און נאכט. אבער צו קיין ארבייט האט די פראנצויזישע רעגירונג נישט געטאהרט זיי בענוצען.

אבער מיט אונזער מאיר׳ל איז דארט גאר אנדערש צוגעגאנגען. מען האט איהם דארט גענומען אויפ׳ן פארהער. ווער ביזטו פאר איינער, און וואס ביזטו פאר איינער. אפשר פארנעמסט דו דיך גאר מיט שפיאנעריי. און אז ס׳איז שוין יא איהם געלונגען אויסצוווייזען, אז ער איז א פריסישער פאדריאטשיק, האבען זיי זיך הערשט צו איהם פעסטער צו גיטשעפיעט: „היתכן אז דו האסט געוואלט רייך ווערען, ביזטו געגאנגען צוהעלפען אונזער בלוט פערגיסען”. בקיצור מ׳האט איהם פערמשפט, אז ער זאל זיין אויף דעם אינזעל אן אייביגער ארבייטער ביי די רעגירונגס קוילען סקלאדעס. מען האט איהם באלד אנגעטוהן א ברייטען פאסעק מיט א נומער, און אויך א היטעל מיט א נומער, אזוי ווי אלע קאזיאנע ארבייטער געהן. מען האט אויך איהם גיגעבען כלים צו דער ארבייט, א טאטשקע, א רידעל, א האמער, א האק א. ז. וו. אן ארט צום שלאפען האט מען איהם אבגעגעבען אין דער קאזארמע, ווי אלע קאזיאנע ארבייטער האלטען זיך אויף.

דעם קליינעם אינזעל פלעגען די פראנצויזען רופען מיט דעם נאמען „דער ווייסער גיהנם”. צוליעב דעם וואס דארט איז שטענדיג קאלט, און עס עקזיסטירען דארט פיעל פערשיעדענע קראנקהייטען, ווייל נעבען דעם אינזעל, צו דרום זייט, שטעהט אין ים זעהר א הויכער בארג, וועלכער איז באדעקט שטענדיג מיט שנעה אויף דער זייט צום אינזעל צו, ווארען דארט קאן די זון נישט צוקומען. און די ווייסקייט פון שנעה-בארג שלאגט אהן מיט א ווייסע שיין אויפ׳ן גאנצען אינזעל. אלזא מיזען דארט אלע מענשען כמעט שטענדיג ארומגעהן אין פערצלעך, מיט ווארעמע שטיוועל, א ווארעם היטעל, און גאנץ גראבע הויזען.

ביי אונזער מאיר׳ל האט זיך די פראנצויזישע רעגירונג איינגעברענגט א פעלצעל, בעווייל ער איז געגאנגען אנגעטהון אין זיינס א גוט פערצעל, וועלכעס איז געווען געמאכט אזוי ווי א וועסט. דאס פוטער פון דעם פעלצעל איז געווען גרינג און ס׳האט גוט געווארעמט. אויף דעם פעלצעל איז אויך געווען אויסגעצייכענט א מאנאגראמע פון צוויי בוכשטאבען, וואס האבען בעצייכענט מאירל׳ס נאמען מיט זיין פאמיליען נאמען. די מאנאגראמע האט מאירל׳ס ווייב אליין אויסגעצייכענט מיט גרינעם זייד.

אמת אז דאס פעלצעל האט מאירל׳ן נישט געקאסט מעהר ווי 25 מארק, אבער דאך איז עס ווערט געווען, אויסער די 25 מארק, נאך צוואנציג טויזענד מארק. די מעשה איז אזוי געווען. ווען די צוויי שותפים משה׳ל און מאיר׳ל האבען געמאכט בעזונדערע געשעפטען, און ביידע האבען גענב׳עט אונטערן אנדערן, איז אזוי גוט ווי משה׳לי האט געהאט אנגעזאמעלט גנבה׳ניש געלד פונף און צוואנציג טויזענד מארק, אזוי אויך האט מאיר׳ל געהאט אנגעזאמעלט צוואנציג טויזענד מארק. און איידער מאיר׳ל איז אוועק צום מלחמה פלאץ, האט ער אויסגעטוישט דאס געלד אויף פיער דייטשע אסיגנאציעס צו פונף טויזענד מארק

און

און האָבען איהם געוואָלט לעהגען אויפ'ן בעט. ער איז אָבער שטאַרקער גיוועזען פאַר זיי ביידע און האָט זיך נישט געלאָזט, נאָר ער איז אַזוי אָבגיזעסען אַ שעה צייט קניהענדיג און האָט זיך נאָר געצלמ'ט. דערנאָך האָט ער זיך אַליין צוריק געלעגט אין בעט אַריין. פאַרנאַכט האָט מען געפּריבט איהם צו געבען עטליכע פּלוימען האָט ער זיי גענומען און האָט זיך ווידער אויפגעזעצט. באַלד האָט ער אָנגעהויבען צו קניהען און צו צלמ'ן זיך אַ לאַנגע ווײַלע, דערנאָך האָט ער אויסגעזאָגט עטליכע פּלוימען און האָט אוים געשפּיגען. דאָס איז גיוועזען זיין עסען אויף עטליכע טעג. קיין דאָקטוירים האָט מען שוין צו איהם נישט גערופען, וואָרען יעדער האָט געזעהן אַז ס'האָט זיך אין זעליגלען מדבק גיוועזען עפּעס אַ רוח רעה. אָבער ווער האָט דאָרט געזאָלט געדענקען פון אַ מײַעווסקי, ס'איז שוין גיוועזען באַלד אַ יאָהר דרײַסיג נאָך זיין טויט.

אין עטליכע טאָג ארום האָט בערקאָ געדאַרפט צו דאַוונען אין דער היים, האָט ער געדאַווענט אין דער שטיב ווי זעליגל איז געלעגען. אַזוי ווי נאָר זעליגל האָט דערזעהן ווי דער פאָטער נעמט אַרוים די תפילין, איז ער אַ שפּרינג אַראָב געטהון פון בעט, געכאַפּט די תפילין און האָט זיי געגעבען אַוואָרף אַרוים דורכ'ן פענסטער און האָט אויסגעהאַקט דערבײַ אַ שאָהב. נאָך דעם באַלד איז ווידער געהערט געוואָרען פון זיין מויל אַזאַ ווילדען אויסגעשרײַ: „בערקאָ! זנאַש מניע? יאַ מײַעווסקי! אָדדײַ פשאַקרעוו מאָיע פּיניאָנדזע”. דאָס הייסט: בערקאָ! קאָנסט מיך? איך בין מײַעווסקי! גיב אָב הינדסיאָך מײַן געלד! דאַן האָט זיך בערקאָ דערמאַנט פון מײַעווסקילע מסור=משומד, וואָס ער האָט געהאַט אַמאָהל בײַ איהם צו גע'גנב'ט אַ טײַסטער מיט פונף הינדערט רובל. איהם האָט באַלד דאָס האַרץ אַ שטאַרקען קלאַפּ געטהון: ווער ווייסט צו דער דיבוק איז נישט טאַקי דער זעלבער מײַעווסקי מסור=משומד.

אַ טאָג שפּעטער ווײַטער, איז זעליגל אַראָב געשפּרינגען פון בעט און האָט אַראָבגעריסען די מזוזות פון די טהירען. ער האָט זיי צוריסען און צוטרעטען מיט די פיס. בײַ די קאַטאַסטראָפּע האָט ער ווידער דעם פאָטער גיגעבען אַזאַ „ברוך=הבא” און האָט איהם מודיע גיוועזען אויף פּויליש, אַז ער איז מײַעווסקי, און האָט איהם געמאָהנט דעם טײַסטער געלד, וואָס ער האָט בײַ איהם פאַר דרײַסיג יאָהר צוריק צו גע'גנב'ט. בקיצור די זאַך האָט זיך געשטעלט אויף אַזאַ דרך. מען האָט זיך ערקונדיגט, אַז דער דיבוק איז דאָס טאַקי דער מײַעווסקילע מסור=משומד. קיין יודיש וואָרט איז קיינמאָהל שוין פון זע'ינגס מויל נישט גיהערט געוואָרען. קיין שום יודישע זאַך האָט זיך נישט געטאָרט געפונען אין דער שטיב ווי ער איז געלעגען. אַלע טאָג האָט ער אויף עטליכע שעה זיך אַנידערגעזעצט קניהען און צלמ'ן זיך. און אפילו ווען ער איז געלעגען אין בעט. האָט ער אויך געמאַכט מיט די הענד אַלץ אין איינעם שתי וערב פערלעגט אַזוי צלמ'דיג איין פינגער אויפ'ן אַנדערען. טרינקען האָט ער גאָר נישט געוואָלט. נאָר עסען עטוואָס איינמאָהל אין דרײַ טעג האָט ער יאָ גע־וואָלט. אָבער דאָס עסען איז נישט געוועזען ער זאָל עפּעס צוקײַען און אַראָב־שלינגען, מענשליך. נאָר וואָס ער האָט אויסגעזאָגט עטליכע פּלוימען אָדער

אַנאַנדערע

אַנאַנדערע פּרי און האָט אויסגעשפּיגען. און אײדער ער האָט דאָס יאָ גענומען אין מויל האָט ער פריהער ווי לאַנג געקניהט און געצלמ'ט זיך. קײנער האָט נישט געקאָנט פערשטעהן פון וואָס ער האָט די חיונה און פון וואָס ער איז אַזוי שטאַרק. וואָרען טאָמער איז עמיצער צו געקומען צו איהם מיט אַ ספר, אָדער אַ ציצה, אָדער עפּעס אַנאַנדערע יודישע זאַך, האָט ער געדורס'ט, געהאַקט און געבראָכט. און אפילו עטליכע מענשען צו זאַממען האָבען אויך איהם נישט געקאָנט אײנהאַלטען פון דער רציחה וואָס ער פלעגט בעווײזען קעגען אַ יודישע זאַך. שרײענדיג דער בײ: „פּשאַקרעוו יאַ מײעווסקי"!

מען האָט געמאַכט אַ פּריוו, און מען האָט אויפגעהאָנגען אַ פּאָער תפילין אויפ'ן פּאָלאַפּ אין דערהויף, דאָרט אין דער שטיב ווי זעליגל איז געלעגען און געשלאָפען. אָבער אַזוי ווי נאָר ער איז אויפגעקומען האָט ער דאָס באַלד דער־שפּירט. איז ער אַראָב געשפּרינגען פון בעט און האָט אַזאַ הויכען שפּרינג געטהון אין דער הויך, ביז ער האָט געקאָנט אָנכאַפּען די תפילין און האָט זײ אַ שלײדער אַרויס געטהון דורכ'ן פענסטער.

מען האָט נאָך געמאַכט אַ פּריוו. ווען ער איז געזעסען אויף אַ שטיהל איז אײנער צוגעגאַנגען פון הינטען און האָט איהם אָנגערירט מיט אַ ציצה אויף די פּלײצעס, איז ער אין די רגע אויפגעשפּרונגען פון אָרט מיט זעהר אַגרויסע רציחה און מיט זעהר אַ ווילדען אויסגעשרײ: „פּשאַקרעוו זשידזשע יאַ מײעווסקי"! די זעלבע פּראָבע האָט מען אָנגעהויבען בײ איהם צו מאַכען פון הינטען מיט אַ סידור'ל אָדער אַנאַנדער ספר'ל, און אַמאָהל מיט אַ מזוזה. און ער האָט דאָס אַלץ דערשפּירט אין דער רגע, און עס איז געוועזען סכנת נפשות דער כעס מיט דעם אויסגעשרײ „יאַ מײעווסקי"!

ס'איז אַזוי פערבײ געגאַנגען עטליכע וואָכען, און ס'איז גוט בעוואוסט געוואָרען, אַז דער מײעווסקי'ס מסור־משומד וואָס איז מיט דרײסיג יאָהר צוריק געפגר'ט, איז געוואָרען אַ דיבוק און איז אַרײן אין בערקאָ סטאַשיוועס אַ יונגעל, בשעת דאָס יונגעל האָט אַרײנגעוואָרפען אַ סידור'ל אין אַ רינשטאָק אַרײן און דאָס איז אויך אַלס נקמה פאַר דעם, וואָס בערקאָ האָט אַמאָהל אַ גרויסע עולה געטהון קעגען מײעווסקי אין געלד זאַכען. און אַז מען האָט זיך שוין געהאַט גוט ערקונדיגט, אַז דאָס איז נישט קײן קראַנקהײט נאָר אַ דיבוק, האָבען מענשען געגעבען עצות מען זאָל מיט דעם דיבוק אָנהײבען אַרום צו פאָהרען צו גוטע יודען.

דאָס ערשטע איז מען געוועזען מיט דעם דיבוק אין בעלז. דאָרט האָט בערקאָ באַלאַמיטשעט עטליכע וואָכען מיט גאָר נישט. וואָרען אַזוי ווי דער משמש פון רבי'ן איז צוגעקומען צו איהם אין דרויסען אויספרעגען, בערקאָ זאָל איהם דערצעהלען פון אָנהויב אָהן ווי אַזוי ס'איז צוגעגאַנגען מיט דעם דיבוק, וואָרען דאָס אַלץ האָט דער משמש געדאַרפט איבער געבען דערנאָך דעם רבי'ן זעלבסט, און צו בעקומען פון איהם אַ תשובה צו ער וועט קאָנען העלפען צו נישט. אַזוי אויך האָט דער משמש געדאַרפט דערנאָך צו צוגעהן, האַלטענדיג דעם רבינ'ס שטעקען אין דער האַנד, און אויס צו פרעגען דעם דיבוק זעלבסט עטליכע

פראגעס. אבער נאר אזוי ווי זעליגל האט דערזעהן אז דער משמש געהט צו צו איהם מיט'ן רבי'נס שטעקען, האט ער א שפרינג געטהון עטליכע עהלען הויך און האט אנגעהויבען צו אנטלויפען און צו זידלען צו חאפען שטיינער און בלאטע, וואס נאר ער האט בעקומען אין האנד אריין, און האט מיט די זאכען בעווארפען דעם פאטער מיט'ן משמש. מענשען האבען קוים איהם געחאפט און צוריק אריינגעפיהרט אין הויף פון רבי'נס קלויז. אזוי איז גיוועזען עטליכע מאהל. און אז דער משמש האט דאס אלץ דערצעהלט דעם רבי'ן, האט דער רבי געהייסען מען זאל מיט איהם אוועק פאהרען, ווייל דער כח הטומאה איז נאך ביי איהם צו שטארק, איז שווער אזא מחוצפ'דיגען דיבוק עפעס צו העלפען.

אוועק פאהרענדיג פון בעלז, האבען מענשען גיגעבען אן עצה בערקא'ן, ער זאל פאהרען מיט דעם דיבוק צום טוריסקער מגיד. בערקא האט געפאלגט און האט אנגעהויבען צו ציהען מיט זעליגלען קיין טוריסק. אויפ'ן וועג האט זיך געמאכט אזא מעשה. זיי זענען אדורכגעפאהרען אין א גרויס דארף, ווי דארט איז געשטאנען א קלויסטער. אין דעם זעלבען דארף איז גיוועזען א קרעטשמע און ס'איז אויסגעקומען בערקא'ן צו נעכטיגען אין דער קרעטשמע. אויפ'ן גאנצען וועג וואס בערקא איז געפאהרען מיט'ן דיבוק, איז אזוי געגאנגען. ווי דער דיבוק האט נאר דערזעהן עפעס א צלם אבער א קלויסטער, האט ער זיך אהאפ אויף געטהון זעהר געשווינד, און איז שוין געזעסען אויף די קניה און גע'צלמ'ט זיך. און אז זיי זענען פערביי געפאהרען א שטיקעל ווייטער, האט ער זיך צוריק געלעגט און האט געמאכט אלץ אין איינעם שתי וערב'ס מיט די פינגער, פערלענגענדיג איינעם אויפ'ן צווייטען. דאס זעלבע איז גיוועזען ווען בערקא איז אריינגע'פאהרען אין דעם דארף פערביי פאר'ן קלויסטער. דער דיבוק האט געקניהט און גע'צלמ'ט זיך ביז זיי זענען פארפאהרען פאר די קרעטשמע און האבען זיך דארט אבגעשטעלט.

דער קרעטשמער איז גיוועזען א יוד. מילא ווי גיוועהנליך איז דאך גיוועזען ביי אלע טהירען מזוזות. אז בערקא האט זעליגלען אריינגענומען אין קרעטשמע, האט ער בשום אופן נישט געוואלט אריינגעהן אין קרעטשמע, צוליעב דעם וואס איז גיוועזען ביי די טהיר א מזוזה. ער האט אנגעהויבען צו שפרינגען און האט געוואלט די מזוזה אראברייסען. דער פאטער האט זיך מיט איהם געריסען, און דער קרעטשמער איז אויך געקומען צו צולויפען און זיי האבען איהם נישט צוגעלאזט אב צורייסען די מזוזה. אבער פאר דאס האט זעליגל בשום אופן נישט געלאזט זיך אריינשלעפען אין קרעטשמע אריין. דער קרעטשמער זעלבסט האט אויך שוין אנגעהויבען צו שרייען, אז ער איז מוחל אזעלכע געסט. הכלל בערקא האט געמוזט שלאפען ביי נאכט אין דרויסען אויף די פיהר מיט זעליגלען.

ביי נאכט איז זעליגל אראב געשפרינגען פון די פיהר און איז נעלם געווארען אין דעם פינסטערניש. בערקא האט געמאכט א געשריי א געוואלד, מען האט איהם ארומגעזוכט פון אלע זייטען, און מען האט אפילו קיין שום שליאד פון איהם זיך נישט געקאנט דערוויסען. קוים הערשט אויפ'ן דריטען טאג, דאס איז גיוועזען אין זינטאג, איז דער קלויסטער פון דעם דארף גיעפענט געווארען,

און

און פֿיעל קאַטוילען זענען אנגעקומען אין קלויסטער אַרײַן, האָבען זײ געפֿונען דעם דיבוק דאָרט ערגעץ אין אַ זײַט, זיצענדיג אויף די קניה און האָט זיך נאָר געצלמ׳ט, און אַזוי ווי ס׳איז שוין געוועזען בעוואוסט אַז אַזאַ יונגעל איז פֿערלוירען געוואָרען, האָט מען איהם אָבגעפֿיהרט צוריק צום פֿאָטער אין קרעטשמע אַרײַן.

נאָך צוויי חדשים מיה און מאַטער, מיט אַ גאַנצען באַרג אומבעשרײַבענדע צרות, האָט זיך קוים בערקאָ דערשלעפּט קײן טוריסק מיט דעם דיבוק. בײַם טוריסקער מגיד זכר צדיק לברכה איז געוועזען אײַנגעפֿיהרט אַז עס איז צו איהם געקומען אַ דיבוק האָט ער געפֿלעגט הײסען מען זאָל דעם דיבוק אַרײַנפֿיהרען אַלע מאָהל אין זײַן בית המדרש אַרײַן אויף עטליכע שעה. דהיינו ווען ער האָט געדאַווינט שחרית. טײל דיבוקים האָט ער געהײסען נאָר אַרײַנלאָזען אין זײַן בית המדרש אַרײַן, ווען ער האָט געדאַווינט פֿרײַטאָג מנחה פֿאַר קבלת שבת. און טײל דיבוקים האָט ער געהײסען אַרײַנלאָזען פֿרײַטאָג צו נאַכט צום קידוש. און נאָך עטליכע וואָכען פֿלעגט הערשט דער טוריסקער מגיד זיך נעמען צו דעם דיבוק און בעטען איהם מיט גוטען ער זאָל אַרויס געהן אָהן שום שאָדען. ער פֿלעגט צו זאָגען די דיבוקים אַז ער וועט לערנען פֿאַר זײַן תיקון וועגען אַ צײַט דערנאָך, לויט ווי דער מגיד האָט פֿערשטאַנען. טײל האָט ער צוגעזאָגט צו לערנען פֿאַר זײַן תיקון וועגען אַלע טאָג אַ פּרק משניות. טײל האָט ער צוגעזאָגט צו זאָגען פֿאַר זײַן תיקון וועגען אַלע טאָג עטליכע קאַפּיטלאַך תהלים. ס׳האָט זיך אַמאָהל געטראָפֿען אויך אַ דיבוק וואָס ער האָט אנדערש נישט געוואָלט אַרויסגעהן, ביז דער מגיד האָט איהם צוגעזאָגט צו לערנען פֿאַר זײַן תיקון וועגען אַלע טאָג אַ שטיקעל זוהר. אויף אַזעלכע דיבוקים פֿלעגט דער מגיד צו זאָגען מיט אַ שמײכעל: „אָ וואַ! אָ וואַ! זעהט נאָר מײַנע גרויסע יחסנים ווי זײ ביטען זיך בײַ מיר אוים״!

אַז בערקאָ איז אָנגעקומען קײן טוריסק מיט זײַן זעליגלען, האָבען מענשען צו איהם געזאָגט ער זאָל קודם אַלײן אַרײַנגעהן צום רבי׳ן, אָבגעבען אַ קוויטעל. בערקאָ האָט אַזוי געטהון. האָט דער מגיד איהם גיענטפֿערט באַלד די ווערטער: „נו מײַן ליבער יוד. איך בין מסופּק אויב איך וועל קאָנען איהם עפּעס העלפֿען בעווײַל ער איז זעהר אַ מחוצפ׳דיגער רשע און ער איז אַ שורש פֿון זעהר פֿיעל אבי אבות הטומאות. אַלזאָ זאָל מען פּרובען ביסלעכווײַז אָב צו שוואַכען זײַנע כּוחות הטומאות. זאָל מען איהם נאָך נישט אַרײַנפֿיהרען אין בית המדרש אַרײַן צום דאַווינען נאָר מען זאָל פּרובען איהם אַלע טאָג אַנידער צו שטעלען נעבען אַ פֿענסטער פֿון בית המדרש, ווי מען קאָן הערען פֿון דרויסען דאָס דאַווינען און קדושה וברכו. דערנאָך וועט מען עס שוין קאָנען אַרײַנפֿיהרען אַביסעל אין בית המדרש אַרײַן צום דאַווינען״.

ווען בערקאָ איז צוריק געקומען פֿון טוריסקער מגיד צו זעליגלען האָט ער געהאַט אַזאַ ברוך־הבא. זעליגל איז אויף איהם אַרויפֿגעשפּרינגען, האָט איהם אויסגעריסען אַ האַלבע באָרד און האָט זיך געלאָזט הערען מיט זעהר אַ גראָב און משונה׳דיג קול מיט גרויסע זידלערײַען אויף פּויליש: „צו ווײסט דו דאָס נאָך נישט אַז איך

בין

בין מײעװסקילע מסור־משומד, װאָס דו האָסט בײ מיר צו געגנב׳ט אַ טײַסטער מיט פֿונף הונדערט רובל? דו קלערסט מיך פֿון דײַן קינד אַרױס צו טרײַבען דורך אַ מגיד, איך װעל איהם פֿריהער דערשטיקען אײדער איך זאָל אָנקוקען דאָס פּנים פֿון אַ מגיד. און אַזױ װי דײַן האַנד האָט אַצונד אָנגעריהרט די הײַנד פֿון אַ מגיד זאָלסט דו דיך שױן נישט דערװאַגען מיך אָנצוריהרען מיט די זעלבע האַנד, איך װעל דיר די רעשט באָרד אױסרײַסען, און די אױגען אױך. אַװעק פֿון מיר די פּאַרשיװע זשיד״!

די לעצטע װערטער פֿון דעם אױסגעשרײַ, װאָס דער דיבוק האָט זיך געלאָזט הערען, איז געהערט געװאָרען אין דרױסען אױף די גאַנצע גאַס. דאַדורך האָט זיך דאָס גאַנצע שטעדטעל טוריסק אָנגעהױבען צו אינטערעסירען מיט דעם דיבוק. עס פֿלעגען קומען אַלע מאָהל אַנדערע שטאַרקע מענשען, צו פֿיער פּערזאָן מיט אַמאָהל, און האָבען איהם געבינדען און געטראָגען צו צום מגיד׳ס בית המדרש. אָבער אַזױ װי ער האָט נאָר דערהערט דאָס קול פֿון דאַװינען, האָט מען איהם נישט געקאָנט בשום אופן אײַנהאַלטען. ער איז געשפּרינגען עטליכע עהלען אין דער הויך. ער האָט געקװיטשעט, געבילט װי אַ הינד, געבעטשיט װי אַ שעפּס, אַזױ הױך אַז מען האָט נישט געקאָנט דאַװינען איבער זײַנע אױס־געשרײַען. אַמאָהל האָט זיך אַ קצב־יונג זעהר אַ פֿעסטער מענש פֿערלעגט, ער זאָל דעם דיבוק פֿערשטאָפּען דאָס מױל מיט זײַן האַנד, כּדי ער זאָל נישט קאָנען קװיטשען און זאָל מוזען אױסהערען דאָס דאַװינען. ער איז אָבער נישט געװעזען גוט פֿאַרזיכטיג, און ס׳איז געלונגען דעם דיבוק ער זאָל אַרײַנכאַפּען אַ פֿינגער אין זײַן מױל אַרײַן פֿון די האַנד פֿון דעם קצב־יונג, און ער האָט איהם דעם גאַנצען פֿינגער אָנגעביסען, אַזױ אַז אַ דאָקטאָר האָט געמוזט באַלד דעם פֿינגער אינגאַנצען אַראָבנעמען. פֿון דאַמאָלס אָהן האָבען מענשען אױפֿגיהערט צו זײַן בײַהילפֿיג בערקאַ׳ן, און בערקאַ איז געבליבען אַלײן מיט זעליגלען, און האָט זיך גאָר נישט געקאָנט מיט איהם קײן שום עצה געבען.

מען האָט אָבער אין הימעל שױן רחמנות בעקומען אױף דעם בערקאַ, און דער אױבערשטער האָט איהם אונטער געשיקט אַ װעג ער זאָל די צרה פּטור װערען. בערקאַ האָט זיך נעבעך שױן געהאַט מייאש געװעזען פֿון אַ הילף און אײדער ער איז אַװעק געפֿאָהרען, איז ער געגאַנגען זיך געזעגענען מיטן טוריסקער מגיד. פּונקט האָט געדאַרפֿט זײַן דאַמאָלס בײַם מגיד אַ גרױסער סוחר און אַ חסיד׳ישער יוד פֿון „פּאָזען״. בערקאַ האָט זעהר שטאַרק געװײנט בײַם געזעגענען, האָט זיך דער סוחר פֿון פּאָזען נאָך געפֿרעגט װאָס די מעשה איז מיט דעם יוד, װאָס ער װײנט אַזױ שטאַרק. האָט מען איהם דערצעהלט, װאָס פֿאַר אַ צרה דער יוד פֿערמאָגט, און אַז דער טוריסקער מגיד קאָן איהם גאָר נישט העלפֿען, בעװײַל דער דיבוק איז עפּעס גאָר אױסטערליש. האָט דער סוחר געזאָגט צו בערקאַ׳ן: װײסט איהר װאָס מײַן ליבער יוד, װאָס איך װעל אײַך זאָגען אַ עצה, פֿאָלגט מיך און פֿאָהרט אַרײַן קײן פּרײַסען צום גרײדיצער רב, װעט איהר זעהן, אַז ער װעט אײַך יאָ העלפֿען, ער איז צו אַזעלכע צרות אַ גרױסער בעל פּועל. נאָר דאָך װיל איך נישט איהר זאָלט אײַך אױף מײַנע רײד אַלײן פֿערלאָזען, צו מאַכען

הוצאות קײן גרײדיץ, איך הײס אײך אַרײַנגעהן נאָך אַמאָהל צום טוריסקער מגיד פרעגען איהם, צו ער איז מסכים דערצו, און איהר זאָלט זאָגען, אַז איך האָב אײך די עצה גיגעבען. װעט איהר הערען, װאָס דער מגיד װעט אײך זאָגען דערצו".

בערקאָ האָט געפאָלגט דעם יוד און איז אַרײַנגעגאַנגען צום מגיד, פרעגען זיך צו ער זאָל מאַכען הוצאות קײן גרײדיץ. האָט דער מגיד יָם גיענטפערט די װערטער: „יאָ, יאָ! עס גיפעלט מיר גאַנץ גוט. איהר מעגט מאַכען הוצאות צו דעם צדיק רבי אליהו גרײדיצער. עס װערט דאָך גיבראַכט, אַז פנחס זה אליהו. אַזוי װי פנחס האָט געהאַט אַ כח מכניע צו זײַן דעם כח הטומאה פון בלעם הרשע, אַזוי זאָל דער אויבערשטער העלפען, אַז דער אליהו זאָל האָבען אַ כח מכניע צו זײַן דעם כח הטומאה פון דעם מחוצפ'דיגען טמא ומטמא, װאָס האָט זיך מדבק גיװעזען אין אײַער קינד, און פאָהרט לחיים ולשלום".

אין בערקאָ'ס האַרץ איז װײַטער אַרײַן אַ פינק פון אַ האָפענונג נאָך דעם געזעגענען, און ער האָט אָנגעהויבען צו ציהען מיט זעליגלען נאָך פרײַסען. די נסיעה איז איהם. נישט אַזוי שװער אָנגעקומען. װאָרען אַזוי װי נאָר בערקאָ איז אַרײַנגעקומען קײן פרײַסען איז זעליגל אַביסעל מונטער געװאָרען. ער האָט שוין גיבער געװאָלט אַמאָהל עפּעס אַראָבשלינגען פון אַ עסענװאַרק. ער האָט זיך געפלענט אַמאָהל אַרויסהאַפּען אַ װאָרט: „אַה! דאָס עסען שמעקט פון חזיר. אַה! װאָס פאַר אַ גוטען געשמאַק האָט דאָס חזיר פלײש. אַה! װאָס פאַר אַ גוטע לופט איז דאָ אין דעם לאַנד, דורך דעם װאָס די פּאַרשיװע זשידעס מאָדלען זיך דאָ נישט אַזוי פיעל. פאָלג מיך בערקאָ און באַזעץ דיך דאָ אין דעם לאַנד. טוה דיר אויך אָהן אַ צלמ'ל, װעסט עסען אַ גוט שטיקעלע חזיר פלײש װעלען מיר לעבען פרײַנדליך איך װעל דיר שוין קײנמאָהל די באָרד ניט אויסרײַסען".

אַלע עטליכע טאָג האָט בערקאָ געהערט פון זעליגלען אין פרײַסען אַזאַ שמיעס. און דערבײַ האָט זעליגל מיט גרויס פרייד אַלע מאָהל געקניהט און ג'צלמ'ט זיך, גאָר אָהן אויפהער. אויף דעם װעג קײן פרײַסען איז הערשט בערקאָ דערגאַנגען, אַז װען ער גיבט זעליגלען צו עסען עפּעס טריפות, נעמט ער עפּעס גיכער דערפון צופערזיכען, און ער באַלעקט זיך גאָר דער מיט. מילא װאָס פאַר אַ ברירה האָט בערקאָ געהאַט, ער האָט איהם אָנגעהויבען צו ברענגען עסען פון טריפות. דער גרײדיצער רב האָט איהם אָבער דערנאָך געזאָגט, אַז ער האָט שלעכט געטהון מיט דעם, װאָס ער האָט איהם אָנגעהויבען צו געבען טריפות צו פערזיכען. װאָרען דורך דעם איז דער כח הטומאה בײַ דעם דיבוק שטאַרקער געװאָרען.

װען בערקאָ איז נאָך אַ לאַנגע צײַט און גרויס מיה און מאַטערניש אַרײַנגעקומען אין שטעדטעל גרײדיץ, האָט זעליגל באַלד אָנגעהויבען צושרײַען, אַז דאָ שמעקט איהם עפּעס נישט גוט די לופט, און ער האָט נאָר געהאַלטען אין אײן שרײַען, אַז בערקאָ זאָל מיט איהם פון דעם שטעדטעל אַװעק פאָהרען. אָבער פון דעם האָט בערקאָ שוין פערשטאַנען, אַז דאָ קאָן יאָ שוין טאַקי זײַן פאַר איהם עפּעס אַ הילף. בערקאָ האָט געדינגען אַ שטיבעל װי עס איז קײן

מזוזה נישט געוויזען, און ווי מען האט נישט געהערט קיין יודיש קול, נישט פון לערנען און נישט פון דאווינען. אויך האט ער געדינגען צוויי געזונדטע מענשען זאלען זעליגלען היטען און זאלען איהם זיין בייהילפיג ביים אריינטראגען דעם דיבוק צום גריידיצער צדיק.

פריהער איז בערקא אליין אריינגעגאנגען צום גריידיצער צדיק מיט א קוויטעל און האט אלץ דערצעהלט פון אל"ף ביז תי"ו. דער גריידיצער רב האט איהם גיענטפערט, ווי זיין שטייגער איז געוועזען שטענדיג, און האט צו איהם אזוי געזאגט: „נו אדרבא איך פרעג אייך אליין, אז איהר זענט שוין געוועזען ביי אזעלכע גרויסע צדיקים, און זיי האבען אייך נישט געקאנט העלפען, זענט איהר געקומען צו מיר, ווי קום איך דען צו אזעלכע גרויסע צדיקים, ווי אזוי קאן דאס איינפאלען, אז די גרויסע צדיקים האבען נישט געקאנט העלפען, זאל איך קאנען דא עפעס העלפען".

בערקא איז זעהר אראבגעפאלען ביי זיך פון דעם קאלט בלוטיגען ענטפער, וואס ער האט בעקומען פון גריידיצער רב. מיט טרערען אין די אויגען און מיט א וויינענדיגע שטוממע האט ער זיך געשטארקט און האט געזאגט צום גריידיצער רב: „הייליגער צדיק! אבער דער טוריסקער מגיד האט דאך מיר אליין געזאגט אז איך זאל פאהרען צו אייך. און ער האט נאך צו מיר געזאגט אזא ברכה. אז פנחס זה אליהו, און אזוי ווי פנחס האט געהאט א כח מכניע צו זיין בלעם הרשע אזוי זאלט איהר האבען א כח מכניע צו זיין דעם שטארקען דיבוק. אזוי ווי דער גריידיצער רב האט דאס דערהערט, האט ער זיך פערוואונדערט, און האט עטליכע מאהל איבער געחזר'ט די ווערטער פון טוריסקער מגיד. דערנאך האט דער גריידיצער רב צו בערקא'ן געזאגט: „נו אויב אזוי, בין איך מצטרף צו מיר דעם זכות מיט דעם כח פון טוריסקער מגיד, און מארגען אם ירצה השם נאכ'ן דאווינען וועל איך זעטצען א בית דין און מען וועט זיך נעמען צו דעם דיבוק גאנץ שטארק. נעמט אייך צו הילף פיער געזונדטע און שטארקע מענשען, און זיי זאלען איהם מיט געוואלד דא אריינברענגען צו מיר מארגען אין דער פריה באלד נאכ'ן דאווינען".

אזוי ווי בערקא איז נאר צוריק געקומען פון גריידיצער רב אין שטיב אריין ווי זעליגעל איז געוועזען, האט זיך דער דיבוק געוואלט ווארפען אויף בערק'ן, און א גראב משונה'דיג קול האט זיך געלאזט הערען פון זעליגל'ס מויל מיט גראבע מיאוסע זלזולים אויף בערקא'ן. און דער עיקר האט ער נאר געשריגען, בערקא זאל איהם זאגען, ווי ער איז געוועזען, און אז בערקא זאל באלד פון שטיב ארויסגיהן, ווארען ער קאן נישט פארנעמען די שטוקענדע לופט, וואס ער האט דא עפעס מיט זיך אריינגעברענגט. דער דיבוק האט אזוי לאנג געשריגען און געמיטשעט זעליגלען, ביז בערקא האט אויף זעליגלען רחמנות בעקומען און איז פון שטיב ארויסגעגאנגען, און זעליגעל איז איבער די גאנצע צייט פעסט צו געהאלטען געווארען פון די צוויי שטארקע שומרים, וועלכע האבען איהם גענויט אין בעט צו ליגען.

צומארגענס

צומארגענס אין דער פריה האט בערקא גענומען צו נאך פיער שטארקע מענשען, זיי האבען זעליגלען געבינדען און האבען איהם אריינגעבראנגט צום גריידיצער רב, דארט האט זיך הערשט דער דיבוק געלאזט הערען אויפ'ן הויכען קול, אז דאס גאנצע שטעדטעל איז זיך געקומען צולויפען אויף די אויסגעשרייען וואס זענען גיהערט געווארען פון דיבוק. אזוי ווי נאר דער גריידיצער רב האט אנגעהויבען זאגען א פסוק תהלים מיט זיינע כוונות האט דער דיבוק אנגעהויבען צו ביללען ווי א הינד, אז אלע מענשען האבען זיך דערשראקען. בערקא האט געהייסען מאכען די פראבעס מען זאל איהם פון הינטען אנריהרען מיט א ציצה אדער מיט א יודיש ספר, האט דער דיבוק באלד דערשפירט און האט אנגעהויבען צו ביללען און צו קוויטשען און ארויס צו רייסען זיך אזוי שטארק, אז די אלע זעקס מענשען איז שווער גיוועזען איהם צו דערהאלטען. דער גריידיצער רב האט דאס אלץ צו געזעהן און האט זיך שטארק פערוואונדערט.

דער גריידיצער רב האט געהייסען צוזאממען רופען א מנין יודען און האט זיי געהייסען זאגען ויהי נועם יושב בסתר און נאך עטליכע קאפיטלאך תהלים. ס'איז אבער זיי שווער גיוועזען צו זאגען, ווארען אזוי ווי נאר זיי האבען אנגעהויבען צו זאגען דעם תהלים האט דער דיבוק אנגעהויבען צו ביללען אזוי הויך, אז זיי האבען נישט געהערט וואס זיי זאגען. דער גריידיצער רב האט גיזעהן אז דאס איז אויך קיין פעולה נישט, האט ער אנגעהויבען אליין צו טענה'ן מיט דעם דיבוק ער זאל פון דעם יונגעל ארויסגעהן, וועט ער איהם געבען א תיקון און וועט פועל זיין אין הימעל מען זאל איהם אריינלאזען אין גיהנם אריין. אבער דער דיבוק האט זיך פון דעם אויסגעלאכט, און ער האט גיענטפערט דעם גריידיצער רב אויף יעדעןווארט מיט ביללען, פונקט ווי א הינד ווערט געבילט.

נאך דעם האט דער גריידיצער רב געהייסען בלאזען שופר און ער האט צו געזאגט: „זאלסט וויסען אז מיר בית דין שלמטה באשווערען דיך זאלסט באלד ארויסגעהן פון דעם יונגעל אהן שום שאדען, אויב נישט זענען מיר דיך מחרים פון ביידע עולמות אויף אייביג. ביי די ווערטער האט מען ווידער געבלאזען שופר. אבער דאס האט אויך נישט גע'פועל'ט. נאך דעם האט דער גריידיצער רב אנגעהויבען מיט ביידע דיינים ארייניצוקלערען, צו מען מעג דעם דיבוק על פי דין משביע זיין מיט א ספר תורה, אז ער זאל מוזען ארויס. איז געבליבען ביי זיי אז מען מעג איהם משביע זיין מיט א ספר תורה.

דאן האט דער גריידיצר רב געהייסען עפענען דאס פענסטער. און האט געהייסען אנצינדען א סך ליכט. דערנאך האט ער אויפגיעפענט דעם ארון הקודש און האט באשוואהרען דעם רוח הטומאה מיט'ן כח פון דער קדושה פון די ספרי תורות וואס שטעהן דא אין ארון הקודש, זאל דער דיבוק באלד פון דעם יונגעל ארויס אהן שום שאדען. אזוי ווי נאר דער גריידיצער רב האט די שבועה ארויסגעלאזט פון זיין הייליג מויל, האט דאס יונגעל אנגעהויבען שטארק צו ברעכען און איז זעהר פער'חלש'ט

געוואָרען. מען האָט דאָס זעליגלען אָנגעהויבען צו מינטערען מיט אָקאָוויט מיט וויין און ס'איז געלונגען איהם צו דערמינטערען.

אַז זעליגעל האָט גיעפענט די אויגען, האָט ער באַלד אָנגעהויבען צו ריידען ווי גיוועהנליך, און די ערשטע ווערטער זיינע זענען גיוועזען: „אוי מאַמעשי! ווי בין איך עפּעס? וואָס שטעהן עפּעס נעבען מיר אַזוי פיעל מענשען”? דערנאָך האָט בערקאָ אָנגעהויבען צו ריידען מיט זעליגלען און ער האָט איהם געפרעגט: „מיין קינד, וואָס טהוט זיך עפּעס מיט דיר, וואָז טהוט דיר וועה”? זעליגעל האָט געזאָגט, אַז איהם טהוט גאָר נישט וועה, נאָר ס'הינגערט איהם. דער גריידיצער רב האָט געהייסען מען זאָל איהם פּרובען און הייסן קישען די מזוזה. האָט ער געקישט. נאָכהער האָט מען איהם גיגעבען אַ ביסעל וויין און מען האָט איהם געהייסען מאַכען אַ „בורא פּרי הגפן” האָט ער געמאַכט גאַנץ גוט אַ ברכה. דער גריידיצער רב האָט געהייסען מען זאָל איהם באַלד אָנטהון ציצית. נאָך דעם איז ער נאָך עטליכע טאָג גיוועזען ביים גריידיצער רב אין בית המדרש און מען האָט זעליגלען נישט אַרויסגעלאָזט אין ערגיץ, וואָרען דער גריידיצער רב האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף נאָך אַ ביסעל שמירה. פאַר'ן אָוועקפאָהרען האָט דער גריידיצער רב איהם אָנגעטהון אַ קמיע ער זאָל שטענדיק געהן אָנגעטהון מיט די קמיע. און בערקאָ מיט זעליגלען זענען אַהיים געפאָהרען גאַנץ געזינד. זעליגעל איז נאָך גיוועזען עטליכע חדשים שוואַך, אָבער ער איז אינגאַנצען געקומען צו זיך און האָט שוין אָנגעהויבען צו לויפען אין חדר אַריין.

3 טעם העפט　　　דער　　　3 טעם העפט

גריידיצער

רבי אליהו גוטמאכער זצ"ל

פון פרייסען

דא איז בעשריבען די וואונדערליכע מעשה מיט דעם שרעקליכען מופת וואס
דער גריידיצער צדיק זצ"ל האט בעוויזען קעגען

צוויי שותפין וואלד סוחרים

וואס איינער איז דורך דעם אנדערען שותף נכשל געווארען אין גרויסע עבירות,
און איז נאכ'ן טויט געקומען נעמען דעם לעבעדיגען שותף אין הימעל אריין
צו א דין תורה. און דער גריידיצער צדיק האט דאס נישט דערלאזט.

איבערגעזעצט פון בעריהמטען ספר וואס דער טארלער רבי הגאון ר' יודל
ראזענבערג שליט"א פון לאדז האט ארויס גיגעבען מיט'ן נאמען

הדרת אליהו

בהוצאת בית מסחר הספרים של ר' יצחק שלאמאוויץ
לאדז נאוואמיעסקא נומר 16
אשר קנה הזכות לצמיתות מאת המחבר הרה"ג ר' יודל ראזענבערג הנ"ל.

פיעטרקוב

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA, NOWOLIPKI 6.

דא ווערט דערצעהלט די שרעקליכע וואונדערליכע מעשה וואס האט זיך פערלאפען ביים גרידיצער צדיק, אז איין שותף איז נכשל געווארען אין אגרויסע עבירה דורכ'ן אנדערען שותף, און איז געשטארבען. איז ער געקומען נעמען דעם לעבעדיגען שותף אין הימעל ארויף, צו האבען מיט איהם א דין תורה פאר'ן בית דין שלמעלה, און דער גריידיצער צדיק האט דאס נישט דערלאזט. די מעשה האט מיר דערצעהלט הרב הגאון **ר' יוסף ז"ל** וואס איז געווען יאנעווצער רב, דערנאך סקארשיווער רב, צום סוף לובלינער ראש בית דין. ער איז פונקט דאמאלס געווען שבת אין גריידיץ, ווענען זיין שטומע בת יחידה, האט איהם דער גריידיצער רב מצטרף געווען צו בית דין שלמטה ביי די שרעקליכע מעשה.

אין פוילען איז געווען אין אגרויסע שטאדט צוויי רייכע וואלד סוחרים, וואס האבען געהאנדעלט שותפות א לאנגע צייט. איינער פון זיי איז געווען א פשוט'ער איד א בעל־ביתישער נישט קיין למדן, און דער אנדערער האט זיך גערעכענט, אז ער איז א גאנצער למדן. און ווער שמועסט נאך א חסיד, גאר פון די גרויסע. עס ניצט דא נישט צו דערמאנען זייערע נעהמען, אבער די נעהמען פון זייער שטאדט. בעוויל זייערע קינדער שפיעלען היינט א גאנץ שעהנע ראלע, אין דער זעלבער גרויסע שטאדט, ווי זייערע עלטערען האבען געוואהנט.

די צוויי שותפים פלעגען אלע יאהר אוועק שיקען קיין דאנציג פיער געהילץ, און זיי פלעגען אריין צו פאהרען קיין דאנציג און זיצען דארט עטליכע מאנאטען ביז זיי האבען דאס געהילץ פערקויפט, דערנאך פלעגען זיי צוריק א היים פאהרען און ווייטער אויף קויפען פריש געהילץ. ווען דער גריידיצער צדיק האט אנגעהויבען אזוי שטארק מפורסם צו ווערען, סיי און פרייסען און סיי אין פוילען איז געווען דער חסידישער שותף א בעלן צו קאנען דעם גריידיצער רב. פלעגט ער שטענדיג ווען ער איז געווען אין דאנציג די לעצטע יאהרען אריבער צו פאהרען קיין גריידיץ אויף א שבת, און פלעגט איבער צו לאזען דעם גריידיצער א שעהנע נדבה אויף דער ישיבה און אויף תלמיד תורה, און איז דורך דעם געווארען מיט'ן גריידיצער רב גוט בעקאנט און אויך בעפריינדעט. דער אנדערער שותף, וואס איז געווען נישט פון קיין חסידישע קאטעגאריע, איז אויך אמאהל מיט געפאהרען מיט זיין שותף, צו קענען דעם גריידיצער רב, אבער דאס איז גאר געווען זעלטען אמאהל.

אין

אין דאנציג פלעגען די ביידע שותפים איין צו שטעהן אין א גרויסארטיגען האטעל, און זיי האבען פערנומען צוויי צימערען, איין צימער נעבען אנדערען. דאס האט פערלאנגט אזוי דורכאוים דער חסידישער שותף. ער פלעגט שוין האבען שטענדיג זיינע תירוצים מיט זיינע אויסריידען פאר'ן אנדערען שותף, באשר ער האט ליעב אויף צו שטעהן ביינאכט און זעצען זיך לערנען גמרא, קאן ער נישט האבען אזוי דעם רויטערען גערדאנק, אז דער אנדערער שותף וועט ליגען און שנארכען אין אנדערען בעט. און נאך כדומה אזעלכע אויסריידען האט ער שוין געהאט, אזוי אז דער אנדערער שותף, וואס איז געוועזען א פשוטער איד, האט געמוזט איינשטומען אויף דעם; האבען זיי זיך שוין אזוי שטענדיג געפיהרט, אז זיי האבען פערנומען אויף ביינאכט צום שלאפען צוויי צימערען.

עס האט זיך אבער אזוי געמאכט, אז דער פשוטער שותף האט אנגעהויבען צו בעקומען שפירען אויף דעם חסידישען שותף, אז ער פיהרט זיך נישט עפעס ערענטליך אויף, אין זיין צימער ביינאכט. דער פשוטער שותף האט דאס נישט געוואלט אזוי גיך גלויבען אויף זיין חסידישען שותף, עפעס דאך א חסיד א למדן, ווי קאן מען דאס גלויבען אויף איהם. ס'איז אבער פארט פאר איהם פורגעקומען אלע מאהל גרעסערע און שטארקערע פאקטען, וועלכע ער האט נישט געקאנט אוועק מאכען גרינג, ביז ער האט זיך גענומען פעסט צו די זאך, ער זאל אליין נאכשפירען און גוט ערקינדיגען זיך, וואס עס הערט אין זיין שותף'ס צימער ביינאכט.

מסתם האט ער געפאקט, וואס ער האט נאך געשפיהרט. און ווען ער האט דערהערט, אפילו שטילערהייט, עפעס א פרעמד קול מיט א שטיל גע־לעכטער אין זיין חסידישען שותף'ס צימער, האט ער זיך נישט געקאנט שוין מעהר איינהאלטען און האט אנגעקלאפט אז ער האט בעקומען א דרינגענדע דעפעשע פון דערהיים, אלזא זאל ער איהם עפענען, ווארען ער דארף זיך עפעס מיט איהם זעהר נייטיג אדורכריידען. דער חסידישער שותף האט אבער איהם נישט געוואלט עפענען, נאר ער האט איהם געזאגט דורך די טיהער, אז ער טהוט זיך אהן, און ער וועט דארט באלד אריינקומען צו זיין שותף אין אנדערען צימער אריין, דער פשוט'ער שותף האט געמוזט צוריק אריינגעהן צו זיך אין צימער אריין און האט געווארט, אז דער חסידישער שותף זיינער זאל צו איהם אריינקומען.

דער חסידישער שותף איז טאקי באלד אריינגעקומען צום פשוט'ען שותף און פרעגט איהם, וואס איז מיט די דעפעשע. ענטפערט איהם דער פשוטער שותף: „איהר הערט דאך, ס'זאל אייך נישט פערדריסען, איך האב בעקומען א דעפעשע, אז איהר שלאפט נישט אליין אין אייער צימער, וויל איך אייך פרעגען, צו איז טאקי די הייליגע תורה נאר געשטעלט פאר אזעלכע פראסטע מענשען ווי איך בין, אפער נישט פאר קיין חסידים, אדרבא זאגט מיר דעם אמת, לאז איך חאטש וויסען, ווי ווייט איך בין געקלאגט, וואס איך קאן נישט לערנען און בין קיין חסיד נישט"

אז דער חסידישער שותף האט דערזעהן, ווי ער איז דא אריינגעפאלען גאנץ

גאנץ טיעף, און ער קאן שוין מעהר נישט די זאך בעהאלטען פאר זיין שותף
האט ער זיך גענומען גאר אויף אנ'אנדערען וועג צו געהן, און האט
אנגעהויבען חוזק צו מאכען פון אנדערען שותף. ער האט צו איהם אזוי
געזאגט: „דו הערסט דאך מיין ליבער שותף, הלואי די וואלסט שטענדיג
אזוי אמת געזאגט ווי אצינד, אז דער וואס קאן נישט לערנען איז טאקי
באמת געקלאגט אויף א גוטען שטייגער, ווארען ער קאן דען פערשטעהן, וואס
מען מעג יא, און וואס מען טאהר נישט. איך מוז מיך טאקי פאר אייך
היטען און נעמען א בעזונדערען צימער נאר צוליעב דעם, וואס איך האב
מורא פאר אייך איהר זאלט נישט מיינען אז מען מעג שוין אלץ. אבער און די
גופא זאך אריין, וואס איך האב צו טהון, ווייס איך טאקי גאנץ גוט, אז איך
בין ניט עובר אויף קיין שום עבירה, און איהר דארפט אייך פאר מיין עולם
הבא גאנץ ווייניג זארגען. איהר זענט גאנץ גערעכט וואס איהר טהוט נישט,
ווייל איהר ווייסט נישט, וואס מען מעג טהון, אבער איהר קאנט אייך אויף
מיר גאנץ גוט פערלאזען, אז דאס וואס איך זאג, אז מען מעג טהון איז עס
כשר וישר. און דאמאלס וועל איך וויסען אז איהר גלויבט מיר, ווען איהר
וועט אצינד אריין געהן שלאפען אין מיין צימער און איך וועל שוין דא די
נאכט שלאפען אין אייער צימער”.

דער חסידישער שותף האט אזוי אנגעדרעהט דאס געשעפט, אז דער אנ־
דערער שותף זאל זיך אויך אזוי אנהייבען צו פיהרען, כדי ער זאל זיך שוין
נישט דארפען אזוי שטארק פאר איהם צו היטען, און ער וועט שוין קיין מורא
נישט האבען, אז דער פשוטער שותף וועט איהם אמאהל ווענען דעם בעזיעד־
לען. ווי געוועהנליך האט מסתם דער יצר הרע גאנץ גוט צוגעהאלפען צום
חסידישען שותפ'ס רייד, און דער פשוטער שותף איז באלד בעשטאנען אויף
דעם פארשלאג, וואס דער חסידישער שותף האט איהם פארגעלעגט. פון דאמאלס
אהן איז זייער שותפות געשטארקט געווארען. און נישט נאר געהילץ אליין
האבען זיי געהאנדעלט שותפות, נאר אויך אפילו עבירות צו טהון האבען זיי
אויך געהאנדעלט בשותפות, און זיי האבען אזוי עטליכע יאהר געפיהרט דאס
נייע שותפות.

מאכט זיך א מעשה אז דער פשוטער שותף איז קראנק געווארען. איז ער
נישט אומשטאנד געווען מיט צו פאהרען קיין דאנציג. האט ער זיך פערלאזט
אינגאנצען אויף זיין חסידישען שותף, וועלכער איז אליין געפאהרען נאך דאנציג
און דער פשוטער שותף דער קראנקער איז געבליבען אין דערהיים. עס האט
זיך אבער געמאכט גאנץ שלעכט מיט דעם קראנקען שותף, אזוי אז ער האט
געמוזט דא איבערלאזען, סיי דאס דאנציגער געהילץ, און סיי די דאנציגער
עבירות, און איז געשטארבען.

דארט אויף יענער וועלט, האבען די מלאכי חבלה זיין נשמה צוגעחאפט
ווי א גוט געבראטענס. עפעס א קלייניגקייט אזא לעשץ מיט אזוי פיעל גראבע
עבירות. זיי האבען מיט איהם אנגעהויבען גוט ארום צו טאנצען, און האבען
זיך מיט איהם געשפיעלט און איהם ארום געשליידערט, אזוי ווי די קינדער

שפיעלען

שפּילען זיך אויף די וועלט מיט אַ באַלעם. דער צער פֿון זיין נשמה איז געווען זעהר גרויס אומבעשרייבליך. ער האָט זיך ביי זיי אָנגעהויבען צו בעהטען, זיי זאָלען איהם לאָזען אין הימעל אַריין. דאָרט וועט ער אָנגעבען דין וחשבון אויף אַלע זיינע מעשים, וועט ער חאָטש האָבען אַ ריינעם פּסק, און ער וועט וויסען ווי לאַנג ער וועט דאַרפֿען געשטראָפֿט צו ווערען. אָבער דאָ וועט ער דאָך קיינמאָהל צו קיין שום תכלית נישט קומען. זיי האָבען אָבער איהם אַזוי געהאָרכט, פּונקט ווי די קאַץ האָרכט דאָס מייזעל, ווען זי שפּיעלט זיך דער מיט. קיין אַנדערען נאָמען האָבען זיי אויף איהם נישט געשריגען, נאָר „דער דאַנציגער בעל עבירה".

אַז דער בעל עבירה האָט דאָרט פֿערשטאַנען, אַז די גרעסטע שטראָף וואָס ער ליידט, איז איבער די דאַנציגער עבירות, האָט איהם דאָרט אָנגעהויבען שטאַרק צו פֿערדריסען אויף זיין חסידישען לעבענדיגען שותף, וואָס האָט איהם געברענגט דערצו, בעוויל ער האָט איהם איינגערעדט אַז מען מעג דאָס טהון, צום סוף לעבט יענער און לאָזט זיך ווייטער דאָרט וואָהל געהן טאַקי אין דאַנציג, און ער ווערט דאָ אַזוי פֿערשוואַרצט ביי די מחבלים, וועלכע שליידערען איהם מיט דעם „כף הקלע" פֿון איין עק וועלט ביז צו די אַנדערע, און לאָזען איהם גאָר נישט אין הימעל אַריין. אַלזאָ האָט זיך דער בעל עבירה אַזוי מיישב געווען. ער האָט אָנגעהויבען צו טענה'ן צו די מלאכי חבלה: „יאָ איהר זענט טייוולאָנים, שדים, מזיקים, אָהן אַ האַרץ, אָהן פֿונק רחמנות, מילא איך האָב ענק נעבעך נישט פֿאַראיבעל צו האָבען, איהר זענט דאָך נאָר צו דעם בעשאַפֿען געוואָרען, דאָס איז דאָך אייערע פּראָפֿעסיע, אָבער לאָזט מיך צו רוה אַ קליינע ווילע, איך וועל אייך פֿאָרלעגען אַ זאַך, פֿון וועלכען איהר וועט גאָר קוועלען, און איהר וועט אַליין מודה זיין, אַז איך האָב רעכט".

„נו, חאָטש אויף טשעקאַוואָשטש". האָבען זיך די שוואַרצע חברה־לייט אָנגעריפֿען. „לאָמיר הערען וואָס דער דאַנציגער בעל עבירה וועט דאָ אונז פֿאָרלעגען". זיי האָבען טאַקי דעם בעל עבירה אַביסעל צו רוה געלאָזט, און האָט פֿאַר זיי אַזוי געזאָגט: „לויט ווי איך זעה, האָט איהר איבער מיר די גרעסטע און שטאַרקסטע שליטה, אַלץ נאָר צוליעב די דאַנציגער עבירות. וואָס, נישט אַזוי"? — „יאָ! אַודאי אַזוי"! האָבען איהם די שוואַרצע חברה־לייט געענטפֿערט, „געוויס אַזוי! וואָרען אין די דאַנציגער עבירות איז דאָ אַלץ צוזאַמען — נדה — שפחה — גויה — זונה. דאָס איז אַ ב'טעמ'טער ביסען געווען". — „יאָ אמת"! זאָגט ווייטער דער בעל עבירה צו זיי. „ס'איז טאַקי וואָהר וואָס איהר זאָגט. אָבער איך וויל נאָר אייך ערקלערען אַז מיר וואָלט קיינמאָהל נישט איינגעפֿאַלען צו טהון אַזוינע גראָבע עבירות, נאָר דאָס האָט מיך געברענגט דערצו מיינס אַ שותף, אָבער אַ חסיד און אָבער אַ למדן, וואָס ער האָט שוין לאַנג געפֿיהרט די ראָלע, און ער האָט מיך אויך אַריינגעדרייט אין דעם. איך בין דאָך קעגען איהם אַן עם־הארץ, און אַז ער האָט מיר איינגערעדט אַז מען מעג, האָב איך דאָס איהם געגלויבט. אַלזאָ דאַכט זיך מיר אַז איך האָב דאָס רעכט איהם אייך

אַהער

אהער צו ברענגען, איך וועל מיט איהם האבען אין הימעל א דין תורה, און דערווייל וועט איהר זיך האבען נאך א גרעסערען לעשטש מיט וועמען אין באלעם צו שפיעלען, נישט נאר מיט מיר אליין. אדרבא זאגט איר אליין, צו קען איך איהם דאס פערשווייגען.

די שווארצע חברה־לייט האבען זיך איבער געקלערט, אז דער דאנציגער בעל עבירה זאגט גאר נישט קרום. אגב וועלען זיי דאך טאקי צוקריגען נאך א פעסטערען בעל עבירה, וועלכער וועט זיי נאך צו שטעלען מעהר פערגעניגען. בקיצור איז ביי זיי געבליבען, אז זיי גיבען איהם א חודש צייט, ער זאל צוריק אראפ אויף דער ערד, און זאל צוריק ארויף קומען מיט זיין חסידישען שותף.

אזוי ווי דער חסידישער שותף איז אנגעקומען קיין דאנציג, האט ער באלד אויף די צווייטע וואך בעקומען א בריף, אז זיין שותף איז געשטארבען. ער האט אפילו עטליכע טעג אביסעל געטרויערט נאכ'ן שותף. אבער דארט אין דעם האטעל, ווי ער איז איינגעשטאנען, איז גיווען א גאנץ פרעהליכער האטעל, ס'לאזט גאר נישט דארט טרויערען, דעריבער האט זיך דער חסידישער שותף אליין מנחם אבל גיווען. עס הייסט אפילו נישט גאר אליין, ווארען דער יצר הרע האט זיך טאקי אויך אריינגעלעגט אין דעם, אז דער חסידישער שותף זאל לוסטיג ווערען. און ער האט טאקי אויף איהם גאנץ שעהן גיווערקט אזוי, אז ער איז נאך לוסטיגער געווארען ווי אין די פוריגע יאהרען.

ווען דער חסידישער שותף איז זיך געלעגען ביי נאכט אין דאנציג אויף זיין בעטעל, נאך א גוט גלעזעל וויין, און נאך א היבש ביסעל „מעשים טובים" וואס ער האט שוין געהאט אבגעטהון, און ער איז זיך געשלאפען זעהר געשמאק. פלוצלונג דאכט זיך איהם אין חלום, אז עמיצער גיבט איהם א שנעל אין נאז אריין. ער וויל זיך אויפוועקען, עפענען די אויגען און זעהן, ווער דאס האט געהאט אזא העזה איהם א שנעל צו טהון. אבער ס'איז פעהל! די אויגען זענען אזוי ווי פערקלעבט, די הענד מיט די פיס, גלייך זיי וואלטען גיווען מיט שטריק ארום־געבינדען, מיט איין ווארט ער קאן זיך נישט ריהרען. באלד דאכט זיך איהם אין שלאף, אז ער זעהט זיין שותף שטעהט פאר איהם אין די ווייסע תכריכים, און פרעגט איהם: „קאנסט מיך גוטער ברודער"?! — „יא". האט ער קוים גיענטפערט. „ווייסט אז איך בין טויט"? — „יא" — „ווייסט וואס איך טהו דא"? — „ניין" — „דו מיינסט אפשר, אז איך בין געקומען פערזיכען ווייטער דעם גוטען ביסען, וואס דו האסט מיר געפלעגט געבען ביי מיין לעבען, דא טאקי אין דעם צימער צו פערזיכען? אה ניין! גוטער ברודער! הלואי וואלט איך דאס גאר נישט דערקאנט. איך בין נאר געקומען וועגען דעם. אזוי ווי די מחבלים לאזען מיך גאר נישט אין הימעל ארײן, אלץ צוליעב די דאנציגער עבירות, זיי טהון מיר אהן אונבעשרייבליכע צרות. אלזא פערלאנג איך פון דיר דאס גיפעליגקייט, זאלסט מיט מיר מיט געהן אויף יענער וועלט, און זאלסט אויס ווייזען די מחבלים מיט די שדים, וואס פייניגען מיך אזוי, אז דאס איז גאר קיין עבירה נישט, אזוי ווי דו האסט מיר איינגירעדט ביי מיין לעבען, און איך האב דיר געגלייבט, אלס למדן און אלס חסיד, און

דורך

דורך דיר האב איך אזוי פיעל שווערע עבירות אין דאנציג אבגעטהון. אלזא מוזט דו דיך מטריח זיין און מיט מיר מיט געהן, אום צו ווייזען די מחבלים אז זיי זענען עם-הארצים, גראבע-יונגען, און זיי ווייסען גאר נישט אז דאס מעג מען טהון. און אויב גוטער ברודער! דו וועסט דאס זיי נישט קאנען אויסווייזען, וויל איך מיט דיר דארט אויף יענער וועלט א דין תורה האלטען, אז די אלע עבירות וואס איך האב אבגעטהון אין דאנציג זאלען געהן אויף דיין רעכנונג, נישט אויף מיינעם. על כן גוטער ברודער איך גיב דיר צייט נאך צוויי וואכען, זאלסט ליקווידירען די גישעפטען, און דער נאך זאלסטו מאכען מיט מיר די נסיעה. אויב דו ווילסט אז דיינע ביינער זאלען נישט ליגען אין דאנציג, נאר אין דיין שטאדט, זאלסטו אזוי געך אהיים פאהרען, אז אויפ׳ן צעהנטען טאג זאלסטו זיין אין דער היים".

נאך דעם ריידען, האט דער טויטער גענומען דעם לעבענדיגענס האנד און זיין האנד ארײן, אזוי ווי איינער געזעגענט זיך מיט׳ן צווייטען, און האט צו איהם ווייטער אזוי געזאגט: „צום ווידערזעהן, מיין ליבער שותף! כדי דו זאלסט נישט מיינען, אז דאס איז א חלום, וואס מען דארף אין דער פריה אויסבייטלען צו אלדע שווארץ יאהר, און צו אלע שונאים׳ס קעפ, לאז איך דיך איבער באלד ביים ערשטען מאהל אזא לעטצט געלד, אז דו וועסט אין דער פריה דערקאנען מיינע טויטע פינגער אויף דיין האנד". דער טויטער האט דעם לעבענדיגען ווייטער א שנעל געטהון אין די נאז ארײן, איז ער שוין אויפגעקומען.

גרויסע אנקסען, יעדער טראפען אזוי גרויס ווי א קיילעכדיגע ארבעס, האבען באדעקט דאס פנים מיט דעם גאנצען קערפער פון דעם חסידישען שותף. דאס הארץ האט אין איהם געקלאפט, ווי ביי א גזלן. ער האט געציטערט ווי א פיש פאר שרעק. די צייגער האבען זיך אין זיין מויל אנגעהויבען צו ווארפען, אזוי ווי ביי איינעם וואס האט דאס פיבער. ער האט נישט קיין כח געהאט צו ריהרען זיך פאר שרעק, און איז אזוי געלעגען אין בעטעל, ביז ער איז געקומען צו זיך. דער נאך האט ער געמאכט ליכטיג, און דאס ערשטע איז גיוועז וואס ער האט אנגעהויבען צו בעטראכטען די האנד זיינע.

„אה! די קלאג איז פערטיג! איך בין שוין פערלארען"! די ווערטער האבען זיך ארויסגעריסען פון חסידישען שותפ׳ס מויל, ווען ער האט דערזעהן אויף זיין האנד די בלאהע צייכענס פון זיין שותפ׳ס טויטע פינגער. ער איז ארומגעלאפען איבער די שטוב היען און צוריק א ציקאכטער. האט גיקרעכטץ און גימערמעלט, און האט אליין נישט פערשטאנען וואס ער מערמעלט. דאס האט אזוי געדויערט ביז גרויסער טאג, און ער איז שוין די נאכט מעהר נישט געשלאפען.

חסיד איז דאך אבער פארט חסיד. ער פערטאגט דאך עפעס גיבער אין זיך קאראהש, צו שטארקען זיך און צו האמפערען זיך, חאדוש דער שטריק ליגט עם שוין אויפ׳ן האלדז. אין דער פריה האט זיך דער חסידישער שותף געפריבט עפעס צו שטארקען זיך. ער האט אנגעהויבען צו צווייפלען. אפשר איז דאס גאר נישט געוועזן דער טויטער שותף, אפשר עפעס א מין מזיק, א מין שד, אדער א מין לץ. קודם איז ער געלאפען אין מקוה ארײן, אפשר וועט דאס עפעס זיין

א סגולה

א סגולה, אז דער רוח הטומאה זאל זיך שוין מעהר נישט צו עם מדבק זיין. ער האט גיגעסען א גוט מיטאג און האט געטרינקען א גוט גלעזעל וויין, אלץ כדי צו שטארקען זיין הארץ. ביי נאכט האט ער זיך א ביסעל פערנומען מיט סוחרים און איז לאנג אויפגיוועזן. דאס האט אבער אלץ איהם גאר נישט גע-האלפען. אז ער האט שוין געהאלטען אין מיטען שלאף, איז וויעטער דער טויטער שותף געקומען איהם צו חלום, און האט וויעטער מיט איהם איבער ג'חזר'ט דאס זעלבע פשעטעל פון נעכטען ביי נאכט. ער איז וויעטער אויפגעקומען פון שלאף אזוי ווי נעכטען, נישט טויט און נישט לעבענדיג. עס האט לענגער שוין געדויערט ווי נעכטען, איידער ער איז צו זיך געקומען. דאן האט ער שוין גאנץ גוט געזעהן, אז דער חלום איז קיין שפילעכעל נישט. ביטער ווי גאל איז איהם געווען אין מויל. ער איז אזוי וויעטער ארום געלאפען איבער די שטיב היען און צוריק ביז טאג.

איהם איז אדורך געפלויגען א געדאנק אין קאפ: אוי! אפשר גריידיץ! אפשר וועט דער צדיק קענען מיר עפעס העלפען. די וועלט רוישט דאך פארט פון איהם אזוי שטארק, אז ער איז א גרויסער בעל מופת. מען מוז פאהרען. באלד אין דעם זעלבען טאג האט דער חסידישער שותף געמאכט א סוף פון געהיריץ. ער האט פערקויפט ווי אזוי ער האט געקענט אבי וויעטער, און איז נאך אין דעם זעלבען טאג אוועק געפאהרען נאך גריידיץ. א גאנצע נאכט איז ער געפאהרען. אין דער פריה איז ער שוין גיוועזן אין גריידיץ און איז אנגעקומען צום גריידיצער צדיק באלד דער ערשטער, בעוויל ער איז שוין דארט גיוועזן גוט בעקאנט דורך די גרויסע נדבות, וואס ער פלעגט אלע מאהל דארט איבער צו לאזען אויף די ישיבה און אויף דער תלמוד תורה. ער האט זיך פערמאכט מיט'ן גריידיצער רב אין א בעזונדער שטיבעל, און האט פאר איהם מתודה גיוועזן זיינע זינד מיט גרויס געוויין, און האט דערצעהלט די גאנצע מעשה פון טויטען שותף, אז דורך איהם האט ער געזינדיגט. אצונד וויל ער איהם נעמען אין הימעל אריין צו א דין תורה. דא האט ער זיך אנידער גע-ווארפען אויף די ערד און האט געשריגען און געוויינט, אז ער וועט אויף זיך נעמען כל מיני תשובות, וואס מען וועט איהם ארויסגעבען, אבי ער זאל בלייבען לעבען, און דער טויטער שותף זאל א תקון האבען.

דער גריידיצער רב האט איהם משתיק גיוועזן און האט איהם אזוי געזאגט: „אלע טענות דיינע וואס די טענה'סט, הערט דא אום דיין טויטער שותף. ער טרעהט דיך נישט אב און געהט דיר נאך אומעטום ווי דו געהסט. אזוי גוט ווי דו וויינסט און בעהטסט דיך רחמים, אזוי אויך וויינט און שרייט דיין שותף דער טויטער. אבער פארלייפיג קאן איך ענק נאך גאר נישט העלפען. עס איז דא א האפנונג איך זאל ענק קאנען געבען א תקון, אבער איך מוז אויף דעם זעטצען א בית דין. אלזא זאלט איר זיין געדולדיגט און בערוהיגט ביז נאך שבת. אויף דעם שבת וועט דא געוויס זיין עטליכע רבנים, וועל איך זעטצען א בית דין און מען וועט אין דעם ענין אריינקלערען, ווי אזוי מען זאל אום ארבייטען א תקון פאר אייך ביידע.

דער חסידישער שותף איז געבליבען שבת אין גריידיץ. לויט דעם גריידיצער רב'ס באפעהל איז ער נישט געגאנגען שלאפען אויף קיין סטאנציע, נאר ער איז געשלאפען אלע נאכט אין בית המדרש אויף דער באנק. אויף דעם זעלבען שבת זענען זיך טאקי צוזאממען געקומען קיין גריידיץ ביז זעקס רבנים. באלד זונטאג האט דער גריידיצער רב צוגענומען צו זיך צווייא רבנים, איינער איז געוועזען פון חעלעם, דער צווייטער איז געוועזען הרב הגאון ר' יוסל ז"ל פון סקארשוב. דאס בית דין איז געזעסען אין אפערמאכטע שטוב עטליכע שעה. דער חסידישער שותף איז אויך דארט געוועזען נאר נישט איבער די גאנצע צייט. און לויט ווי עס האט זיך אויסגעוויזען פון גריידיצער רב'ס ווערטער, איז דער טויטער שותף אויך דארט געוועזען.

דער גריידיצער רב האט געזאגט אז ערשטענס זאל מען מאכען א פסק קעגען טויטען שותף און דער נאך זאל מען ארויסגעבען א פסק קעגען לעבענדיגען שותף דורך וואס פאר א תשובה זאל ער האבען א תקון. קעגען דעם טויטען שותף האט דער גריידיצער רב זיך אויפגעשטעלט, און האט ארויס געזאגט אזא פסק: „אנחנו הבית דין שלמטה האבען מיר מעיין געוועזען אין זיין דין על פי דין תורה, גיבען מיר ארויס אזא פסק. אז דער טויטער איז פטור פון די דאנציגער עבירות, וואס ער איז נכשל געווארען בשוגג, דורך דעם וואס ער האט געגלויבט זיין שותף, און די אלע עבירות גיהן איבער פון טויטענס פנקס, און ווערען ארייגעשריבען אין פנקס פון דעם לעבענדיגען שותף. אלזא דארפען די מחבלים שוין מעהר נישט קיין שליטה צו האבען איבער דעם טויטען שותף, זאלען איהם נישט אריין לאזען אין הימל אריין, און איהם מצער זיין ווייטער מיט שליידערען דורכ'ן כף הקלע, נאר זיי זענען מחויב אים באלד אדורך צו לאזען, ער זאל קומען אין הימעל אריין, און זאל דארט אבגעבען דין וחשבון אויף זיינע מעשים".

דער צווייטער פסק ווייטער קעגען לעבענדיגען שותף האט דער גריידיצער רב צו איהם אזוי געזאגט: „זאלסט וויסען אז די אלע עבירות, וואס דיין שותף האט געטהון אין דאנציג דורך דעם וואס ער האט זיך סומך געווען אויף דיינע רייד, געהן די אלע עבירות אריבער צו דיר אויף דיין רעכענונג, אזוי גוט גלייך ווי די אליין וואלסט די אלע עבירות געטהון. נישט מעהר דו לעבסט דאך נאך, האסטו א ברירה מתקן צו זיין די אלע עבירות דורך תשובה, אזוי ווי עס שטעהט „אין לך דבר שעומד בפני תשובה". מיט א ריכטיגע תשובה קאן דער לעבענדיגער מענש אליץ פארעכטען. אצונד דארפסט דו אונז זאגען, צו דו ביזט מוכן ומזומן אויף דיר צו נעמען די תשובה, וואס מיר וועלען דיר ארויס געבען, דאן וועלען מיר מארגען ווייטער זיך צוזאממען קומען און מען וועט דיר מסדר זיין א תשובה. אבער פאר דעם טויטען שותף האסטו שוין פון היינט אהן קיין מורא נישט צו האבען ער וועט שוין צו דיר בייינאכט נישט קומען".

דער חסידישער שותף האט נישט געקלעהרט און האט באלד א געשרייא געטהון: „רבותי! איך בין מוכן ומזומן אויף מיר צו נעמען מקיים צו זיין מיט'ן גאנצען הארץ דעם סדר התשובה וואס איהר וועט מיר ארויס געבען, אפילו מיט די גרעסטע סיגופים און תעניתים, און השם יתברך זאל מיר מוחל זיין". „נו גוט".

האט

האָט דער גרייִדיצער רב צו איהם געזאָגט. „מאָרגען אין דער פֿריה, וועלען מיר ווייטער זיצען צוזאַממען, דאָס זעלביגע בית דין וואָס מיר זיצען היינט, און מיר וועלען דיר מסדר זיין אַ תשובה".

די נאַכט איז שוין דער חסידישער שותף געגאַנגען שלאָפֿען און אַן אַכסניא אַריין, און ער איז שוין געשלאָפֿען רוהיג. דער טויטער שותף איז איהם שוין מעהר נישט געקומען צו חלום. צו מאָרגענס אין דער פֿריה האָט שוין דער חסידישער שותף געבעך אָנגעוואַרט ביז דאָס בית דין וועלען זיך ווייטער צוזאַמען קומען, ער זאָל הערען זיין פסק פֿון דעם סדר התשובה, וואָס זיי וועלען איהם מסדר זיין, ער האָט שוין גאַנץ גוט פֿערשטאַנען. אַז מיט קיין מוציא מיט האָניג וועלען זיי איהם נישט מכבד זיין.

מאָנטאָג אין דער פֿריה באַלד נאָכ'ן דאַווענען האָט דער גרייִדיצער רב אַריינגערופֿען ווידער צו זיך אין אַ בעזונדער שטיבעל אַריין די צוויי רבנים. נאָך אַ לאַנג בעראַטונג האָבען זיי אַריינגערופֿען דעם בעל תשובה און האָבען איהם מסדר גיוועזען דעם סדר התשובה. דאַמאָלס האָט דער גרייִדיצער רב דערצעהלט פֿאַר זיי די פֿאָלגענדע מעשה. ער האָט פֿאַר זיי אַזוי געזאָגט איך וועל ענק דער-צעהלען אַזאַ שטייגער מעשה וואָס האָט זיך פֿערלאָפֿען אצל הגאון הגדול הצדיק הקדוש **רבנו עקיבא איגר** זצ"ל. טאַקי אין פּאָזען זעלבסט.

דאָרט אין פּאָזען האָט אַ מאָהל געוואָהנט אַ יוד. אַ גרויסער תלמיד חכם אַ חריף און אַ בקי. דערצו איז ער נאָך גיוועזען אַ גרויסער גביר אויך. אין זיינע געשעפֿטען האָט ער זיך מעהר נישט געמישט ווי פֿיער שעה אין טאָג. צוויי שעה אין דער פֿריה פֿון זייגער צוועלף ביז זייגער צוויי, און צוויי שעה פֿאַרנאַכט פֿון זייגער זעקס ביז זייגער אַכט. ווייטער די רעשט צייט איז ער געזעסען אין געלערענט. ער האָט אָבער געהאַט איין גרויסען פֿעהלער, וואָס ער האָט זיך מונע גיוועזען פֿון צדקה. קיין אָרימאַן האָט מען צו איהם אין שטיב אַריין נישט אַריינגעלאָזט. אויסער וואָס פֿאַר פּסח פֿלעגט ער עפּעס יאָ געבען אַ הונדערט מאַרק אויף קמחא דפּסחא. אָבער ווייטער אַ גאַנץ יאָהר איז קיין איין פּרוטה צדקה נישט אַרויסגעגאַנגען פֿון זיין שטיב, אַפֿילו קיין שטיקעל ברויט צו אַן אָרימאַן האָט מען אין זיין שטיב נישט געוואָלט געבען. די אַלטע שטיקלעך ברויט פֿערדאַרטע אָבער אַנדערע זאַכען וואָס בלייבט אַמאָהל פֿון עסען האָט ער אויך אָנגעזאָגט מען זאָל דאָס נישט אַוועק געבען קיין אָרימע לייט נאָר די קאָזעס זיינע מיט די עופֿות. בקיצור דאָס איז שוין גיוועזען בעוואוסט גוט אין פּאָזען, און אויך אין יענעם געגענד אַרום און אַרום, אַז קיין אָרימאַן טאָהר זיך נישט ווייזען צום דעם גרויסען גביר אין שטיב אַריין.

ווען מען האָט אין פּאָזען געדאַרפֿט אויף צו נעמען אַ רב האָט זיך דער גביר גערעכט אַז מסתם וועט די שטאָדט איהם אויסקלאַבען פֿאַר אַ רב, וואָרען ער איז טאַקי באמת גיוועזען אַ גאון און איז געזעסען שטענדיג על התורה ועל העבודה. אָבער צוליעב די שלעכטע מדה זיינע פֿון נישט וועלען צדקה געבע, איז ער ביי די שטאָדט פֿערמאוסט געוואָרען, און זיי האָבען אויפֿגענומען דעם גאון הצדיק רבנו עקיבא איגר זצ"ל פֿאַר אַ רב. דעם גביר האָט דאָס שטאַרק פֿערדראָסען

פֿערדראָסען. ער האָט זיך געהאַלטען פֿאַר אַ גרעסערען למדן אין דייטשלאַנד ווי רבנו עקיבא איגר. דאַדורך האָט ער זיך אַרויסגעצויגען פֿון שטאָדט און האָט זיך באַזעצט אונטער די שטאָדט, ווי ער האָט געהאַט אַ גרוים הויז מיט אַ שענעם גאָרטען. און אַזוי ווי ער האָט ליעב געהאַט תורה, האָט ער דאָרט געמאַכט אַ גרוים בית המדרש מיט פֿיעל ספרים און האָט פֿערלאַנגט, אַז אַלע יונגע לייט און בחורים וואָס ווילען זיטצען און לערנען זאָלען אַרוים קומען לערנען אין זיין בית המדרש אַריין. און בעוויל עס איז טאַקי דאָרט אין זיין בית המדרש געווען זעהר בעקוועמט צו לערנען, איינמאָל איז דאָס בית המדרש זעלבסט געווען גרוים און שעהן, די פֿענסטער זענען אַריינגעגאַנגען אין גרויסען גאָרטען אַריין. צווייטענס ווייטער איז אין דעם בית המדרש געווען אַלערליי ספרים, איבער דעם זענען טאַקי דאָרט אין דעם בית המדרש שטענדיג געזעסען און געלערענט פֿיעל יונגע לייט און בחורים פֿון פֿאָזען וואָס האָבען געקאָנט גאַנץ שעהן לערנען.

דער גביר און תלמיד חכם, וואָס איז געווען דער בעל הבית פֿון דעם בית המדרש, פֿלעגט אַלע טאָג אַריינקומען אין בית המדרש אַריין דאַווענען בצבור. אַזוי אין דער פֿריה ווי אויף דער נאַכט ביי מנחה ומעריב, פֿלעגט ער אַליין שמועסען אין לערנען מיט די יונגע לייט און בחורים, און האָט פֿון דעם זעהר אַ הנאה געהאַט. אפילו מיט אַ אינגעל האָט ער זיך אויך נישט געשעהמט אַנידער צו זעצען זיך נעבען איהם און שמועסען מיט איהם אין לערנען, וואָרען ער האָט באמת ליעב געהאַט תלמוד תורה. אָבער אַז עס פֿלעגען אַמאָהל אַרוים צו קומען פֿון שטאָדט מענשען וואָס זענען עוסק בצרכי צבור מיט אַ בקשה צו דעם גביר, ער זאָל זיי צושטאַהר געבען עפּעס געלד, וואָס זיי האָבען געדאַרפֿט אויף אַ דבר טוב. פֿלעהגט ער זיי ענטפֿערען די תשובה: „געהט און פֿרעגט אייך ביי אייער רב, צו שטעהט נישט „ותלמוד תורה כנגד כולם". מיט די תשובה פֿלעגט ער אַלע אָבפֿאַרטיגען, און זיי זענען פֿון איהם אַוועק מיט לעהדיגע הענד. ווער שמועסט נאָך אַז אַן אָרימאַן פֿון די מדינה-געהרס זאָל זיך דאָרט בעווייזען, פֿון דעם איז גאָר קיין ריידע נישט, וואָרען אַזוי ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען אויפֿ'ן הויף, האָט מען באַלד איהם משלח געווען דורך די הילף פֿון צוויי גרויסע כלבים, וואָס האָבען שטענדיג אַרום געדרעהט זיך אויף דעם הויף. אָבער אַריין צו געהן אין בית המדרש אַריין איז געווען אַבעזונדערער גאַנג נישט דורכ'ן הויף. דאָס בית המדרש איז יאָ געווען פֿריי פֿאַר יעדען יוד. פֿון בית המדרש איז אפילו יאָ געווען אַ טהיר אַריינצוגעהן אין די שטיבען ווי דער גביר האָט געוואָהנט. אָבער די טהיר איז געווען שטענדיג פֿערשלאָסען. דער בעל הבית זעלבסט האָט ביי זיך געהאַלטען דעם שליסעל, בעוויל ער פֿלעגט דורך די טהיר אַריינקומען אין בית המדרש צום דאַווענען.

האָט זיך פֿערלאָפֿען ביי דעם גביר אַזאַ מעשה. און שטאָדט באַזעל האָט אַמאָהל געוואָהנט אַ יוד אַ גרויסער תלמיד חכם אַ חסיד און אַ ירא שמים, דערצו איז ער געווען אַ גרויסער גביר אויך. אָבער ער איז געווען פּונקט דער היפּוך פֿון דעם גרויסען גביר אין פֿאָזען. דהיינו ער האָט שטאַרק ליעב געהאַט צדקה צו געבען. עס איז ביי איהם געווען „ביתו פתוח לרווחה". ווער ס'איז אַריינ-

געגאנגען

געגאַנגען הינגעריג איז אַרויסגעגאנגען זאַט. אַלע אָרימע לייט פון יענעם געגענד האָבען שוין געוויסט אַנצוקומען צו דעם גביר, סיי וועגען צדקה, סיי וועגען גמילות חסדים. בקיצור ער האָט זיך נישט מונע געווען פון קיין שום דבר צדקה, ער האָט געהאַט אַ שם גאַנץ ווייט. צו דעם צו איז ער געזעסען און געלערענט בהתמדה גדולה. מיט איין וואָרט, ער האָט עוסק געווען כל ימיו אין תורה ועבודה וגמילות חסדים.

מילא וואָס אין הימעל האָט זיך עפּעס געמאַכט קאָן מען נישט וויסען. צו האָט מען דעם יוד געוואָלט נעמען אויף אַ נסיון, צו האָט ער געטהון בסתר אַ גרויסע עבירה, צו גלאַט דאָס מזל זיינס מיט זיין הצלחה האָט זיך אינגאַנצען אויסגעלאָזט, דאָס אַלץ קאָן מען דאָ נישט גענוי וויסען. נאָר סיי ווי איז דער יוד געוואָרען לא עלינו אַ גרויסער יורד, אַזוי ווי פון אַ הויכען באַרג אין אַ טיפען טאָהל אַריין. דאָס גאַנצע עשירות זיינס איז עפּעס אַזוי ווי פערשווינדען געוואָרען, פון גאַנצען הויז איז געוואָרען אַ תל, און ער איז נעבעך געוואָרען פּשוט אַ עני ואביון אָהן אַ פּרוטה. און פאַר גרויס בושה, וואָס ער איז געוואָהנט געווען צו שפּיעלען אַ גרויסע ראָלע און מפרנס צו זיין פיעל אָרימע לייט, האָט ער נישט געקאָנט בלייבען ווייטער וואָהנען אין באָזעל. דאָס בני בית זיינס האָט ער באַזעצט נעבען באַזעל אין אַ דערפעל זאָל האַנדלען מיט אַ ביסעל גיבעקטץ, און ער זעלבסט האָט זיך אַוועק געלאָזט אין די גרויסע וועלט אַריין, אפשר וועט השם יתברך איהם מזמין זיין ערגעץ אַ פּרנסה בכבוד. ער האָט אויף זיך גענומען אַזוי צו פיהרען זיך אונטער וועגענס. אַז אַרוים שטעקען די האַנד, אָדער אַזוי ריידען עמיצען מען זאָל איהם שענקען אַ נדבה, דאָס זאָל ער קיינמאָל בשום אופן נישט טהון, אפילו ווען עס זאָל האַלטען ממש ביי סכנות נפשות. נאָר ווי ער איז געקומען האָט ער זיך געפּלעגט אַנידער זעצען אין בית המדרש לערנען, און האָט געוואָרט אַז עס זאָל וועמען איינפאַלען אין געדאַנק, איהם אַהיים צו בעטען אויף אַ מאָלצייט. און דער אמת איז טאַקי אַזוי געוועזען, ס'איז איהם געלונגען אומעטום אַז מענשען האָבען אין זיין פּנים דערקענט אַז ער איז נישט קיין פּראָסטער אָרימאַן, האָבען זיי אויף איהם רחמנות בעקומען און האָבען איהם פערזאָרגט בכבוד מיט מאָלצייטען. אָבער מעהר ווי דאָס ביסעל עסען פאַר זיך, האָט ער נישט בעקומען. דאָס וואָס ער האָט געזוכט, עס זאָל זיך איהם טרעפען אַ פּרנסה בכבוד, האָט ער דוקא נישט געפינען.

אַזוי האָט זיך נעבעך דער יוד אַ לאַנגע צייט אַרום געדרעהט פון שטאָדט צו שטאָדט, פון מדינה צו מדינה, ביז ער איז אָנגעקומען קיין פּרייסען. דאָ אין פּרייסען האָט ער זיך אויך ווייטער אַזוי געפיהרט ווי ביז אַהער. אַז נאָר וואָס עמיצער האָט איהם אַליין גיגעבען דאָס האָט ער גענומען, אָבער ריידען עפּעס יענעם, דאָס אויף קיין פאַל נישט.

האָט זיך דער יוד אַמאָהל אין פּרייסען פערבלאָנדזשעט, און האָט נישט געקאָנט אַזוי גיך טרעפען אין אַ שטאָדט אַריין. ער האָט זיך אַזוי אַרום געדרעהט צוויי טעג. דער פּת בסלו, וואָס ער האָט זיך מיט גענומען, איז איהם אויפ'ן וועג אויסגעגאַנגען און ער איז געוואָרען שטאַרק הינגעריג. ממילא זענען ביי איהם

די

די פּיס אויך אָבגעשטאַנען, און ער האָט שוין קײן כח נישט געהאַט אַרום צו קריכען. קוים קוים ער האָט זיך דערשלעפּט קײן פּאָזען. און פּונקט איז איהם אויסגעקומען אַרײַן צו געהן אין שטאָדט אַרײַן דורך דעם וועג, ווי אונטער די שטאָדט איז געשטאַנען דאָס גרויסע הויז מיט דעם שענעם גאָרטען פון דעם גביר און תלמיד חכם, וואָס האָט קײנמאָהל נישט געוואָלט קײן אָרימאַן מהנה זײַן. דער אָרימאַן איז פּערבײַ געגאַנגען פאַר דעם הויז אין דער פריה, ווען מענשען געהן דאַווענען. דערזעהט ער ווי אַ יוד לויפט מיט'ן טלית ותפילין אונטערען אָרעם, פרעגט איהם דער אָרימאַן: „רב יוד! איהר געהט אין בית המדרש אַרײַן דאַווענען"? — „יאָ, יאָ, קומט מיט, וועט גיכער זײַן מנין צום דאַווענען". אַזוי האָט איהם יענער יוד גיענטפערט. דער אָרימאַן האָט זיך דערפרײַד, ווען ער האָט דערהערט אַז מען רופט איהם מיט אין בית המדרש אַרײַן, אַזוי ווי דוד המלך האָט געזאָגט „שמחתי באומרים לי בית ה' נלך". און ער איז טאַקי באַלד דעם יוד נאָכגעגאַנגען אין דעם בית המדרש אַרײַן פון דעם גרויסען גביר און תלמיד חכם.

דער אָרימאַן האָט זיך דערפרײַד נאָך מעהר, ווען ער איז אַרײַנגעקומען אין בית המדרש אַרײַן און האָט דערזעהן אַזאַ שעהן בית המדרש מיט אַזוי פיעל ספרים, און עס זיצען בחורים מיט יונגע לײַט און לערנען. ער האָט זיך אוודאי געטראַכט אַז דאָ וועט ער באַלד זײַן געהאָלפען. געוויס וועט איהם עמיצער באַלד פאַרבעטען אויף אָן אָנבײַסען, און ער וועט זיך דאָ קאָנען אויפהאַלטען עטליכע וואָכען. דער געדאַנק האָט דעם אָרימאַן געשטאַרקט. ער האָט זיך אָבגעוואַשען, געדאַווענט און גיזעצט זיך לערנען.

ווי גיוועהנליך האָבען זיך אָנגעהויבען די בחורים מיט די יונגע לײַט צו דרעהען זיך נעבען דעם אָרימאַן, וואָרען זיי האָבען באַלד דערקאָנט אין זײַן לערנען אַז ער איז אַ גרויסער למדן. הכלל דער עולם האָט אָנגעהויבען מיט דעם אָרימאַן צו שמיעסען אין לערנען, און ער האָט יעדען זעהר גוט גיענטפערט. ס'איז געוואָרען אַ קאָך אין בית המדרש, אַז ס'איז אָנגעקומען אַ גרויסער למדן, ביז דער בעל הבית דער גביר איז אויך דערפון געוואָהר געוואָרען. ער האָט זיך גאַנץ שטאַרק דערפרײַד און איז באַלד אַרײַנגעקומען אין בית המדרש צום אָרימאַן, האָט איהם גיגעבען דעם ברייטען שלום עליכם און האָט אָנגעהויבען מיט איהם צו שמיעסען אין לערנען. דערווײַל זענען זיך די בחורים מיט די יונגע לײַט צוגאַנגען אַהײם עסען אָנבײַסען. זיי האָבען מורא געהאַט צו צוגעהן אַהײם צו בעטען דעם אָרימאַן אויף אָן אָנבײַסען, בעווײַל זיי האָבען געזעהן ווי דער בעל הבית דער גביר האָט זיך מיט איהם שטאַרק פערשמיעסט אין לערנען, און אויך האָבען זיי גירעכענט, אַז מסתם וועט דער גביר אַרײַנבעהטען דעם אָרימאַן צו זיך אויף אָן אָנבײַסען, חאָטש ער לאָזט קײן אַנדערען אָרימאַן נישט איבער די שוועל, אָבער דעם אָרימאַן, אַז ער קוועלט אַזוי שטאַרק פון זײַן תורה, וועט ער איהם יאָ געוויס פערבעטען צו זיך אויף אָן אָנבײַסען. אויף דעם סמך האָבען זיי אַלע זיך פערלאָזט, און יעדער איז זיך אַהײם געגאַנגען עסען, און האָבען דאָ אין בית המדרש איבער געלאָזט דעם אָרימאַן מיט דעם גביר, שמיעסענדיג טיעף אין לערנען.

דערבײַ

דערבײַ איז אויך נאָך געבליבען עטליכע יונגלעך.

ווען ס'איז שוין געווען באַלד זייגער צוועלף האָבען די יונגלעך פון בית המדרש געזעהן, ווי דער גביר האָט אַרויסגענומען פון טאַש דעם גאָלדענעם זייגער און האָט אַ זאָג געטאָן צו דעם אָרימאַן: „נו, מיין ליבער יוד ס'איז שוין זייגער צוועלף, דאָס איז מיין זמן פון אָנבייסען, בעט איך אייך שטאַרק איבער, איך וועל אַריינגעהן דערווייל וואַשען זיך צום עסען, און איך בעהט אייך אַז אין אַ צעהן מינוט אַרום זאָלט איר דורך דער טהיר פון בית המדרש אַריינקומען צו מיר ווערען מיר שוין גומר זיין דעם פלפול. דער אָרימאַן האָט נעבעך גירעכענט שוין זיבער, אַז דאָ איז ער שוין געהאָלפען. געוויס איז דער גביר דעפאָיר אַריינגעגאַנגען אָנגרייטען אַ גרויסע סעודה לכבוד דעם אורח. דער אָרימאַן האָט גיצעהלט די מינוטען און נאָך צעהן מינוט איז ער אַריינגעקומען צום גביר.

דער גביר האָט שוין געהאַלטען אין מיטען אָנבייסען. פאַר איהם איז געווען אָנגעגרייט אַ גבירישער פריה־שטיק מיט פיעל גירעכטצען, און ער האָט זיך טאַקי געלאָזט וואָהלגעהן מיט אַ גוטען אַפּעטיט. אַזוי ווי ער האָט דערזעהן אַז דער אָרימאַן איז צו איהם אַריינגעקומען, האָט ער איהם מקבל פנים געווען בשמחה רבה, און האָט איהם גיבעטען זיצען נעבען זיך אויף אַ שעהנע שטיהל. דער אָרימאַן האָט שוין נעבעך אויסגעקוקט די רגע, אַז דער גביר זאָל איהם זאָגען „וואַשט אייך מיט צום עסען". אָבער פעהל. דאָס האָט ער נישט די זכיה געהאַט צו הערען, נאָר דער גביר האָט באַלד ווייטער מיט איהם אָנגעהויבען שמיעסען טיעף אין לערנען. אין מיטען שמיעס האָט דער גביר אַלע מאָהל געכאַפּט אין מויל אַריין די מאכלים פון פריה־שטיק און האָט געקייעט און געשלינגען. און דער אָרימאַן האָט אויך אין מיטען שמיעס אַלע מאָל געשלינגען, אָבער נישט קיין עסענוואַרג, נאָר דאָס שפּייבעכץ וואָס איז איהם נעבעך געקומען אַלע מאָהל אין מויל אַריין, האָט ער מורא געהאַט אוים צו שפּייען אויף די שעהנע פּאָדלאָגע, נאָר האָט געמוזט דאָס שפּייבעכץ אַראָבשלינגען, וועלכעס איז זעהר גיפעהרליך צום געזונד. אַזוי האָט דער גביר אָנגעפיהרט מיט דעם אָרימאַן אַ שעה צייט ביז נאָכ'ן גאַנצען אָנבייסען. דאַן איז דער גביר געגאַנגען שוין בענטשען, האָט ער גיבעטען דעם אָרימאַן, ער זאָל שוין אַריינגעהן צוריק אין בית המדרש אַריין, און האָט איהם זעהר געדאַנקט פאַר דעם, וואָס ער איז אַריינגעקומען צום אָנבייסען שמיעסען מיט איהם אין לערנען. דערבײַ האָט דער גביר איהם גיבעטען, אַז אַזוי ווי אויף די נאַכט נאָך מנחה ומעריב, זייגער אַכט, עסט ער ווייטער די צווייטע סעודה, זאָל זיך ווייטער דער אָרימאַן מטריח זיין צו איהם אַריינצוקומען. דער אָרימאַן האָט איהם צו געזאָגט, און מיט אַ צובראָכען האַרץ איז ער נעבעך צוריק אַריינגעגאַנגען אין בית המדרש אַריין.

דער אָרימאַן האָט נעבעך גאָר נישט געוויסט וואָס דאָ צוקלערען אויף דעם גביר. אַזאַ גביר און אַזאַ תלמיד חכם זאָל נישט פאַרשטעהן מכבד צו זיין אַן אָרימאַן מיט עפּעס עסען. נישט אַנדערש נאָר עמיצער האָט געמוזט דעם גביר אָבגענאַרען, און איהם זאָגען אַז איך האָב הערשט ערגיץ גיגעסען אָנבייסען. פאַר דאָס, האָט זיך דער אָרימאַן געטראַכט, אַז צום נאַכט־עסען וועט דער גביר שוין

געוויס

געוויס איהם פֿאַרבעטען צו דער סעודה. מילא פֿערפֿאַלען מוז מען דעם היינטיגען טאָג אויך אָבלעבען מיט אַ טרינק קאַלט וואַסער. אַזוי ווי דער אָרימאַן האָט שוין נישט קיין כח געהאַט צו שטעהן אויף די פֿיס, און דער קאָפּ האָט זיך מיט איהם געדרעהט פֿאַר הינגער, האָט ער זיך אָנגעלעגט אויף די באַנק אין בית המדרש אַביסעל צו שלאָפֿען, און מיט דעם איינצושטילען דעם הינגער.

די בחורים מיט די יונגעלייט, ווען זיי זענען צוריק געקומען אין בית המדרש אַריין לערנען און האָבען געזעהן אַז דער אָרימאַן דרימעלט אויף די באַנק, האָבען זיי זיך נאָכגעפֿרעגט די יונגלעך וואָס זענען געבליבען, ווי אַזוי ס'איז עפּעס דאָ צוגעגאַנגען מיט דעם אָרימאַן. האָבען זיי דערצעהלט אַז דער גביר האָט איהם אַריינגיבעטען צו זיך. אַזוי נאָך האָבען די אַלע בית־המדרש'ניקעס גערעכענט אויף געוויס אַז דער אָרימאַן האָט געמוזט עסען ביים גביר אַ גוט אָנבייסען, איבער דעם שלעפֿערט זיך איהם אַזוי. ס'האָט זיי שטאַרק אַ הנאה געטהון, וואָס דער גביר האָט פֿאָרט אַמאָהל פֿאַרבעטען אַן אָרימאַן צום עסען.

דער אַרימאַן איז נעבעך אַזוי געלעגען עטליכע שעה מיט האַרץ וועהטאָג און מיט קאָפּדרעהניש. אַז ער איז מיהד געוואָרען ליגענדיג, האָט ער זיך געשטאַרקט מיט די לעצטע קרעפֿטען, האָט זיך אויפֿגעהויבען און אָבגעוואַשען מיט קאַלט וואַסער, און אויך אויסגעטרינקען אַ גלאָז קאַלט וואַסער, ער זאָל אַביסעל דער־פֿרישט ווערען, נאָכהער האָט ער זיך געזעצט לערנען. די בית־המדרש'ניקעס האָבען ווייטער זיך געריסען צו שמיעסען מיט איהם אין לערנען. דערווייל האָט אָנגערוקט די צייט פֿון מנחה ומעריב דאַווינען. דער גביר איז אויך אַריינגעקומען אין בית המדרש אַריין צום דאַווינען. צווישען מנחה און מעריב האָבען ווייטער די בית־המדרש'ניקעס מפלפל גיווען זיך אין לערנען מיט דעם אָרימאַן, דאָ האָט זיך שוין דער גביר אויך אַריינגעמישט. בקיצור אַלע האָבען גאָר געקוואָלען פֿון דעם אָרימאַנס אויפֿטהועכצען. און אַז מען האָט שוין געדאַרפֿט דאַווינען מעריב, האָט זיך דער גביר אָנגערופֿען צום אָרימאַן: „נו אַצונד מוז מען שוין דאַווינען מעריב. אָבער איהר וועט דאָך געוויס האַלטען וואָרט, מקיים צו זיין אייער צוזאָג אַז איהר וועט אַריינקומען צו מיר זייגער אַכט, וועט מען שוין דאַמאָלס גומר זיין דעם שמיעס". ווער ס'האָט נאָר גיהערט האָט דאָך זיכער געמיינט, אַז דער גביר פֿאַרבעהט דעם אָרימאַן אויף אַ נאַכט־מאָהלצייט. ס'האָט אַלע שטאַרק אַ הנאה געטהון, וואָס דער אָרימער תלמיד חכם וועט האָבען ווייטער אַ גוטע סעודה, און דער עולם האָט זיך געשטעלט דאַווינען מעריב.

דער אָרימאַן האָט שוין נעבעך ווייטער אויסגעקוקט די רגע, ס'זאָל שוין זיין זייגער אַכט, אַזוי ווי ער האָט גירעכענט, אַז דאָ וועט ער שוין זיכער האָבען אַ גוטע סעודה צו עסען. הכלל ער האָט שוין דערלעבט די גינסטיגע מינוט, ס'איז שוין גיוועזן זייגער אַכט, איז דער אָרימאַן, קוים קריכענדיג אויף די פֿיס, אַריינ־געגאַנגען צום גביר. דער גביר איז שוין גיזעסען ביים טיש, ער האָט זיך שוין געהאַט געוואַשען צום עסען. דער טיש איז גיווען גאַנץ שעהן פֿערפּיצט מיט שעהנע כלים און מיט גוטע מאכלים, ווי ביי אַ גביר פֿיהרט זיך. און אַזוי ווי דער גביר האָט דערזעהן אַז דער אָרימאַן איז טאַקי צו איהם אַריינגעקומען צו

דער

דער צײַט, האָט ער זיך אויפגעחאַפּט און איז איהם אנטקעגען געגאַנגען, האָט איהם אָנגענומען בײַ די האַנד און האָט איהם געבעטען זיטצען אויף אַ שעהנע שטיהל געבען זיך, אַזוי ווי ער איז געזעסען דאָרט בײַטאָג. דער בײַ האָט דער גביר צו דעם אָרימאַן געזאָגט די ווערטער: „וואָס זאָל איך אײַך זאָגען, איר זענט מיך מחיה, אַז איך שמיעס מיט אײַך אין לערנען". און זיי האָבען באַלד ווײַטער אָנגעהויבען שמיעסען אין לערנען. אבער פון קײַן עסען האָט דער גביר נישט אָנגעהויבען צו דאַכטען, ער זאָל בעהטען דעם אָרימאַן מיט עסען. דער גביר האָט ווײַטער, אַזוי ווי בײַ טאָג, אין מיטען שמיעס געחאַפּט אַלע מאָהל אַלעפּעל עסען און אַראָבגעשליגגען, געחאַפּט אַלע מאָהל מיט'ן גאָפּעל אַ שטיק פלייש און אַראָבגעשליגגען. דעם אָרימאַן ווײַטער איז נעבעך געקומען אַלע מאָהל דאָס שפײַבעכץ אין מויל אַרײַן, און האָט אויך אַלע מאָהל געשליגגען. אַזוי האָבען זיי פאַרברענגט צו זאַממען העכער ווי אַ שעה. ביז דער גביר האָט געבענטשט, און דער אָרימאַן איז ווײַטער אַרײַנגעגאַנגען אין בית המדרש אַרײַן בפּחי נפש טויט הינגעריג.

אַצונד האָט שוין דער אָרימאַן נישט געהאַט וואָס צו קלעהרען און מלמד זכות צו זײַן אויף דעם גביר, נאָר ער האָט שוין פערשטאַנען אַז דאָס איז אַ העכסט נידערטערכטיגער מענש. און אַזוי ווי דער אָרימאַן האָט שוין געשפּיהרט בײַ זיך, אַז טאָמער עסט ער נישט עפּעס די נאַכט, וועלען זיך שוין געוויס אויסלאָזען זײַנע קרעפטען און וועט שטאַרבען, אַלזאָ האָט ער זיך מישב געווען ער זאָל אַרײַנגעהן אין שטאָדט. געוויס איז דאָך דאָ אין אַזאַ גרויסע שטאָדט אַ הקדש פאַר אָרימע לײַט, זאָלען האָבען ווי צו נעכטיגען, און געוויס פעהלט נישט אין אַזאַ גרויסע שטאָדט קײַן אָרימע לײַט אין הקדש. דאָרט קאָן גיכער זײַן, אַז די אָרימע לײַט וועלען גיכער אויף איהם רחמנות האָבען, און עמיצער פון זיי וועט איהם אָנשלאָגען ער זאָל אויך מיט עסען, וועט ער זיך אַזוי נאָך דאָס לעבען דערהאַלטען. דער אָרימאַן האָט צוזאַממען גענומען די לעטצטע קרעפטען און האָט אָנגעהויבען קריכען אין שטאָדט אַרײַן. און קוים קוים וואָס ער האָט זיך דערשלעפּט ביז צום הקדש. אָבער דאָ האָט זיך שוין געבעך אויסגעלאָזט זײַן חיות, און אַזוי ווי ער האָט נאָר די שוועל איבערגעטרעטען איז ער אַנידערגעפאַלען און איז באַלד געשטאָרבען.

זעלבסט פערשטענדליך, אַז אין אַ הקדש מאַכט מען נישט קײַן גרויס געשעפט, אַז עס שטאַרבט אַן אָרימאַן. עס דאַגה'ט זיך קיינער נישט וועגען דעם. וואָס זאָגט מען? „מסתּמא אַ קראַנקער יוד געווען איז ער אָבגעשטאָרבען, ס'איז איהם שוין ווײַלער ווי דיפריער". אַזוי גיבט יעדער אַ ברים צו, און ווײַטער נישט. דאָס איז זײַן הספד, דאָס איז זײַן קדיש. מען טהוט איהם זײַן רעכטס און ער געהט זיך אין זײַן רוה אַרײַן. דאָס זעלבע איז דאָ אויך געווען מיט דעם אָרימאַן דער גרויסער תלמיד חכם. קיינער האָט נישט געוויסט וואָס פאַר אַ מענש דאָס איז געווען. מען האָט איהם באַלד אין דער פריה זײַן רעכטס געטהון, אַזוי ווי ס'געהט צו בײַ אַנדערע אָרימע לײַט, און קיינער האָט פון דעם קײַן וואָרט נישט געהערט.

דער גביר, דער למדן, וואָס דורך איהם איז נעבעך דער אָרימער תלמיד

חכם געשטאָרבען פאַר הינגער, האָט געהאַט אַזאַ מנהג. אַלע נאַכט זייגער צוועלף איז ער אַריינגעקומען אין זיין בית המדרש אַריין, און האָט דאָרט אָנגערעכט תיקון חצות. נאָך מיט אַ שעה דערפֿויער האָט דער סטאָראָזש אַלע נאַכט פֿערשלאָסען דאָס בית המדרש, און האָט אַכטונג געטהון, עס זאָל קיינער נישט בלייבען אין בית המדרש אויף ביי נאַכט. און דער גביר פֿלעגט זיך אַריינקומען אַלע נאַכט דורך זיין טהיר אין בית המדרש אַריין, אָנצורעכטען תיקון חצות.

באַלד די ערשטע נאַכט, וואָס מען האָט געהאַט ביי טאָג קובר געווען דעם אָרימען תלמיד חכם, אַז דער גביר איז אַריינגעקומען זייגער צוועלף ביי נאַכט אין בית המדרש אַריין אָנרעכטען תיקון חצות, האָט ער דערזעהן, אַז עס דרעהט זיך עמיצער אַרום אין בית המדרש. דער גביר האָט באַלד געמאַכט אַ געשריי און אַ געוואַלד, אַז אַ גנב איז דאָ אין בית המדרש, און איז אַרויסגעלאָפען צום סטאָראָזש, ער זאָל אַריינגעהן חאַפּען דעם גנב. דער סטאָראָזש איז באַלד געקומען אַריינצולויפען מיט'ן גראָבען שטעקען, ער זאָל קודם כל באַלד אויפ'ן אָרט מקיים פסק זיין דעם גנב. אָבער ווי ערשטוינט זענען זיי געוואָרען, אַז זיי האָבען שוין קיינעם נישט געזעהן אין בית המדרש. און אַלע טיהרען און פֿענסטער זענען געווען ווייטער גוט פֿערמאַכט אַזוי ווי דערפֿויער. דער סטאָראָזש האָט באַלד געזאָגט זיין מיינונג, אַז נישט אַנדערש, נאָר עס האָט זיך דעם בעל הבית אַזוי געדאַכט, ער האָט געמוזט דערזעהן זיין שאָטען אויף די וואַנד, האָט ער געמיינט אַז דאָס איז אַ פֿרעמדער מענש, וואָרען ער האָט דאָך פֿאָרט זיך גוט אומגעקוקט אין בית המדרש איידער ער האָט פֿערשלאָסען, און האָט קיינעם נישט געזעהן. אַצינד ווייטער זעהט מען דאָך אַז אומעטום איז גוט פֿערמאַכט, הייסט ווי אַרום האָט דאָ געקאָנט אַ גנב אַריין און אַרויס. דער גביר האָט נישט געהאַט מיט וואָס דעם סטאָראָזש אָב צו לייקענען, איז אַזוי געבליבען. דער סטאָראָזש איז זיך צוריק געגאַנגען אין זיין רוה אַריין, און דער גביר איז געבליבען אַליין אין בית המדרש, און האָט זיך גענומען אָב צו רעכטען דעם תיקון חצות.

אַזוי ווי דער גביר איז געקומען צו דעם פסוק „עורנו כתנור נכמרו מפני זלעפות רעב". דאָס הייסט „אונזער הויט איז דערהיטצט געוואָרען, אַזוי ווי אַ הייסער אויבען, דורך דעם ברענונג פֿון הינגער". דאַמאָלס האָט ער דערהערט הינטער זיך אַ שרעקליך קול מיט די ווערטער: „דו אָנגעפּרעסענער בויך! דו גראָבער קאַרג! דו רוצח אייגער! ווי אַזוי קאָנסט דו נאָך האָבען אַזאַ גרויסע העזה, צו בעהטען רחמים אויף יודען צוליעב זייערע יסורים פֿון הינגער, אַז דו אַליין ברענגסט דערצו יודען זאָלען שטאַרבען פֿון הינגער"! דער גביר האָט זיך שטאַרק דערשראָקען און איז אויפגעשפּרינגען פֿון אָרט. ער דרעהט זיך אוים און גיט אַ קוק, זעהט ער אַז עס שטעהט פֿאַר איהם אַ מת אין ווייסע תכריכים. דער גביר איז פֿאַר שרעק שטום געוואָרען און האָט נישט געקאָנט עפֿענען דאָס מויל. דער נאָך באַלד האָט ער זיך געשטאַרקט, און האָט געוואָלט אַרויסלויפען פֿון בית המדרש דורך דער טהיר וואָס געהט אין זיינע דירות אַריין. אָבער דער מת האָט פֿאַרשטעלט די טהיר און האָט ווייטער אַ געשריי געטהון אויף דעם גביר: „שטעה רשע! שטעה רוצח! דו ווילסט פֿאַר מיר אַנטלויפען? אָה ניין! אַבי פֿון מיינע טויטע

הענד

הענד ווערסט דו דיך שוין נישט אויסדרעהען. דאס בין איך דיין קרבן, וואס דו האסט נעכטען מיט מיר געשמיעסט אין לערנען, בשעת ווען דו האסט דיך גאנץ גוט אנגעפרעסען, און איך האב שוין נישט געהאט דריי טאג גיגעסען, און דיר איז אפילו נישט איינגעפאלען מיר אשטיקעל ברויט צו שענקען, און איך בין דורך דיר פאר הינגער געשטארבען יענע נאכט אין הקדש, וואס איך האב נאך געהאט צעהן יאהר אויף די וועלט צו לעבען. היינט אז איך בין געקומען אין הימעל אריין האט מען מיר געזאגט — אמת טאקי אז איך האב א הויך ארט אין גן עדן העליון, אבער וויל איך בין געקומען אין הימעל אריין צעהן יאהר דעפויער פאר די צייט, קאן איך נאך היינט נישט אנקומען אויף מיין ריכטיג ארט אין גן עדן העליון — האב איך אנגעהויבען צו שרייען, אז איך בין מוחל אויף מיין עולה, און איך באשטעה מען זאל דיך גאר נישט בעשטראפען פאר די רציחה, אבי מען זאל מיך אריינלאזען אין גן עדן העליון אויף מיין ריכטיג ארט. האט מען מיר גיענטפערט, אז אין הימעל העלפט שוין נישט קיין שום מחילה׳. האב איך ווייטער אנגעהויבען צו שרייען פאר וואס זאל איך אזוי לאנג נישט קאנען קומען אויף מיין ריכטיג ארט בהנם, וואס איך בין אין דעם גאר נישט שולדיג. האט מען מיר גיגעבען רשות, איך זאל צוריק אראב אויף די ערד און זאל דיין נשמה ארויף ברענגען אין הימעל אריין, צו האבען מיט דיר א דין תורה פאר׳ן בית דין שלמעלה, אט צוליעב דעם בין איך דא געקומען צו דיר. איך האב אפילו א ברירה דיך שוין דא צולאזען ליגען טויט, און באלד מיט דיין נשמה צו פליהען אין הימעל אריין, נאר צוליעב דעם זכות פון דיין תורה גיב איך דיר צייט דריי טאג, זאלסט מאכען א צוואה און איינארדענען דיינע געשעפטען. און אזוי ווי די דריי טעג וועלען זיך אויסלאזען, וועל איך דיך ארויף נעמען אין הימעל אריין, צו האבען מיט דיר א דין תורה.

אזוי ווי דער מת האט אבגעזאגט זיינע רייד איז ער באלד נעלם גיווארען, און דער גביר האט איהם שוין מעהר נישט גיזעהען. דער גביר איז געבליבען שטעהן נישט טויט און נישט לעבעדיג און איז קוים אריינגעקראכען פון בית המדרש אין זיין שטיב אריין. ער האט געמאכט א געשריי, אז ס׳איז איהם עפעס נישט גוט און האט אנגעהויבען צו חלשין מען האט איהם דערמינטערט און געלעגט אין בעט אריין. אויף די פראגעס וואס איז איהם עכעס געשעהען האט ער נישט גיגעבען קיין ריכטיגע ערקלערונג, נאר אז ער איז שוואך געווארען.

איבער די גאנצע צייט וואס **רבי עקיבא איגר זצ״ל** איז געוועזען פוזנער רב, האט נאך אלץ דער גביר נישט געהאט איהם מקבל פנים גיוועזען. ער איז ברוגז גיוועזען סיי מיט די שטאדט און סיי מיט׳ן רב, בעוויל ער האט זיך גירעכינט אז די שטאדט האט גיכער איהם געדארפט אויפנעמען פאר פוזנער רב. אזוי האט ער אבגעפיהרט עטליכע יאהר. אצינד אז דער גביר האט געזעהען, אז ער געפינט זיך אין אזא עת צרה, אז דאס גאנצע לעבען זיינס האלט ביי אונטער געהן, האט ער זיך מיישב גיוועזען, די וועלט קלינגט דאך עפעס פארט מיט דעם פוזנער רב, אפשר איז ער טאקי א גרויסער צדיק און וועט מיר קאנען עפעס דא העלפען פון מיין צרה. און באלד צוזאמגענס האט דער גביר אריבער

געשיקט

געשיקט צום רב, אז ער וויל איהם מקבל פנים זיין און מפיים זיין. האט דער רב איהם צוריק געשיקט אזוי: „מקבל פנים זיין? פאר וואס נישט, אדרבא ואדרבא. אבער מפיים זיין, דאס פערלאנג איך גאר נישט, ווארען איך פארשטעה גאר נישט מיט וואס ער האט קענען מיר געזינדיגט, אפשר האב איך גאר קענען איהם געזינדיגט".

אין דעם זעלבען טאג איז דער גביר געקומען צום פוזנער רב. דער רב האט איהם גאנץ פריינדליך אויפגענומען. און נאך דעם וואס זיי האבען עטוואס פארברענגט, האט דער גביר געזאגט צום רב: „איך וואלט אייך געבעטען מיר זאלען אריינגעהן אין א פערמאכטע שטוב, ווארען איך האב מיט אייך צו שמועסען א דבר סתר. דער רב איז באלד מיט איהם אריינגעגאנגען אין א בעזונדערע שטוב און זיי האבען זיך פערמאכט. דארט האט דער גביר דערצעהלט דעם רב די גאנצע מעשה און האט אנגעהויבען שטארק צו וויינען, דער רב זאל איהם דא עפעס פון די צרה ארויסהעלפען. אצונד האט הערשט דער גביר אנגעהויבען שטארק צו בעדויערען אויף זיין שלעכט אויפפיהרעכץ, וואס ער האט נישט געוואלט מהנה זיין קיין ארימאן. און ער האט גיבעטען דעם פוזנער רב, אז ער וויל אויף זיך נעמען כל מיני תשובות מיט תעניתים און אלערליי סיגופים, אבי ער זאל לעבען בלייבען. און אויב ער האט נישט קיין אנדערען זכות, זאל איהם על כל פנים בייזשטעהן דער זכות פון תלמוד תורה, אזוי ווי עס שטעהט „ותלמוד תורה כנגד כולם".

דער פוזנער רב **רבי עקיבא איגר זצ"ל** האט אנגעהויבען זעהר שטארק צו קרעכצען, און האט מיט געוויינט מיט דעם גביר, וואס ער האט זיך געלאזט אזוי ווייט פערפיהרען פון בעל דבר. דערביי האט דער רב געזאגט צום גביר: „מיין ליבער יוד איהר לערענט א שלעכטען פשט אין די ווערטער „ותלמוד תורה כנגד כולם". דער תנא האט נישט געמיינט, אז מיט תורה אליין קאן מען יוצא זיין פאר אלסדינג. נאר דער ריכטיגער פשט איז אזוי: למשל אז איינער לערענט דעם אנדערען, ווי אזוי ער זאל צורעכט מאכען עפעס א מין גוט מאכל. זאגט ער צו איהם: זאלסט נעמען א קווארט מעהל, און אריין טהון איין לעפעל זאלץ, איין לעפעל צומערינג, איין לעפעל איננבער, דריי לעפעל צושלאגענע אייער, זעקס לעפעל וואסער. איז שוין סך הכל צוועלף לעפעל. און שמאלץ זאלסט דו אריינטהון כנגד הכל. דאס הייסט אויך צוועלף לעפעל. הייגט אז עס וועט קומען א שוטה און גאר נישט אריין טוהן, נאר בלויז צוועלף לעפעל שמאלץ, נו קאן דאס הייסען עפעס א גוט מאכל? אדרבא מען פערדארבט זיך נאך דער־מיט. דאס זעלבע זאגט דער תנא אין דער משנה. ער רעכענט דעפויער אוים מעשים טובים, וואס דער מענש דארף טוהן, כבוד אב ואם, גמילות חסדים, הכנסת אורחים, און נאך, און נאך, צום סוף זאגט ער אז תלמוד תורה דארף זיין כנגד כולם. אויב דער מענש פארברענגט אויף די מעשים טובים, למשל דריי שעה אין טאג, דארף ער לערנען אויך דריי שעה. אבער בלויז לערנען אהן מעשים טובים קאן מען זיך גאר דערמיט גרינג פערדארבען אזוי, אז די תורה איז אויך גאר קיין תורה נישט. איבער דעם זאגט די גמרא: כל מי שאומר אין לי

אלא

אלא תורה, אף תורה אין לו". דער יוד וואס רעדט זיך איין אז ער דארף נישט מיין טהון, ווי זיצען און לערנען תורה, דער האט קיין תורה אויך נישט. ובכן מיין ליבער יוד זענט איהר גאנץ מיאוס פערקראכען. הלואי השם יתברך זאל מיר זיין בייהילפיג, איך זאל קאנען אייך פון דער צרה מציל זיין. אבער דאך וויל איהר לעבט נאך און יענער איז שוין סיי ווי געשטארבען און עס שטעהט דאך „אין לך דבר שעומד בפני תשובה". אז מיט תשובה קאן א יוד אלץ פארעכטען, אלזא געהט איהר אהיים, איך וועל זעטצען א בית דין און מען וועט מעיין זיין אין דעם, אפשר וועט מען געפינען עפעס אן עצה. און איהר זאלט זיין אין דערהיים גרייט, ווען מען וועט שיקען נאך אייך זאלט איהר באלד קומען".

דער גריידיצער רב האט אזוי אלץ ווייטער דערצעהלט די מעשה און האט דא אזוי געזאגט: דאמאלס בין איך פונקט געוועז אין פויזען, און אויך דער קעמפנער רב (להבדיל בין חיים למתים). דער פויזנער רב האט אונז ביידע אריינגעריפען צו זיך בסוד, און ער האט צו אונז אזוי געזאגט: „מאכט'ץ ענק גרייט, איהר זאלט קאנען מיט מיר צוזאממען דן זיין דיני נפשות. איך דארף זעצען א בית דין, דן צו זיין דיני נפשות, וואס איז נוגע א לעבענדיגען און א געשטארבענעם, אלזא בעט איך אייך אז אין צוויי שעה ארום זאלט איהר דא אהער קומען".

מיר האט אפילו זעהר נישט געשמעקט דאס עסק. האט ווייטער דער גריידיצער רב געזאגט. בעוויל איך בין נאך דאמאלס געוועז א יונגער מאן. אבער ס'איז דאך „אין מסרבין לגדול". ווער האט זיך דאס געקאנט אונטער שטעלען מסרב צו זיין, נישט צו פאלגען אזא גדול בישראל ווי רבי עקיבא איגר זצ"ל איז געוועז. בין איך אין צוויי שעה ארום געקומען צום פויזנער רב, און דער קעמפנער רב איז אויך געקומען.

ראשית האט מען נאכגעקלערט על פי דין תורה, צו קאן באמת דער געשטארבענער נייטען דעם לעבענדיגען, ער זאל מיט עם האבען דוקא אין הימעל א דין תורה, מיר האבען ארויסגעזאגט א פסק אז דער תובע דארף האבען די דין תורה פאר דעם בית דין ווי דער נתבע וואהנט, אלזא האט מען אויפגעשריבען דעם פסק אויף פאפיר, מען האט גענומען א קורץ שטעקעלע און איינגעשפאלטען אין איין זייט, דעם פסק האט מען אריין געזעצט אין שפאלט פון שטעקעלע, און מען האט דאס ארויסגעשיקט מיט'ן שמש, ער זאל איבער לייענען דעם פסק אויפ'ן פרישען קבר פון דעם ארימאן, דער נאך זאל ער דאס שטעקעלע מיט'ן פסק אריינשטעקען אין דעם פרישען קבר ארײן פון דעם ארימאן, אויך איז געשטאנען צו געשריבען צום פסק, אז באם דער מת וויל האבען א דין תורה מיט דעם לעבענדיגען, האט ער צייט מארגען פונקט זייגער צוועלף ארײן צו קומען צום רב האבען די דין תורה, ווייטער טאר ער זיך אליין נישט מאכען קיין שום פסק.

צומארגענס זייגער עלף האבען מיר זיך קובע געוועזן לדין אין א בעזונדערע שטיב אריין, מען האט באלד געשיקט נאך דעם גביר, ער איז געקומען נאך פאר זייגער צוועלף, און מיר אלע זענען געזעסען און געווארט אויף זייגער צוועלף, אז דער מת זאל אויך קומען צו דער דין תורה, אז עס איז געקומען פונקט זייגער צוועלף, איז דער גביר אראבגעפאלען פון די שטיהל און האט

געהלש'ט

געחלש'ט. מיר האָבען עס דערמינטערט, האָט ער אונז געזאָגט, אַז איבער דעם האָט ער געחלש'ט, ווייל ער האָט דערזעהן דעם טויטען אָרימאַן אַריינקומען, האָט ווייטער דער גריידיצער רב דערצעהלט: איך און דעסגלייכען דער קעמפנער רב האָבען מיר ביידע נישט געזעהן דעם טויטען, נאָך זיין קול האָבען מיר יאָ גיהערט, דער גביר האָט עס געזעהן און גיהערט, אָבער צו דער פויזנער רב האָט אויך דעם מת געזעהן צו נישט, דאָס ווייס איך נישט.

דער פויזנער רב האָט אָנגערופען דעם טויטען ביים נאָמען און האָט עס געפרעגט: „וואָס פאַר אַ טענות האָסטו צו דעם יוד"? דער מת האָט דערצעהלט די גאַנצע מעשה, ווי אַזוי ער איז געשטאָרבען פאַר הינגער דורך דעם גביר, און ער האָט געטענה'ט אַז דער גביר הייסט זיין רוצח במזיד, דער גביר ווייטער האָט מעהר געוויינט ווי גע'טענה'ט. ער האָט מודה גיוועזן אַז ס'איז טאַקי אַלץ אמת נאָר דאָס האָט ער אָפגעלייקענט דעם טויטענס רייד, אַז ער הייסט נישט קיין רוצח במזיד, וואָרען ווען דאָס גאָהר געדאַרפט איינפאַלען, אַז דער אָרימאַן האָט זיך געמאַכט אַזאַ מנהג, ער זאָל נישט פון קיינעם בעהטען קיין צדקה, נאָר ער זאָל נאָר לעבען פון דעם וואָס מענשען וועלען עס אַליין געבען.

מיר האָבען מעיין גיוועזן על פי דין תורה און מען האָט אַרויסגיגעבען אַ פסק, אַז דער גביר הייסט אַפילו קיין עכטער רוצח בשוגג אויך נישט, און אַזוי ווי אַ עכטער רוצח בשוגג ווערט בעשטראָפט מיט גלות, איז פאַר עס געוג מען זאָל עס בעשטראָפען מיט גלות אויף אַ גאַנץ יאָהר, און אויסער דעם דאַרף ער תשובה צו טהון, צו ליידען גרויסע סיגופים, וועלכע זאָלען זיין מדה כנגד מדה פאַר די שלעכטע מדות זיינע פון אַכזריות, וואָס ער האָט זיך נישט געוואָלט קיינמאָל מרחם זיין אויף אַן אָרימאַן, נישט עס צו געבין קיין עסען און נישט קיין גילעגער, אַלזאָ האָבען מיר עס מסדר גיוועזן אַזאַ תשובה, ער זאָל זיך פאַרשטעלען פאַר אַן אָרימאַן אַ מדינה־גייער אויף אַ גאַנץ יאָהר, אַזוי אַז מען זאָל עס בשום אופן נישט דערקאָנען דאָס גאַנצע יאָהר זאָל ער נישט שלאָפען אין אַ בעט, נאָר אויף די ערד, און נאָר אין פויזען, אָבער אין אַ בית המדרש, אָבער אין הקדש, זאָל ער זיך אַזוי אַרומוואַלגערען און פויזען אַ גאַנץ יאָהר, אָבוואַשען זיך אין אַ מקוה צו ערגעץ אַנדערש טאָהר ער אויך נישט אַ גאַנץ יאָהר, און וועגען עסען ווייטער, זאָל ער ליידען נויט און דחקות אַזוי ווי דער אָרימאַן וואָס איז געשטאָרבען פאַר הינגער האָט געליטען, און אַ גאַנץ יאָהר טאָהר ער נישט פערזיכ'ן קיין שום עסען ביי קיינעם, נאָר וואָס ער וועט קענען פועל'ען צו בעקומען עפּעס עסען פון זיין אייגען הויז, אָבער נאָר באופן אַז זיינע הויז־מענשען זאָלען עס רעכענען פאַר אַ פרעמדין אָרימאַן אַ מדינה גייער, און דאָס בעהטלען עפּעס עסען אין זיין אייגען הויז איז עס נאָר ער ויבט איין מאהל אין מעת לעת, מעהר נישט, די רעשט צייט זאָל ער פאַרברענגען אָבער אין אַ בית המדרש, אָבער אין הקדש, מיט לערנען אָדער תהלים זאָגען. און מיט דעם וואָס ער וועט אַזוי פאַרברענגען אַ גאַנץ יאָהר, וועט עס פאַרגעבען ווערען די זינד, און ער וועט מעגען נאָכ'ן יאָהר צוריק אַ ריינקומען אין זיין שטוב

אַ־ין

אַריין און ווערען צוריק דער בעל הבית כמקדם, אָבער פיהערען זאָל ער זיך שוין נישט חס ושלום כמקדם, נאָר אַדרבא ער זאָל דערנאָך ווערען אַ גרויסער בעל צדקה און אַ מכנים אורח.

אַצונד ווייטער וועגען דעם טויטען אָרימאַן, איז אַזוי געוועזען דער פסק. אַז דאָס וואָס מען לאָזט איהם נישט אַריין אויף זיין הויך אָרט אין גן עדן העליון, צוליעב דעם ווייל ער איז געקומען אויף יענער וועלט מיט צעהן יאָהר דעפֿויר פֿאַר די צייט, איז דער פסק. אַז דאָס זאָל נישט געדויערען לענגער ווי אַ יאָהר, וואָרען אויב דער גביר וועט מקיים זיין דעם סדר התשובה, וואָס דאָס בית דין האָט איהם אַרויס געגעבען אויף אַ יאָהר צייט, וועט שוין דאָס אויך פֿערראָכטען ווערען אַז מען וועט שוין דעם געשטאָרבענעם אָרימאַן אַריינלאָזען אויף זיין הויך אָרט אין גן עדן העליון, נאָר באם דער מת וועט זעהן אַז דער גביר איז נישט מקיים דעם סדר התשובה, דאַמאָלס וועט ער שוין יאָ האָבען רשות, ער זאָל איהם באַלד אַרויף נעמען אין הימעל אַריין, צו האָבען דאָרט מיט איהם אַ דין תורה.

איהר זענט אַוודאי נייגעריג צו וויסען, צו דער גביר האָט מקיים געוועזען דעם סדר התשובה, און ווי אַזוי ער האָט דאָס געמאַכט, און וואָס זיין סוף איז געוועזען, וועל איך ענק ווייטער אַלץ דערצעהלען, למען ידעו, מענשען זאָלען וויסען, אַז כל זמן דער מענש לעבט. קאָן ער מיט תשובה אַלץ פֿאַרריכטען.

דער גביר האָט זיך געשאַפֿט בסוד אַלטע צעריסענע מלבושים, אַזוי ווי די אָרימע מדינה=גייערס געהן געקליידעט, דאָס אַלץ האָט ער זיך איינגעפּאַקט אין זיין סוחרישען רייזע=קעסטעל, וועלכעס איז געוועזען איבערגעצויגען מיט גוטע לעדער און אויך מיט אַ גוטע צעראַטע, אַז ער האָט שוין געהאַט אַלע כלי גולה, וואָס אַן אָרימער מדינה=גייער דאַרף האָבען, האָט ער געזאָגט אין שטיב, אַז ער האָט בעקומען אַ בריף צו מאַכען אַ גרויס געשעפֿט, און ער מוז דעריבער אַוועק פֿאָהרען אויף צוויי וואָכען, ער האָט געהייסען איינשפּאַנען די קאָטשע זיינע און איז אַוועק געפֿאָהרען, דריי מייל אונטער פּויזנען איז געשטאַנען אַ קרעטשמע מיט אַגאַסט=הויז, דער גביר איז אָנגעקומען פֿאַר די קרעטשמע איז שוין געוועזען נאַכט, האָט ער געהייסען אַריינפֿאָהרען צו נעכטיגען אין דעם גאַסט=הויז, דער גביר האָט זיך אָנגענומען אַ בעזונדער שטיבעל צום שלאָפֿען, ביינאַכט איז דער גביר אַרויסגעגאַנגען שטילערהייט פֿון דעם שטיבעל מיט'ן רייזע=קעסטעל, די טהיר פֿון שטיבעל האָט ער פֿערשלאָסען און מיט גענומען דעם שליסעל, דאָרט איז געוועזען נאָהנט צו די קרעטשמע אַ וואַלד, איז ער אַריין אין וואַלד, האָט זיך דאָרט אויסגעטהון די גבירישע מלבושים און האָט זיי פֿערפּאַקט אין דעם רייזע=קעסטעל, די צוריסענע אָרימע מלבושים האָט ער זיך אָנגעטהון און געמאַכט זיך אַזוי ווי אַ הויקער אויף די פּלייצעס, די באָרד האָט ער אַביסעל פֿערוויקעלט מיט עפּעס אַ קלעבעכץ, איז זי געוואָרען קערצער און קאָלטעניוואַטע, בקיצור ס'איז איהם נישט געוועזען שוין בשום אופֿן צו דערקענען, וואָרען אויסער דעם אַלעם האָט ער זיך געמאַכט דאָס פנים מיט די הענד שוואַרץ, פֿערברידעט, אַזוי ווי איינער וואָס געהט אויף די מדינה שוין אַ לאַנגע צייט, דאָס רייזע=קעסטעל מיט די שעהנע מלבושים האָט ער באַגראָבען דאָרט

אין

אין וואלד אונטער א בוים, וואס ער האט זיך געמאכט אין דעם בוים א גוטען סימן, נאך דעם האט ער זיך איינגעפאקט און אן אלטען צוריסענעם זאק אן אלט צוריסען טלית'ל, מיט קליינע תפילין, מיט א צוריסען גראב סידור'ל, מיט אן אלט שטיקעל ברויט, א שטעקען פון וואלד האט ער זיך אויך מיט גענומען און האט זיך געלאזט געהן צוריק קיין פויזען, ווען ער איז אריינגעקומען קיין פויזען איז שוין גיוועןן ליכטיג, ער איז אריינגעגאנגען אין הקדש, האט זיך אונטער=געלעגט דאס זעקעל צו קאפינס און האט זיך אויסגעצויגען אויף די גאלע ערד אביסעל צו שלאפען.

דארט אין קרעטשמע, ס'איז טאג געווארען, האט דער שמייסער צוגעגרייט די קאטש מיט די פערד ווייטער צו פאהרען, אבער ער זעהט עפעס נישט דעם בעל הבית ארויסקומען פון זיין שטיבעל, האט ער גירעכענט אז עס גליסט איהם אביסעל לענגער צו שלאפען, לאז ער שלאפען, אז ס'איז אבער פערביי געגאנגען נאך א שעה, און מען זעהט נישט דעם בעל הבית ארויסקומען, איז דער שמיי=סער צו געגאנגען צו דער טהיר און האט אנגעקלאפט, דער נאך האט ער ווײ=טער ביים פענסטער אנגעקלאפט, בקיצור מען האט אויפגעריסען די טהיר, האט מען גיזעהן אז דער גביר איז פערשווינדען געווארען, שריי הין, שריי הער, מען זיכט דא, מען זיכט דארט, ואיננו, דער גביר איז נישט דא, האט זיך אויפגעהויבען דער שמייסער און איז צוריק אריינגעפארען קיין פויזען מיט די לעהדיגע קאטש.

ביים גביר אין שטיב אז זיי האבען דער הערט די פינסטערע בשורה, איז געווארען א גרויסע ילדה אין שטיב. אלע האבען געוויינט און געקלאגט, די ווייב שרייט: אבראך איז צו מיר! ווי איז מיין טייערער מאן, די קינדער שרייען: געוואלד! ווי איז אהינגעקומען אונזער טייערער פאטער! אין גאנץ פויזען איז געווארען א גרויסער רעש פון די מעשה, די פאליציי האט זיך אויך שטארק פעראינטערסירט מיט דעם עסק, מען האט דעפעשירט אויף אלע גרענעצען, מען האט געזיכט אין גאנצען געגענד, אבער אַרץ אהן ערפאלג, אלע האבען געזאגט, אז נישט אנדערש נאר גנבים רויבער האבען איהם ביי נאכט ארויסגעכאפט, זיי האבען ביי איהם צוגענומען מי יודע ווי פיעל געלד ער האט געהאט ביי זיך, דער נאך האבען זיי איהם דער'הרג'ט און ערגעץ בעגראבען. די זוהן האבען געקלערט קדיש צו זאגען, זענען זיי זיך געגאנגען פרעגען דעם פויזנער רב. האט ער זיי נישט געהייסען קדיש זאגען, נאר ער האט זיי געזאגט. אז איהם שיינט גיכער, אז ער לעבט נאך ערגעץ, און אז ער וועט נאך אמאהל אהיים קומען, די קינדער האבען גערעכענט אז דער רב רעדט זיי גלאט אביסעל אויס, צו שטארקען אביסעל זייער הארץ, אבער דער טרייסט איז זיי גאר ניט אריין אין די אויערען, און די ליסטיגע און פרעהליכע שטיבען פון דעם גביר זענען איבערגעדרעהט געווארען אויף קלוג און טרויער שטיבען, פיעל מענשען האבען נאך א הנאה געהאט און האבען זיך אויסגעלאכט, ווען זיי האבען דער=הערט פון דעם אומגליק, זיי האבען געזאגט: „הלואי זאל אלע אזעלכע גבירים, וואס ווילען נישט קיין צדקה געבען, אזוי אויסגעהן, ער האט קיינמאהל נישט געוואלט

גוואלט מהנה זיין קיין ארימאן, ער האט גירעכענט אודאי דאס געלד זיך מיט צו נעמען אין קבר אריין. אצינד פוילט ער דארט ערגעץ אין א גריב, אפילו צו קבר ישראל נישט געקומען, און גנבים רויבער פרייען זיך מיט זיין געלד".

דער בעל תשובה איז אביסעל געשלאפען אין הקדש אויף די בלויסע ערד, דער נאך האט ער זיך אויפגעהויבען און איז געגאנגען אין א בית המדרש אריין מיט'ן זעקעל, האט זיך אנידערגעזעצט ביי די טהיר און האט געדאווענט, תהלים געזאגט, די ערשטע צוויי טעג האט ער אנגעלעבט מיט דעם האלבען פערארטען ברייטעל, מיט א שטיקעל צובולקעלע, וואס ער האט נאך געהאט אין זעקעל יפון זיין הויז, אבער אויפ'ן דריטען טאג, אז דער הונגער האט שוין אנגיהויבען איהם גוט צו פייניגען, האט ער שוין געמוזט אנהויבען געהן בעהטלען א שטיקעל ברויט פון זיין אייגען הויז, ער האט גאנץ גוט געוויסט, אז דאס וועט איהם נישט אזוי לייכט אנקומען, ארויס צו בעקומען פון זיין הויז א שטיקעל ברויט, ס'איז אבער פערפאלען מען מיז געהן, שטארבען פאר הונגער איז דאך אויך קיין פלאן נישט.

מיט'ן הויקער אויף די פלייצעס, מיט'ן זעקעל אויפ'ן הויקער, מיט'ן שטעקען אין דער האנד, אבגעריסען און אב געשליסען האלב בורוועס, האט זיך דער בעל תשובה אנגעהויבען צו דער נעהנטערען צו זיין שעהנע און גרויסע מויער, מיט זיין שעהנעם גארטען, וואס ער האט געהאט אין עק שטאדט, אזוי ווי ער איז נאר אריינגעקומען אין הויף אריין, האט ער געהאט דעם ערשטען ברוך הבא פון זיין אייגענע צוויי הינד, וואס זענען איהם בעפאלען נאר צו צורייסען, ער האט זיך פון זיי קוים אבגעיאגט מיט'ן שטעקען, דער־ביי האט ער געמאכט א געוואלד, און האט זיך קוים צו געחאפט צו דער טהיר פון שטיב, אבער אויף זיינע געשרייען איז ארויסגעקומען א משרת און זיין אייגען קינד, און האבען אנגעהויבען אויף איהם צו שרייען, וואס ער טהוט דא, וועלכע שווארץ יאהר האבען דעם שלעפער וויטער דא אהער פערטראגען, ער האט זיך אנגע־הויבען ביי זיי צו בעהטען מיט א פארענדערט קול, אז ער פערלאנגט גאר נישט, נאר עפעס עסען, חאדזש פון דעם וואס בלייבט איבער, און מען גיסט עס סיי ווי ארויס אין מיסט אריין.

זיי זענען אויף איהם ארויס מיט זידלעריי און מיט קללות, וואס פאר א העזה ער האט געהאט, אזא געמיינער שלעפער, דא אריינצוקומען בעהטלען, צו ווייכט ער דען נישט אז דא גיבט מען נישט?! נישט גענוג וואס מען וויינט און קלוגט אין שטיב אויף אונזערע צרות, האט נאך דער געמיינער שלעפער א העזה פונקט היינט צו שטעהרען אונזער רוה, זיי האבען איהם אנגעהויבען צו שטראשען, אז אויב ער וועט זיך נישט באלד אפטראגען, וועלען זיי אויף איהם אנרייצען די הינד וועלכע וועלען איהם צו רייסען און צו בייסען, דא איז דער בעל תשובה צוריק אויף זיי ארויס מיט אן אומגעלימפערט קול: „שקצים! כלבים! ס'איז נאך ווייניג פאר ענק די שטראף וואס ענקער בעל הבית איז פער־שווינדען געווארען, ווייל ער האט נישט אריינגעלאזט קיין ארימאן, אצינד זענט

עֶטץ נאָך אַלץ ווײַטער די אײגענע רשעים, און עטץ סטראַשעט נאָך מיך מיט הינד אָנרייצען אויף מיר, זאָלען מיך צוריַיסען, גאָט וועט אײַך אלע דערפֿויר צורײַסען אײדער די הינד וועלען מיך צוריַיסען. איך זאָג נאָך אַמאָהל, עטץ זאָלט מיר באַלד אַרויס־געבען ברויט, אַז נישט, וועל איך ענק מיט דעם שטעקען די שויבען אויסהאַקען״!

דער בעל תשובה האָט אַזוי הויך געשריגען מיט אַן אומגעהאַרעש און אומ־געלימפּערט קול, אַזוי ווי אַ משוגענער, ביז די בעל הבית׳טע זיַין ווײַב, מיט די רעשט קינדער, זענען אויך געקומען אַרויסצולויפֿען. דאָ איז הערשט געוואָרען דאָס געשרײַ מיט׳ן געוואַלד נאָך גרעסער. זײ האָבען אַלע געוואָלט דעם אָרימאַן צוריַיסען און האָבען אָנגעהויבען איהם אַרויסצוטרײַבען. האָט דער בעל תשובה געחאַפּט אַ שטײן און האָט איהם אַוואָרף געטהון אין פֿענסטער אַרײַן, איז אויס־געהאַקט געוואָרען אַ שויב. זײַנע אײגענע קינדער זענען איהם בעפֿאַלען מיט שטעקענעס און האָבען איהם געקלאַפּט, אַממײנסטענס אין הויקער אַרײַן, אויף וואָס ער האָט געמאַכט גרויסע געשרײַען. ווען זײ האָבען גיזעהען, אַז ס׳איז איהם נישט אַזוי גרינג פּטור צו ווערען. האָט די בעל הבית׳טע דאָס ווײַב זײַנס גע־זאָגט, אַז נישט אַנדערש נאָר דאָס מוז זײַן עפּעס אַ משוגענער. האָט זי גיגעבען אַ באַפֿעהל, אַז דאָס אַלטע פֿערדאַרטע האַלב ברויט, וואָס ליגט אָנגעגרייט פֿאַר די קאָזעס, זאָל מען דאָס פֿריבען דעם משוגענעם צו געבען, אפשר וועט מען איהם מיט דעם פּטור ווערען. אַז מען האָט איהם דאָס דערלאַנגט, האָט ער אָנגע־הויבען צו שרײַען, מען זאָל איהם צו געבען צוויי גרויסע ציבעלעס מיט אַ גאַרשטץ זאַלץ, ער האָט שוין דאָס אויך בײַ זײ גיפּועל׳ט. און אײדער ער איז אַוועקגעגאַנגען האָט ער צו זײ געזאָגט: „גידענקטץ גוט! אַז איך וועל דאָ נאָך אַכאָהל קומען נאָך ברויט, זאָלט עטץ מיר געבען, אײדער איך זאָל זײַן גענייט אויס צו האַקען די שויבען״. ער האָט זיך קוים אַרויסגעריקט פֿון הויף, אָביאָגענדיג זיך מיט׳ן שטעקען פֿון די הינד, און איז געקראָכען צוריק אין שטאָדט אַרײַן. דאָרט איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין הקדש אַרײַן, האָט זיך דאָס ברויט אַביסעל צו־ווייגט אין קאַלט וואַסער, און האָט געפּראַוועט אַ סעודה.

פֿון דעם אַלטען, פֿערדאַרטען האַלב ברויט מיט די צוויי ציבעלעס האָט זיך דער בעל תשובה דערנערט צוויי טאָג. אַזוי ווי ער האָט נאָר אָבגיגעסען האָט ער זיך געזעצט לערנען אָדער תהלים זאָגען. אַמאָהל אין הקדש און אַמאָהל אין אַ בית המדרש. און אַזוי ווי פֿויזען איז אַ גרויסע אַרעסטאָקראַטישע שטאָדט, האָט קײנער איהם נישט נאָכגעקוקט. אַז ער האָט קײנעם נישט גירעדט גאָר נישט, האָט קײנער איהם קײן שום זאַך נישט גיגעבען, נאָר מען האָט איהם געריפֿען דאָס פֿרומע הײקערעל. אויפֿ׳ן דריטען טאָג ווען ס׳האָט איהם שוין אָנגעהויבען שטאַרק צו הינגערען, האָט ער ווײַטער געמוזט זיך לאָזען געהן אין זײַן היים אַרײַן, שאַפֿען זיך עפּעס צו עסען. ווען ער איז געקומען אין הויף אַרײַן איז ווידער פֿוירגעקומען די זעלבע סצענע, אַזוי ווי דאָס ערשטע מאָהל. פֿריהער זענען איהם די הינד בעפֿאַלען, דער נאָך ווײַטער די שטיב מענשען מיט זײַן אײגען ווײַב און קינדער. מען האָט איהם נישט געזשאַלעוועט קײן שטעקענעס אין הויקער אַרײַן מיט גענוג און גענאָך קללות מיט זידלערײַ. אײנער פֿון זײַנע אײגענע בנים האָט איהם מכבד

גיוועז

גיוועז מיט אַ שטיינדעל גלייך אין די נאָז אַריין און האָט איהם צובליט. דאָ האָט שוין דער בעל תשובה געהאַט זיך אין וואָס אָנצוחאַפּען. ער האָט זיך אויס־געשמירט מיט׳ן בלוט דאָס גאַנצע פּנים און האָט אָנגעהויבען צו שרייען געוואַלד, אַז מען האָט איהם מיט אַ מעסער געשטאָכען. דאַן איז ווידער די בעל הבית׳טע דאָס ווייב זיינס געקומען אַרוים־צו־לויפען. דערזעהנדיג דאָס פֿערבליטעגטע פּנים פֿון דעם אָרימאַן האָט זי זיך פֿערבראָכען די הענד און האָט אָנגעהויבען צו שרייען: „אַ בראָך איז צו מיר! כ׳האָב נאָך וועהניג די צרות וואָס מיין מאַן איז פֿערלוירען געוואָרען, האָט מען נאָך מיר אונטערגעריקט עפּעס ווייטער אַ משוגענעם שלעפּער פֿון אַלדע שוואַרץ יאָהר. מען וועט דאָך נאָך האָבען אַ פּראָצעס דורך דעם בלוט פֿערגיסען, דערבאַרעמץ ענק! וואַשטץ איהם אָב דאָס בלוט פֿון פּנים, לאָז מען איהם עפּעס געבען צו פֿערש■פען דעם פּיסק, און לאָז ער געהן זיין וועגס צו אַלדע שוואַרץ יאָהר״.

די חברה לייט האָבען אָנגעהויבען איהם משתיק צו זיין, ער זאָל אויפהערען צו געוואַלדיוועז, און האָבען אָנגעהויבען צו פֿיהרען מיט איהם אינטערהאַנדלונגען מיט וואָס זיי זאָלען איהם מפייס זיין. ער איז שוין אצונד נישט בעשטאַנען אויף אַ האַלב פֿערדאַרט ברויט מיט צוויי ציבעלעס. בקיצור זיי זענען אַזוי אדורך גע־קומען. ער האָט בעקומען צוויי אַלטע האַלבע ברויטען מיט עטליכע שטיקער פֿער־דאַרטע בילקעס און חלות פֿון שבת, פֿיער ציבעלעס, אפשר צעהן קאַרטאָפּלעס מיט אַ שפּאָהר ביסעל זאַלץ. זיי האָבען איהם געוואָלט אָנוואַשען דאָס בלוט האָט ער זיך נישט געלאָזט איז צו איהם צוגעלאָפען איינער פֿון זיינע בנים און האָט געזאָגט: „איך וועל איהם אַזוי אויך קאָנען אָב ווישען דאָס בלוט מיט די בלויזע הענד אָהן וואַסער״. דערווייל האָט זיך דער תכשיט איינגעריסט די הענד מיט סאַדזעס, און אָבווישנדיג דאָס בלוט האָט ער איהם גאַנץ גוט איינגעריסט, און ס׳איז געוואָרען אַ גרויס געלעכטער. ביים אַוועקגעהן האָט ווייטער דער בעל תשובה צו זיי געזאָגט: „מיינט נישט אַז איך געזעגען מיך שוין מיט אייך, אין עטליכע טעג אַרום וועל איך דאָ ווייטער זיין צו גאַסט ביי אייך. נאָר גידענקטץ עטץ זאָלט מיך שוין נישט אַזוי שלעכט בעהאַנדלען, וואָרען איך וועל ענק אַלע שויבען אויסהאַקען. און שטאָדט זאָגט מען מיר, אַז איך וועל דאָ ביי ענק בעקומען עסען און טרינקען, אַזוי ווי אַלע אָרימעלייט, צום סוף בעהאַנדעלט עטץ מיך אַזוי שלעכט. אדרבא זאָגטס מיר, מיט וואָס בין איך ערגער ווי אַנדערע אָרימעלייט״? נאָך דעם האָט ער זיך אָנגעהויבען אַרוים צו ריקען פּאַמעליך פֿון הויף נעבען אַ וואַנט, אָביאָגענדיג זיך מיט׳ן שטעקען פֿון די הינד און איז מיט אַ פֿרייליך האַרץ אַוועקגעגאַנגען.

די בעל הבית׳טע דאָס ווייב זיינס מיט די רעשט בני בית האָבען פֿער־שטאַנען, אַז נישט אַנדערש נאָר „חברה־לייט״ פֿון שטאָדט שיקען איהם אַרוים צו זיי, כדי נאָך צו צושמעלצען זיי צו זעהרע צרות. וואָרען די נקמה וואָס זיי האָבען דערלעבט, אַז דער קאָפּ פֿון שטוב איז אַוועקגעקומען, דאָס איז פֿאַר זיי וועניג. אַלזאָ איז ביי זיי געבליבען, אַז די אַלטע שטיקער ברויט, חלה, זעמעל, זאָלען זיי שוין נישט אַוועקגעבען די בהמות, נאָר זאָלען דאָס בעהאַלטען פֿאַר דעם

משוגענעם

משוגענעם אַרימאַן. אַזוי נאָך וועט אפשר איהם אַליין פערמיאוסט ווערען אַרויס צו קומען אַזוי עפּטער. דער בעל תשובה וויטער איז מיט דעם פּעקעל געלאָפען אין הקדש אַריין, די קאַרטאָפּליס האָט ער זיך אָנגעקאָכט אין די שאָהלען און האָט געהאַט פון זיי צוויי מאָהלצייטען. און וויטער מיט די רעשט עסענוואַרג האָט ער זיך דערנערט אַ גאַנצע וואָך.

אויף די דריטע וואָך איז שוין ביי דעם בעל תשובה אויסגעגאַנגען דאָס גאַנצע עסען. ער האָט זיך געמוזט וויטער לאָזען אין גיהנם אַריין צו זיין אייגענע היים, בעטען עפּעס עסען. דאָרט אין זיין היים איז שוין דער טרויער געוועזען אַביסעל קלענער, ווי דער שטייגער איז ביי די וועלט, אַז צו אַלע צרות ווערט מען צו געוואָהנט. אַז דער בעל תשובה איז אַריינגעקומען אין הויף אַריין, זענען אויף איהם בעפאַלען די הינד ווי שטענדיג, די שטוב מענשען זענען אַרויסגעלאָפען. אָבער זיי זענען שוין איהם נישט בעפאַלען מיט זידלערייַ און מיט שלעגערייַ, נאָר זיי האָבען זיך גאָר אָנגעהויבען צו מאַכען פון איהם אַ טעאַטער־שפּיעל, איינער האָט איהם אַ ציפּ געטהון ביים היטעל, איינער האָט איהם געגעבען אַ שנעל אין די נאָז אַריין, איינער האָט איהם אַביסעל איינגעריסט. דערביי האָבען זיי איהם אַלץ צוגעזאָגט, אַז ער וועט באַלד בעקומען זיין פּאָרציע עסען, נאָר אַזוי ווי זיי זענען שטענדיג טרויעריג שוין די דריטע וואָך, ווילען זיי זיך מיט איהם אַביסעל משמח זיין, דורכ'ן ליצנות מאַכען. אַז דער בעל תשובה האָט געזעהן, אַז דאָס איז אַ גוט מיטעל זיי לוסטיג צו מאַכען, און דאַדורך וועט ער געכער בעקומען פון זיי עפּעס עסענוואַרג, האָט ער זיך אויסגעריפען צו זיי: „ווייסט עטץ וואָס איך וועל ענק זאָגען? זינגטץ עמיצער פון אייך אַ קאָזאָקעל, וועט עטץ זעהן ווי שעהן איך קאָן טאַנצען". די חברה לייט האָבען שוין מעהר נישט געדאַרפט. איינער האָט גע־זינגען, און דער בעל תשובה האָט זיך געמוזט צו נאַר מאַכען אויפ'ן גרעסטען אופן, און האָט פאַר זיי געטאַנצט. אַזוי נאָך האָט ער שוין בעקומען די פּאָרציע, אַביסעל פערדאַרט ברויט, שטיקלעך זעמעל, חלה אַלטע, עטליכע ציבעלעס מיט אַביסעל רויע קאַרטאָפעל, מיט אַביסעל זאַלץ. דער בעל תשובה האָט מיט זיין טאַנצען אַזוי נושא חן געווען ביי זיי, אַז זיי האָבען מיט איהם אָב־געמאַכט, ער זאָל צו זיי אַרויסקומען צוויי מאָהל אין דער וואָך: שבת און דינס־טאָג. שבת פלעגט ער אַרויס צו קומען נאָכ'ן עסען, האָבען זיי איהם אַוועק גיגע־בען, וואָס ס'איז געבליבען פון עסענוואַרג, און עפּעס אין זעקעל אַריין אויך. דאָס זעלבע איז געווען דינסטאָג אויך. און זיי זענען שוין צו דעם משוגענעם אַרימאַן אַזוי צו געוואָהנט געוואָרען, אַז זיי האָבען שוין געפלעגט אויסקוקען זיין אָנקומען, און אפילו די הינד האָבען אויך מיט איהם גוט פריינדשאַפט געשלאָסען, און זיי זענען שוין מיט איהם היימיש געוואָרען.

אַט אַזוי האָט דער בעל תשובה אָנגעפיהרט אַ גאַנץ יאָהר. און האָט מקיים געווען דעם סדר התשובה פונקטליך. אַז ס'איז געקומען צום יאָהר, וואָס זיין סדר התשובה האָט זיך שוין געזאָלט אויסלאָזען, איז ער אַוועק ביינאַכט אין דעם וואַלד אַריין, ווי ער האָט זיך דאָרט געהאַט בעהאַלטען זיין רייזע־קעסטעל מיט די גוטע מלבושים. לויט דעם סימן, וואָס ער האָט זיך געהאַט געמאַכט אין דעם בוים,

האט ער דעם בוים באלד דערקאנט. ער האט אויסגעקאפעט דאס רייזע-קעסטעל, האט זיך איבערגעטהון שעהן קלאהר. די פערפוילטע און צוריסענע מלבושים מיט דעם הויקער האט ער איינגעפאקט אין דעם רייזע-קעסטעל, און איז אוועק אין א שטאדט אריין נישט ווייט פון פויזען. דארט איז ער אריין אין אן אכסניא, ער זאל זיך אביסעל אויסריהען און האט באלד געשיקט א בריעף קיין פויזען צו זיין בני בית, מען זאל איהם אקעגען שיקען ביז צו יענער קרעטשמע זיין קאטש מיט די פערד, ער זאל קאנען באלד אהיים פאהרען. אין דעם זעלבען בריעף האט ער זיך בקיצור פערענטפערט, אז ער האט ביז אהער נישט געקאנט אהיים קומען, בעוויל ער איז אויפ'ן וועג צורידערט געווארען, און איז דאמאלס פון די קרעטשמע אוועק געגאנגען, ער האט אליין נישט געוואוסט ווי אהין ער געהט. אזוי איז ער געגאנגען פון שטאדט צו שטאדט, ביז מען האט אין איהם דערקאנט אז ער איז גייסטיג נישט נארמאל, האט מען איהם אריינגעלעגט אין א שפיטאל אריין, דארט איז ער געלעגען ביז היינט, און איז אצונד פאלקאם געזונד.

נו מילא די שמחה וואס דארט האט זיך געמאכט אין זיין היים קאן יעדער זעלבסט פארשטעהן. דאס גאנצע הויז-געזינד זענען איהם אקעגען געפאהרען ביז צו יענער קרעטשמע. ער האט שוין דארט געווארט אויף זיי, און איז מיט זיי באלד גלייך אהיים געפאהרען. ס'איז געווען „ותהום כל העיר". גאנץ פויזען האט געקאכט פון די מעשה. נאך אין דעם זעלבען טאג איז ער געווען ביים פויזנער רב **רבי עקיבא איגר** זצ"ל, און האט איהם דערצעהלט פון אל"ף ביז תי"ו, ווי אזוי ער האט אבגעלעבט דאס גאנצע יאהר. דער רב האט אויף איהם געזאגט דעם פסוק „וסר עוניך וחטאתך תכופר" דאס הייסט אז דיינע זינד זענען שוין פארגעבען געווארען נאר באופן אז פון היינט אהן זאלסטו זעהן צו פיהרען זיך גאנץ אנדערש עס זאל זיין „ביתך פתוח לרוחה". אז אן ארימאן וועט אריינגעהן היינגעריג זאל ער ארויסגעהן זאט.

דער בעל תשובה האט מקיים געווען אזוי ווי דער רב האט איהם געהייסען, און ער האט ארויסגעלאזט א קול, אז פון היינט אהן וועט ער מקרב זיין ארימע-לייט, און וועט זיי געבען פון אלעם גוטען.

דער גביר וואס איז געווען א בעל תשובה, האט אבער געוואלט זיינע מענשען זאלען וויסען דעם אמת, וואס מיט איהם האט זיך אבגעטהון דאס יאהר. האט ער געמאכט אויף דעם דריטען טאג ביינאכט א גרויסע סעודה, און האט גיבעטען קרובים און אזוי גלאט גוטע פריינד זאלען קומען אויף דער סעודה. אין מיטען דער סעודה האט דער גביר געפרעגט זיין בני בית: „זאגטץ מיר חאדוש, ווי אזוי האט עטץ געקאנט אויסהאלטען אגאנץ יאהר, אז עטץ האט נישט געוואוסט ווי איך בין אהין געקומען. עטץ זענט אודאי ארומגעגאנגען טעג און נאכט פערוויינט און פערזארגט, זאגטץ מיר חאדוש, מיט וואס האט עטץ ענק אמאהל אביסעל פערווײַלט, כדי צו פערגעסען א ווײַלע פון די גרויסע צרה".

„אוי! גאטירליך טייערער פאטער"! האבען זיך די קינדער אנגערופען. „מיר האבען טאקי די גאנצע צייט נישט געוואוסט צו מען לעבט. ס'איז קיינער פון שטאדט נישט ארויסגעקומען צו אונז, צו טרייסטען אונזערע צובראכענע הערצער

מיט

מיט אַ גוט וואָרט. נאָך איין מערכה איז געוועזן, וואָס ס'איז עפּעס אונז צוגעשיקט געוואָרען אַ משוגענער אָרימאַן, אַ לוסטיג יודעל, וואָס האָט אונז אַביסעל לוסטיג געמאַכט צווייַ מאָהל אין דער וואָך מיט זיין טאַנצען און שפּרינגען".

„טאַקי? ! נו ווי איז ער"? האָט זיך דער גביר אָנגערופען. „איך בין נייגעריג צו קענען אַזאַ יודעל, אפשר וואָלט עטץ מיר געקאָנט איהם אַהער שאַפען דאָ צו דער סעודה. אַז מען וועט איהם געבען אַ גלעזעל וויין מיט עפּעס צו עסען, וועט ער דאָך געווים מאַכען פאַר אונז אַ גרויסען טאַנץ. ער איז דאָך ווערט מען זאָל איהם מהנה זיין, פאַר דאָס וואָס ער האָט ענק פרייליך געמאַכט אין די טרויעריגע צייט". פיעל פון די געסט זענען אַרייַנגעלאָפען אין שטאָדט, דער אין הקדש, דער אין אַ בית המדרש, אויפצוזיכען דעם משוגענעם. אָבער „ואיננו". זיין געבין איז אין ערגיץ נישט דאָ.

דערווייל האָט זיך דער גביר אַרייַנגעכאַפּט אין זיין שטיבעל, און איז אַרויס דאָרך אַהינטער טהיר מיט'ן רייזע־קעסטעל, ווי ער האָט געהאַט ליגען דאָס אָרימע אנטיכ'ן, און אויף אַפּערבאַרגען אָרט האָט ער זיך געשווינט איבערגעטוהן, און דאָס פנים אַביסעל פערריסט, אַזוי אַז ער האָט שוין אויסגעזעהן פונקט ווי דעפוּיער. ער האָט זיך געמאַכט גלייך ער קומט פון גאַס, און האָט אָנגעקלאַפּט בייַם פענסטער מיט זיין אומגעהאַריש קול: „רבותי! איך האָב גיהערט אַז מען זיכט מיך טאָ קומט אַרויס און נעמט צו די הינד וועל איך צו אייך אַרייַנקומען מאַכען אַ טענצעל". מען איז אַרויסגעלאָפען און מען האָט דעם גאַסט אַרייַנגעברענגט, די שמחה איז געוואָרען גרויס, מען האָט נאָר געוואַרט דער בעל הבית זאָל אַרייַנקומען פון זיין שטיבעל, פרייהען זיך מיט דעם גאַסט. דערווייל האָט זיך דער עולם מיט איהם געפרייהט. מען האָט איהם מכבד גיוועזן מיט עטליכע גלעזעלעך וויין. ער האָט נישט געזשאַליוועט קיין טענצעל. אָבער דעם בעל הבית זעהט מען נישט. דער עולם איז אַרויס פון געדילט, מען זיכט דעם בעל הבית אין זיין שטיבעל דאָ אין דאָרט ווי נאָר אַ'נאָרט איז. אָבער „ואיננו". נישט דאָ דער בעל הבית. עס ווערט אַ געשרייַ, אַ גוואַלד, מען ברעכט זיך די הענט מען וויינט מען קלאָגט. און דער משוגענער אָרימאַן ווערט פון דעם אַלעם גאָר נישט נתפעל. ער פריבט אַלץ ווייטער און ווייטער צו מאַכען זיינע טענצלעך. דער עלצטער זוהן האָט שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטען, איז ער צו געלאָפען צום משוגענעם אָרימאַן, האָט איהם אָנגעכאַפּט בייַם קאָלנער און האָט איהם געוואָלט אַרויסוואַרפען: „געה צו אַלדע שוואַרץ יאָהר! די משוגענער טייַוועל! דו זעהסט אַז מיר אַלע וויינען, און דו לאַכסט"!

דאָ האָט אָבער דער זוהן באַלד דערהערט דאָס בעקאַנטע קול פון זיין פאַטער: „שטעה! וואַרף מיך נישט אַרויס, איך בין דאָס טאַקי דיין פאָטער"! ער האָט זיך באַלד צוריק אָב געוואַשען, די באָרד אויסגעצויגען. אָבער די מלבושים מיט'ן הויקר האָט ער נישט געוואָלט אויסטהון, ביז ער האָט אַזוי געטאַנצט מיט אַלע געסט, מיט יעדען בעזונדער אַ קאָזאָקעל. דער נאָך האָט ער זיך הערשט צוריק איבערגעטהון, און האָט דערצעהלט פאַר'ן גאַנצען עולם די גאַנצע מעשה, וואָס מיט איהם האָט זיך פּאַסירט. און אַז ווען נישט דער פויזנער רב, וואָס האָט איהם

איהם ארויסגיגעבען די תשובה אויף א יאהר צייט, וואלטען זיינע ביינער שוין געהאט א גאנץ יאהר געפוילט אין קבר. אצונד האט זיך הערשט דער עולם מיט איהם נאך שטארקער געפריידט. און פון דאמאלס אהן האט דער גביר געקוואלען אז ס'איז צו איהם אריינגעקומען אן ארימאן, און האט געטהון גרויס צדקה כל ימיו.

נאך דעם וואס דער גריידיצער רב האט אבדערצעהלט אין גאנצען די מעשה האט ער געזאגט צו דעם חסידישען שותף: „נו אצונד זעהסט דו שוין, אז כל זמן דער מענש לעבט, האט ער א האפענונג אלץ מתקן צו זיין דורך תשובה". האט דער חוטא זיך אנגערופען: „אדוני מורי ורבי! איך האב דאך שוין געזאגט און זאג ווייטער אז איך בין גערייט מקיים צו זיין דעם סדר התשובה, וואס איהר וועט מיר מסדר זיין".

דער גריידיצער רב האט ווייטער צו איהם געזאגט: „מיין ליבער יוד, פאר אייך איז וועניג א יאהר, ווארען איהר מוזט תשובה טהון פאר'ן טויטענס וועגען אויך". אלזא איז די תשובה פאר איהם אזוי ארויסגיגעבען געווארען: ער זאל אוועק פון דער היים, מען זאל נישט וויסען ווי זיין געביין איז אהין געקומען, ער זאל ליידען גלות צוזאממען מיט די ארימעלייט מדינה־גייערס, איבער די גאנצע צייט פון גלות זאל ער נישט עסען קיין פלייש און נישט קיין פרוכטען, נישט טרינקען קיין שום משקה, אויסער וואסער, נישט צו שלאפען און קיין בעט, מעהר ווי ערב פסח און ערב יום כפור זאל ער נישט אב וואשען זיין לייב אין קיין מקוה. גלאט אבוואשען זיין לייב אודאי נישט. איבער די גאנצע צייט פון גלות זאל ער נישט נעמען קיין שום מטבע געלד אין האנד אריין. ער מעג נאר בעטלען עסען אדער אן אלט מלבוש. דאס גלות זאל ער אויף זיך נעמען נישט וועניגער ווי צוויי יאהר. נאך די צוויי יאהר, אויב ער וועט האבען מקיים געוועז די תשובה ריכטיג, וועט דער אויבישטער איהם מזמין זיין א גרויסע מצוה. אדער מציל צו זיין א יוד פון טויט, אדער מציל צו זיין א יוד פון א גרויסע עבירה פון זנות. נאך דעם וועט ער שוין וויסען אז די תשובה איז אנגענומען געווארען. וועט ער מעגען אהיים קומען לוסטיג, אזוי ווי דער גביר פון פויזען האט געטהון. אבער כל זמן ס'וועט איהם נישט אונטערקומען צו טהון אזא גרויסע מצוה, זאל ער ווייטער ליידען דאס זעלבע גלות, ביז דער אויבישטער וועט זיך איבער איהם מרחם זיין און צו שיקען מקיים צו זיין אזא גרויסע מצוה.

4 טעם העפט　　　　דער　　　　4 טעם העפט

גרײדיצער

רבי אליהו גוטמאכער זצ"ל

פון פרייסען

דא איז בעשריבען די װאונדערליכע מעשה װי אזוי ס'זענען ניצול געװארען

צװיי מײדלעך פון דער שמד

װעלכע זענען געזעסען געפאנגען אין א פערמאכטען קלויסטער אין קראקא צװישען די מאנאכינעם. און דורך א גרױס מופת פון גריידיצער צדיק זענען זײ גערעטעט געװארען און צוריק אהײם געקומען.

איבערגעזעצט פון בערימהטען ספר װאס דער טארלער רבי הגאון ר' יודל ראזענבערג שליט"א פון לאדז האט ארױס געגעבען מיט'ן נאמען

הדרת אליהו

בהוצאת בית מסחר הספרים של ר' יצחק שלאמאוױץ

לאדז נאװאמיעסקא נומר 16

אשר קנה הזכות לצמיתות מאת המחבר הרה"ג ר' יודל ראזענבערג הנ"ל.

פיעטרקוב

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA, NOWOLIPKI 6.

דא איז בעשריבען פונקטליך די וואונדערליכע מעשה, וואס גאנץ פוילען און גאליציע האט דאמאלס געקלינגען דערפון, וואס צוויי יודישע מיידלעך זענען אנגירעדט געווארען צו דער שמד, און זענען גיוועזען בעהאלטען אלאנגע צייט אין א קלויסטער צווישען די מאנאכינעס, אונטער די אויפזיכט פון א קאטוילישען גלח א גרויסער מכשף. און דורך דעם כח פון גריידיצער רב איז דער כישוף פערניכטעט געווארען. די צוויי מיידלעך האבען תשובה געטהון צוריק צו קעהרען זיך צום יודישקייט, און זיי זענען צו זייערע עלטערען בשלום אהיים געקומען.

אין יאהר תרל"ה פון אלף הששי האבען געוואוינט אין פוילען נעבען די פרייסישע און עסטערייכישע גרענעצען אין א גרויס דארף צוויי יודישע פאמיליעס. איין יוד איז גיוועזען א פאכטער, ער האט זיך גאנץ שעהן מפרנס גיוועזען מיט דעם וואס ער האט געהאלטען די פאכט ביים פריץ. דער צווייטער איז גיוועזען א מילנער, ער האט ווייטער געהאלטען די וואסער-מיהל ביים פריץ, און האט אויך געהאט גאנץ שעהן פרנסה. די צוויי פאמיליעס האבען זיך געהאלטען זעהר בעפריינדעט. ביי די צוויי פאמיליעס איז גיוועזען צוויי יונגע טעכטער צו פינפצעהן יאהר. די צוויי מיידלעך האבען זיך זעהר ליעב געהאט און האבען זיך ג'חבר'ט צו זאמען, ווארען זיי האבען געוואוינט אין שכנות נישט וויים איינע פון די אנדערע.

מיר מאכען דא אויפמערקזאם דעם לעזער, אז אזוי ווי עס געפונט זיך נאך היינטיגע צייט פיעל מענשען, וואס גידענקען נאך די גאנצע מעשה, און פון די צוויי מיידלעך איז היינט דא אין פוילען גאנץ שעהנע צוויי משפחות. קאן מען דאדורך דא נישט ארויסשרייבען, נישט דעם נאמען פון דארף ווי די מעשה איז גישעהן, נישט די נעמען פון די צוויי פאמיליעס, און די נעמען פון די צוויי מיידלעך נאך גיכער נישט.

די צוויי מיידלעך האבען אבער געוואלט זיין אביסעל געבילדעט, ס'האט זיי אנגעשמעקט צו קאנען אביסעל שרייבען, אביסעל רעכענען. אין דעם דארף איז אבער קיין לעהרער נישט גיוועזען, זענען זיי געפאלען אויף אזא עצה. אזוי ווי ס'האט געוואוינט אין דעם דארף א געלערענטע קריסטען, אן אלמנה שוין אין די עלטערע יאהרען, מיט וועלכע די צוויי יודישע פאמיליעס זענען גיוועזען גוט בעקאנט און אויך גוט בעפריינדעט. בעווייל איהר מאן איז גיוועזען ביים פריץ דער גאנצער פיהרער פון הויף. איז ביי זיי געבליבען זאלען אנדינגען די צוויי מיידלעך

בײַ

ביי דער קריסטען, זי זאל זיי לערנען אביסעל שרייבען און אביסעל רעכענען. אזוי ווי די קריסטען איז געוועזען אן ארימע אלמנה איז זי צו דעם צוגעפאלען, זא ווי פוטטער צו ווארעם ברויט, און האט זיי צוגעזאגט גילדענע בערג, אז זי וועט זיי אויסשטעלען גאהר גוט, בעסער ווי א לעהרער. שרייבען, רעכענען, נייען, שטריקקען. די עלטערען האט גאר א הנאה געטהון, וואס זיי זענען געפאלען אויף אזא גוטע עצה, און דאס גישעפט איז געשלאסען געווארען.

די צוויי מיידלעך זענען אזוי געגאנגען צו דער קריסטען עטליכע חדשים און ס'איז קיין שלעכץ נישט פארגעקומען. מאכט זיך אבער א מעשה, אז די קריסטען האט געדארפט געהן צום גלח פון דארף זיך מתודה זיין, ער זאל איהרע עבירות ערגיץ אוועק שיקען, ווי זייער שטייגער איז. פרעגט זי דער גלח, פון וואס זי דערנערט זיך נאכ'ן מאנס טויט. האט זי פאר'ן גלח דערצעהלט, אז איהר לאגע איז געוועזען זעהר א געדריקטע, נאר ס'האט זיך אביסעל ביי איהר פערבעסערט, דורך דעם וואס זי האט בעקומען אין דעם זעלבען דארף פון די צוויי יודישע פאמיליעס צוויי מיידלעך, צו לערנען זיי עפעס בילדונג, האט זי פון דעם צושטאנד זעקס רובל אלע חודש. און אויסער דעם בעקומט זי מתנות פון פאכטער, אמאהל אביסעל מילך, אמאהל א קעזעל, אמאהל א עפטער. און פון מילנער בעקומט זי וויטער עפטער מעהסטלעך מעהל. טעפעלע פוטטער. הכלל אז קיין פרנסה פעהלט איהר שוין היינט נישט.

דערהערענדיג די רייד, האט דער גלח צו איהר געזאגט: „דו זינדיגע נשמה! ווי אזוי קאן איך דיר דיינע עבירות משלח זיין, אז דו האלסט ביי זיך יודישע קינדער און פארלענגסט אן ארבייט צו מאכען זיי פאר לייט. רעכען דיך נאר גוט איבער וואס דו טהוסט! פון יודישע קינדער, פון אזא פערשאלטען פאלק געהסט דו מאכען לייט! צו ווייסט דו דען נישט אז זיי האבען יעזוסען געהאנגען"? די קריסטען איז אין אנהויב נעווארען זעהר אויפגירעגט אויפ'ן גלח און זי האט איהם גיענטפערט: „ליבער פאטער! יען ראס פאלק זאל טאקי זיין אזא אומרייין פאלק, טא פאר וואס האט גאט אויסגעוועהלט פונקט א יודיש מיידיל די הייליגע מרים, זי זאל געבאהרען דעם הייליגען יעזוסא'ן? פאר וואס האט גאט נישט אויסגעוועהלט א מיידיל פון אנ'אנדערען נאציאן צו אזא הייליגע און וויכטיגע זאך? מוז דאך זיין אז זיי זענען דאס עהרעלסטע פאלק. און אויב עס געפינט זיך צווישען זיי אויך שלעכטע און פאלשע מענשען, קאן מען דאך צוליעב ענצעלע מענשען נישט בעשולדיגען דעם גאנצען יודישען נאציאן. איהר זעהט דאך, ליבער פאטער! אז די צוויי יודישע פאמיליעס דערהאלטען מיך ביים לעבען".

„אה! מיט דיר איז שוין גאר נישט גוט"! האט דער גלח זי אנגעשריגען. „דו ביזט שוין זעה איך אזוי שטארק פעריודעשט געווארען שוין באלד ווי א געבוירענע זשידאווקע! דיינע געהירען זענען שוין אין דיין קאפ פארדרעהט געווארען, אז דו ווייסט שוין גאר נישט וואס דו רעדסט! ס'איז מיר א גרויס רחמנות אויף דיין נשמה, וואס זי איז אזוי פיעל פעריודעשט געווארען, אז זי וועט שוין מוזען געהן אין גיהנם אריין. און צוליעב די גרויסע זינד, קאן איך שוין פון דיר די רעשט עבירות אויך נישט אראבנעמען. דיין מאן איז געוועזען אן ערליכער קריסט,

איז

איז ער היינט אין גן-עדן, אבער אז דו וועסט שטארבען, וועסט דו געהן גלייך אין גיהנם אריין. דו וועסט דיך שוין אויף יענער וועלט מיט דיין מאן קיינמאהל נישט קאנען באגעגענען. דיין ארט וועט זיין אויף יענער וועלט אין גיהנם, גלייך מיט אלע פערשאלטענע זשידעס. אלזא די זינדיגע אלמנה! פארגעס מיר שוין נישט די צייט אין געה דיר אהיים צו דיינע צוויי זשידאוואצינעס"!

אזוי ווי די לעהרערין האט דערהערט פון גלח די שרעקליכע רייד, האט זי גירעכענט טאקי אז אט אליאדע טאג שטארבט זי, און איהר נשמה וועט פער־שליידערט ווערען אין גיהנם אריין, האט זי דעריבער אויסגעבראכען ביים גלח אין שטיב מיט א היסטעריש געוויין. זי האט אנגעהויבען צו ברעכען זיך די הענד און האט געשריגען צום גלח: „ליבער פאטער! איך וועל שוין די זשידאוואקעס נישט אריינלאזען צו מיר אין שטיב אריין, איך זאל אפילו שטארבען פון הינגער, אבי ראטיוועט מיין נשמה! נעמט פון מיר אראב מיינע עבירות און שיקט מיך נישט אין גיהנם אריין"! דער גלח איז פון איהר געוויין ווייכער געווארען און האט צו איהר אזוי געזאגט: „זינדיגע אלמנה! איך האב טאקי גרויס רחמנות אויף דיין נשמה, איך וואלט טאקי געהרען דיין נשמה גיראטעוועט, זאל נישט אריינפאלען אין גיהנם, נאר דאס איז אבער ווענינ, וואס דו זאגסט אז דו וועסט שוין די זשידאוואקעס נישט אריין לאזען צו דיר. דו מוזט דיך אונטערנעמען צו טהון אזא גרויסע גוטע זאך, וועלכעס זאל איבערוועגען אלע דיינע עבירות וואס דו האסט ביז אהער געטהון, דאמאלס וועט דיין נשמה זיין גירעטעט".

„אה היילינער פאטער"! האט די לעהרערין ווייטער געזאגט. „איך וועל אלעס פאלגען וואס דער היילינער פאטער וועט מיר זאגען, אויב ס'איז נאר מעגליך די זאך צו טהון, אבי מיין נשמה זאל זיין גירעטעט". דאן האט דער גלח צו איהר געזאגט! „נו גוט. אויב אזוי הער־זשע אויף אצינד פון קניען. איך וועל דיר פריהער זאגען וואס איך מיין, נאכהער וועסט דו פאר מיר קניען, און איך וועל שוין דיינע אלע עבירות משלח זיין. אצינד הויב דיך אויף און זעץ דיך אנידער דא נעבען מיר אויף די שטיהל, און הער מיך גוט אויס וואס איך וועל דיר זאגען. וויסען זאלסט דו אזוי. דו מוזט אצינד דעם קריסטענטהום איבערבעהטען מיט דעם זעלבען וואס דו האסט איהם ביז אהער פארשעהמט. מיט דעם וואס דו האסט צו דיר אריינגענומען די צוויי זשידאוואקעס, און האסט אויף זיי פערלעגט א כח צו מאכען זיי פאר לייט, האסט דו דעם קריסטענטהום זעהר שטארק פאר־שעהמט און בעשמוצט. אצינד מוזט דו דאס פאררעכטען טאקי מיט דעם זעלבען וואס דו האסט געזינדעגט. אלזא מוזט דו זיך אונטער נעמען ארויס צו רייסען די צוויי זשידאוואקעס פון יודענטהום, און איבער צו ריידען זיי זאלען איבערגעהן צום קריסטענטהום. אזוי נאך וועט דיין נשמה זיין גירעטעט".

די לעהרערין האט אפילו אין אנהויב געצווייפעלט, צו זי וועט קאנען וויעגען דעם עפעס טוהן. זי האט געזאגט צום גלח דעם אמת, אז זי וועט נישט קאנען ארבייטען אין די זאך מיט גרויס ענערגיע, בעוויל איהר הארץ וועט זיין שווער אב צו דינען זייערע עלטערען שלעכטץ פאר גוטץ. און נאך האט זי געזאגט אז זי צווייפעלט שטארק וועגען דעם, צו זי וועט קאנען די גרויסע זאך אויספיהרען,

בעוויל

בעוויל די עלטערן זייערע וועלען דאך געוואהר ווערען, און דאן וועלען זיי געוויס די זאך נישט צולאזען. אבער דער גלח האט צו איר געזאגט, אז זי זאל אויף דעם אלעם נישט זארגען. קודם זאל זי נאר אנהייבען די מיידלעך אלע טאג איבער צו ריידען, נאר אזוי קליג אז זיי זאלען נישט באלד איבערגעבען די עלטערן. זי זאל זיי ארויסווייזען אלע טאג מעהר און מעהר גרויס ליבשאפט און געטריישאפט. דורך דעם וועלען זיי ווערען וואס אמאהל מעהר און מעהר אנגעקניפט אין איהר, און איהרע רייד וועלען ביי זיי אריין קריכען טיעף אין זייער הארץ אריין. און אז מען וועט זעהן אז מען האלט שוין מיט זיי עפעס אויף א וועג, דאן וועט מען זיי אוועק שיקען בסוד איבער די גרעניץ, אזוי אז די עלטערן וועלען גאר נישט וויסען ווי זיי אבצוזיכען. מען וועט זיי בעהאלטען אין א קלויסטער, ביז זיי וועלען אלט ווערען צו אכטצעהן יאהר, דאמאלס וועלען זיי שוין ווערען עכטע קריסטענס. אז די לעהרערן האט דערהערט וואס דער גלח האט איהר צוגעזאגט, אז מען וועט איהר זיין בייהילפיג אין דער זאך, האט זי איינגעשטימט אויפ'ן גלח'ס פארשלאג. דער גלח האט איהר אנגעזאגט, זי זאל אלע וואך קומען איהם א נאכריכט געבען, ווי די זאך האלט עפעס, כדי ער זאל וויסען וואס מען דארף טהון.

די אלטע לעהרערן האט טאקי אנגעהויבען צו פערלעגען א כח ביי די צוויי מיידלעך, אז דעם גלח'ס פלאן זאל קאנען אויסגעפיהרט ווערען. אלאנגע צייט האט זי מיט זיי גלאט געמאכט שמיעסען וועגען קריסטענטהום. זי פלעגט פאר זיי דערצעהלען אלע מאהל אנדערע מעשיות מיט מופתים. אבער זי האט נאך אלץ נישט אנגעשלאגען זיי וועגען שמד'ען זיך. זי האט זיי אלע מאהל מעהר און מעהר אנגעהויבען צו חנפ'ענען, און האט זיך פאר זיי פויערגעשטעלט ווי א הייסע מוטער צו איהרע קינדער. און איהרע רייד האבען טאקי שטארק געווערקט אויף זיי אז זיי זענען געווארען צו איהר אלע מאהל מעהר און מעהר צוגעקניפט, אזוי ווי קינדער צו א געטרייע מוטער. ביי דעם אלעם האט די לעהרערן גיגעבען דעם גלח נאכריכט אלע מאהל ווי די זאך האלט, און דער גלח האט זי געלערענט וואס זי זאל ריידען מיט די קינדער.

דער ערשטער אנשלאג פון די לעהרערן צו די קינדער, אז זיי זאלען זיך שמד'ען, איז גיוועזען א טאג נאך תשעה באב. ווארען תשעה באב זענען ביידע מיידלעך נישט געקומען צו די לעהרערן, און אז זיי זענען צומארגענס געקומען, האט זי אנגעהויבען אויסצופרעגען די מיידלעך, וואס די מעשה איז פאר וואס זיי זענען נעכטען נישט געקומען. האבען זיי דערצעהלט פון תשעה באב, אז דעם טאג פאסט מען ביי יודען, מען געהט בורוועס און מען טרויערט אויפ'ן חורבן בית המקדש. ביי דעם האט זי שוין געפונען א פונדאמענט זאל זיך אויף דעם שטעלען און אנהויבען זיי איבערצוריידען. זי האט זיי אויפגעוויזען ווי וויט יודען איז פון נאך דעם חורבן אהן שלעכט, און אלע מאהל ערגער און ערגער. דאגעגען וויטער געהט די קריסטען זעהר גוט און וואהל. אויך האט זי זיי ערקלערט, אז ביי יודען קאנען זיי גאר נישט קיין גוטץ דערלעבען, ווארען נאך אין א צוויי יאהר ארום וועט מען זיי געבען מענער, געוויס אויך נאר דארפס-יונגען,

פערגרעבטע

פֿערגרעבטע קעפּ מיט א פּוירעשען כאראקטער. אבער אז זיי וועלען זיך שמד'ען, וועט דער הייליגער פאטער, וואס וועט זיי אָב שמד'ען, אליין באמיהען זיך צו שאַפֿען פאר זיי ערהעלע גוטע חתנים וואס ס'וועט זיי שטענדיג גוט זיין אויף דער וועלט. און היינט ווייטער אויף יענער וועלט ווען זיי וועלען אמאהל שטארבען, האָט זי זיי פארגעזאָגט גילדיגע גליקען, אז מען וועט זיי גלייך אריינכאפּען אין גן־עדן אריין. זיי וועלען שוין גאר נישט ליידען דאס גיהנם, וואס די פערשאלטענע זשידעס ליידען דארט, אז מען קאָכט אלע טאָג זייערע נשמות אין גרויסע קעסלען פעך, שווארצע סמאָלע. די לעהרערין האָט אזש אויסגעבראָכען מיט א געוויין ביי די ווערטער, צו ווייזען זיי אז דאס הארץ וויינט און איהר פאר רחמנות, וואס זי האט אויף די צוויי מיידלעך, וואס זענען ביי איהר אזוי שטארק געליבט. די צוויי מיידלעך, ווי געוועהנליך דארפֿס מיידלעך, וואס פאר א בעגריף האבען דען זיי געקאָנט האבען אין יודענטהום, כמעט ווי גאָר נישט, זענען זיי אזוי איבערראשט געוואָרען פון די לעהרערינס רייד און פון איהר געוויין, אז זיי האבען אויך אָנגעהויבען מיט צו וויינען. ביי דעם געוויין האבען זיי גיענטפערט די לעהרערין: „וואס קאָנען מיר דען היינט טוהן אז אונזערע עלטערען זענען הייסע יודען? זיי וואָלטען אונז בעסער פערגיפטעט, איידער זאָלען צו לאָזען מיר זאָלען קריסטענס ווערען".

אז די לעהרערין האט דערהערט פון זיי די ווערטער, האָט זי פערשטאנען אז זי האלט שוין מיט זיי עפּיס אויף א שטיקעל דרך. האָט זי זיי אָנגעהויבען קישען און האט זיי אָנגעהויבען טרייסטען, זאָלען גאר נישט זארגען, ס'וועט זיך שוין געפונען גוטע מענשען, וואס וועלען פאר זיי זאָרגען און וועלען זיי בסוד ארויסנעמען פון דעם פינסטערניש אין ליכטיגקייט אריין. נאָר זי האָט זיי שטרענג געוואָרענט, אז זיי זאָלען אין דער היים נישט פאלען לאָזען קיין פערדיכטיג וואָרט. נאָר די גאנצע זאך זאל זיין שטרענג בסוד, און דאן וועט מען שוין געפונען א גוטע עצה. די לעהרערין האָט זיך אבער נאָך מיט דעם נישט בעניגען געלאָזט, נאָר זי האָט זיי געוואָלט באלד פאנגען אין גאנצען אין איהר נעטץ אריין האָט זי ווייטער צו זיי אזוי געזאָגט: „יאָ טייערע קינדער. איך זעה טאקי אז עטץ האָט לויטערע הערצער, און עטץ ווילט טאקי יאָ איבערגעהן צום קריסטענטהום, אָבער דאָך פערלאנג איך פון אייך א צייכען. איך זאָל וויסען אויף זיכער, כדי איך זאָל קאָנען די זאך באלד איבער געבען א וויכטיגען פערזאָן וואס זאָל פאר אייך זאָרגען. אלזאָ מיינע טייערע קינדער! דעם ערשטען שריט זאָלט עטץ מאכען באלד שוין אצינד. איך דערלאנג ענק דעם הייליגען צלם, וואס שטעהט דאָ אויפ'ן פענסטער, יעדער פון אייך זאָלט איהר קישען דעם צלם אצינד, און אזוי אלע טאָג, ווען עטץ וועט נאָר אריין קומען צו מיר, און איידער עטץ וועט אהיים געהן פון מיר, זאָלט עטץ קישען דעם צלם מיט א ערליך הארץ, דאן וועל איך שוין וויסען איך זאָל מיך נעמען אויף זיכער צו דער זאך ענק ארויס צו ראטיוועען פון פינסטערניש אין די ליכטיגקייט". די לעהרערינס רייד האבען אויף די נארישע מיידלעך געמאכט אזא שטארקען איינדרוק, אז זיי האבען זי געפאָלגט און ביידע האבען געקישט דעם צלם, דאן איז די לעהרערין אויף זיי ארויפגעפאלען און האָט

זיך

זיך מיט זיי שטאַרק צוקישט.

ווען די צוויי מיידלעך זענען אהיים געגאנגען איז די לעהרערין באלד געלאָפען צום גלח מיט די בשורה. דער גלח האָט איהר אויפגעגעבען פלאנערין אויף ווייטער וואָס זי זאָל טהון ווי אַזוי זי זאָל זיך פיהרען מיט די מיידלעך. די מיידלעך האָבען שוין פון דאמאָלס אָהן געקישט דעם צלם ביי די לעהרערין צוויי מאָהל אַלע טאָג. ביים אַריינקומען און ביים אַוועקגעהן. און עבירה גוררת עבירה, אַז זיי האָבען נאָר אָנגעהויבען דעם צלם צו קישען האָבען זיי שוין אָנגעהויבען צו עסען טרפות. חזיר, קעלבאַסע טרפה'נע. דער גלח האָט אָנגעהויבען אַלע מאָהל צו שיקען צו די לעהרערין גוטע פלעשלעך וויין מיט גוטע שטיקלעך חזיר פלייש געבראָטענס כדי די לעהרערין זאָל האָבען זיי מכבד צו זיין און כדי זיי זאָלען אַלע מאָהל מעהר און מעהר טרפה ווערען. מעשה שטן האָט טאַקי מצליח געווען. די מיידלעך זענען אַלע מאָהל מעהר טמא געוואָרען. די לעהרערין האָט שוין אָנגעהויבען מיט זיי דעם פאַטשעריש צו לערנען, און זיי האָבען שוין אַלע טאָג מיט חשק אָנידערגעקניט פאַר'ן צלם ביי די לעהרערין און געזאָגט דעם פאַטשעריש. אַז די לעהרערין מיט'ן גלח האָבען געזעהן אַז זיי זענען שוין מיט די מיידלעך פערטיג האָבען זיי אָנגעהויבען צו קלערען אַ פלאַן, ווי אַזוי די מיידלעך אָבצורייסען פון זייערע עלטערין און זיי אַוועק צו שיקען בסוד אויף יענער זייט גרענעץ און דאָרט אָב צו שמד'ען זיי.

דער גלח מיט די לעהרערין האָבען אויסגעאַרבייט אַזאַ פלאַן. אַזוי ווי ס'איז שוין געווען נאָהנט צו ראש השנה, האָבען זיי דאָך געוויסט אַז די צוויי אידישע פאַמיליעס וועלען פאָהרען אין שטאָדט אַריין אויף צוויי טעג ראש השנה האָבען זיי אָנגעשטעלט אַז די צוויי מיידלעך זאָלען זיך מאַכען קראַנק אַ פאָהר טאָג פאַר ראש השנה. מען וועט אָננעמען געוויס אַז איינע האָט זיך אָנגעשטעקט פון דער אַנדערע מיט דעם זעלבען שלאַפקייט, און ערב ראש השנה אין דער פריה זאָלען זיי זאָגען אַז ס'איז שוין זיי בעסער, אָבער דאָך צו פאָהרען זענען זיי נאָך נישט אינשטאַנד, נאָר זיי זאָלען פערלאַנגען מען זאָל איבערלאָזען צוזאַמען ביידע אין איין שטיב מיט אַ קריסטען, וואָס זאָל זיי באַדינען. אין באלד די ערשטע נאַכט ראש השנה ווען די קריסטען, וואָס וועט זיי באַדינען וועט שוין האָבען גוט איינגעשלאָפען, זאָלען זיי זיך מיט נעמען וואָס זיי וועלען קאָנען אין אַרויסגעהן שטילערהייט פון שטיב. אין דרויסען וועט שוין שטעהן גרייט אויף זיי אַ קאָטש, און מען וועט מיט זיי ענטלויפען אויף יענער זייט גרענעץ. די לעהרערין האָט אַכט טאָג פאַר ראש השנה איינמאָהל ביינאַכט אָנגערעהט, אַז די מיידלעך זענען געוועזען ביים גלח. צוזאַמען מיט די לעהרערין, און מען האָט זיי אויסגעלערענט גוט ווי אַזוי דאָס ענטלויפען זאָל צוגעהן, און זייערע עלטערן האָבען פון דעם אַלעם גאָר נישט געוויסט.

און דער פלאַן איז טאַקי אויסגעפיהרט געוואָרען פונקטליך. עטליכע טאָג פאַר ראש השנה האָבען זיך ביידע מיידלעך געמאַכט קראַנק. די אַלטע לעהרערין איז כלומר'שט געקומען זיי מבקר חולה זיין. זי האָט בעשטימט, אַז זיי ביידע זענען שלאַף אויף לייכטע טיפוס-קראַנקהייטען, וואָס געוויס האָט זיך איינע פון

די

די אַנדערע אָנגעשטעקט, אָבער קיין געפֿאַהר איז נישט דאָ, צייט עטליכע טעג וועט עס איבערגעהן. די עלטערן האָבען געהאַט גרויס עגמת נפש וואָס זיי וועלען נישט קאָנען מיט נעמען די קינדער אין שטאָדט אַריין. ס'איז אָנגעקומען ערב ראש השנה האָבען די צוויי מיידלעך אַליין אויפֿגעגעבען דעם פּלאַן. אַז אַזוי ווי ס'איז זיי שוין פֿיעל בעסער, אָבער דאָך פֿאָהרען אין שטאָדט אַריין זענען זיי נישט אימשטאַנד, אַלזאָ איז דאָס גלייכסטע, אַז פֿאַר היימליכקייט וועגען זאָל מען זיי ביידע אין איין שטיב לאָזען מיט אַ היימישע קריסטען פֿון שכנות'טעס, וועלכע זאָל זיי אָבהיטען און בעדיענען. אַזוי נאָך וועלען מעגען די עלטערן פֿאָהרען אויף ראש השנה אין שטאָדט אַריין, אָהן שום איבערקלערונג. די עלטערען האָבען איינגעשטימט אויף דעם פֿאָרשלאָג, אין דאָס מיידיל פֿון פּאַכטער איז איבערגעגאַנגען צום מילנער וואָס האָט געהאַלטען די וואַסער מיהל און די צוויי פֿאַמיליעס זענען זיך געפֿאַהרען אין שטאָדט אַריין אויף ראש השנה זאָ ווי שטענדיג.

אַזוי ווי די עלטערען זענען אַוועקגעפֿאָהרען, האָבען די צוויי מיידלעך אַרויסגעוויזען פֿאַר די קריסטען וואָס איז מיט זיי געבליבען, אַז ס'איז זיי שוין פֿיעל בעסער, זיי קאָנען שוין אַליין אַראָבגעהן פֿון די בעטען. ס'איז געקומען אויף די נאַכט האָבען זיי געפּראַוועט אַ גאַנצע סעודה, און האָבען נישט געזשאַלעוועט פֿאַר די קריסטען אַ גלעזעל גוטען בראָנפֿען, נאָך איינס און נאָך איינס, וואָס ווי געוועהנליך האָט זי דאָס נישט פֿיינד געהאַט. די קריסטען האָט זיך פֿער'שיכור'ט און איז גאַנץ פֿעסט ענטשלאָפֿענט געוואָרען. נישט ווייט פֿון דעם הויז איז שוין געשטאַנען גרייט דעם גלח'ס קאָטש. אינוועהניג איז געזעסען דער גלח און האָט שוין א"יף זיי געוואַרט, ווען איינע פֿון די מיידלעך איז אַרויסגעגאַנגען פֿאַר די טהיר געוואָר ווערען צו מען זעהט נישט עפּיס עמיצען, וואָס וואַרט אויף זיי, האָט זי געטראָפֿען די אַלטע לעהרערין, וואָס האָט טאַקי אויף זיי געוואַרט. דאָס מיידעל האָט גיגעבען אַ ידיעה די לעהרערין, אַז אין שטוב קאָן מען טהון וואָס מען וויל, וואָרען די היטערען זייערע ליגט אין שלאָפֿט טויט שיכור. אָבער די לעהרערין האָט געזאָגט, אַז דער גלח האָט פֿעראָרדענט זאָלען גאָר נישט מיט נעמען פֿון שטיב, נישט קיין געלד און נישט קיין שום טייער חפץ, נאָר זאָלען זיך וואַרעם אָנטהון און באַלד אַרויסקומען צו די קאָטש. נאָר דאָס איינע האָט דער גלח אויפֿגעטהון אַ נייעס, אַז יעדעם מיידעל זאָל נעמען איהר'ס אַ טיכעל און אַפֿאָהר לאַטשען מיט נאָך עפּעס אַן אָבער־קליידעל, און מען זאָל דאָס אַריין וואַרפֿען אין וואַסער נעבען די מיהל, עס זאָל בלייבען שווימען נעבען די סטאַוועדליס, ווי עס איז דאָס טיעפֿסטע אָרט אין וואַסער, כדי אַז אין דער פֿריה ווען מען וועט זעהן אַז די מיידלעך זענען נישט דאָ, און דאָ ווייטער אין וואַסער וועט מען געפֿונען עפּעס מלבושים פֿון זיי, וועט מען מיינען אַז זיי האָבען זיך דערטרינקען, צו אַליין, צו עמיצער האָט זיי מיט געוואַלד דערטרינקען, און עס וועט קיינעם נישט איינפֿאַלען, אַז זיי זענען גאָר ענטלאָפֿען. אַזוי נאָך וועלען די עלטערין גאָר נישט אַרום לויפֿען זוכען זיי. די מיידלעך האָבען אַזוי געטהון, זאָ ווי די לעהרערין האָט זיי געזאָגט פֿאַר'ן גלח'ס וועגען. און אַרום האַלבער נאַכט ווען דאָס גאַנצע דאָרף איז שוין גוט געשלאָפֿען, זענען די צוויי מיידלעך אַוועק געפֿאָהרען און די קאָטש מיט'ן גלח.

דער

יער מ׳ח האָט שוין געהאַט אָנגעגרייט פאַר די צוויי מיידלעך צוויי דאָקומענטען. אויף די קאָטש האָט ער זיי גיגעבען די דאָקומענטען און האָט זיי גיגעבען גויעשע נעמען, לויט די דאָקומענטען. אויך האָט ער זיי באַלד אָנגעטהון צלמים׳לעך אין האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז ווען מען וועט זיי פרעגען ביי די גרענעץ ווי זיי הייסען און ווער זיי זענען, זאָלען זיי זאָגען די גויעשע נעמען לויט די דאָקומענטען. און אויך זאָלען זיי זאָגען, אַז זיי זענען דעם גלח׳ס צוויי שוועסטערען, וואָס פאָהרען מיט׳ן ברודער דעם גלח קיין קראָקאָ אין גימנאַזיום אריין. אקיצור דער וועג האָט זיך גאַנץ גוט איינגיגעבען און דער גלח האָט זיי אריינגיגעבען אין קראָקאָ אין אַ פערמאַכטען קלויסטער צווישען די מאָנאַכינעס, זיי זאָלען די צוויי מיידלעך מאַכען פאַר פרומע קריסטענס ביז די צייט וועט קומען וואָס די ערצע-ביסקופ וועט זיי אָב׳שמד׳ן.

צומאָרגענס אין דער פריה, ווען די פערשיכורטע קריסטען האָט זיך אויסגעניכטערט, האָט זי זיך אויפגעהויבען און וויל צו געהן עפּעס ריידען מיט די מיידלעך, האָט זי דערזעהן אַז ביידע זענען נישט דאָ. זי האָט זיי אָנגעהויבען אין דרויסען צו זוכען, אָבער זי געפינט קיינעם נישט. האָט זי אַנגעהויבען צו ריידען דערפון מיט די דאָרפס-גוים. מען האָט אָנגעהויבען שטאַרקער צו זוכען. דערוויַיל האָט איינער דערזעהן אויפ׳ן וואַסער, נישט וויַיט פון די מיהל אויפ׳ן טיעפסטען אָרט, נעבען די סטאַוועדלעס, שווימט אַרום פרויען-קליידער מיט צוויי פאָער לאַטשען. מען האָט צוגעריפען די קריסטען די היטערען זי זאָל דערקענען די מלבושים, האָט זי זיי באַלד דערקענט אַז דאָס איז פון די צוויי מעדלעך. אַזוי נאָך איז באַלד צושפּרייט געוואָרען אַ קלאַנג אויפ׳ן גאַנצען דאָרף, אַז די צוויי יודישע מעדלעך זענען דערטרינקען געוואָרען. פערשידענע מיינונגען איז ביי דעם אויפגעגאַנגען. טייל האָבען געזאָגט, אַז דער טיפּוס האָט זיך ביי זיי פערשטאַרקט, זענען זיי פון זינען אַראָב, און האָבען זיך דערטרינקען. טייל האָבען געזאָגט, אַז לויט די קריסטען די היטערענס רייד, וויַיזט אויס אַז זיי האָבען זיך אויך פערשיכורט, האָט דער בראָנפען אין זיי געברענט, האָבען זיי זיך געוואָלט אַביסעל באָדען זענען זיי דערטרינקען געוואָרען. אָבער דאָס איז געבליבען בעשטימט אַז זיי זענען דערטרינקען געוואָרען. אָבער דאָך איז קיינעם נישט געגאַנגען אין לעבען, מען זאָל עפּעס טהון צו געפינען זיי. די גוים האָבען געזאָגט: „סאַיי ווי זענען זיי שוין טויט, און עטליכע טעג אַרום וועלען זיי אַליין קעפויער שווימען, וועט מען זיי בעגראָבען, וועט זיין צוויי פאַרשיווע זשידאָווקעס וועהניגער, וואָס דאַרפען מיר זיך אַצינד בחנם אָהן צו אַרבייטען, אָנצוזוכען זיי, ווי זיי ליגען אין וואַסער, מיר וועלען זיי שוין סאַיי ווי נישט לעבעדיג מאַכען".

ווען די עלטערען זייערע זענען נאָך ראש השנה אַהיים געקומען, און זיי האָבען דערהערט די פינסטערע בשורה, אַז זייערע קינדער האָבען זיך דערטרינקען, קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלען נעבעך וואָס פאַר אַ געיאָמערי מיט אַ קלוגעריי ס׳איז גיהערט געוואָרען פון די צוויי הייזער, ווי די צוויי פאַמיליעס האָבען געוואָהנט. אָבער צו טהון דערצו איז נישט גיווען וואָס, בעוויַיל אַלע גוים האָבען געזאָגט אַז מעהר ווי דריי מעת לעת קאָנען זיי נישט ליגען אינטערען וואַסער,

וועלען

װעלען זײ דאָך סאײ װי אַלײן אַליאַדרע שעה קעפּױער שװימען. די טאַטע מאַמעס זענען נעבעך געשטאַנען בײם װאַסער און אױסגעקוקט זאָלען שױן דערזעהען װי זײערע טױטע קינדער װעלען זיך בעװײזען אױפ'ן װאַסער. דערװײל איז אָנגעקומען די אַלטע לעהרערין און האָט מ'כלומרש'ט אױסגעבראָכען מיט אַ היסטערישׁ געװײן און האָט אָנגעהױבען צו בעקלאָגען די צװײ טײַערע קינדער. זי האָט זיך געמאַכט חלש'ן און מען האָט זי קױם דערמינטערט, דאָס האָט זי אַלץ געטוהן, כּדי ס'זאָל נישט פאַלען אױף איהר עפּעס אַ חשד, אַז זי װײסט פון עפּעס צו זאָגען. אַז מען האָט גיזעהען ס'איז פערבײַגעגאַנגען דער גאַנצער טאָג, און די טױטע קערפּער האָבען זיך נאָך אַלץ נישט בעװיזען, איז געבליבען מען זאָל אָבלאָזען דאָס װאַסער דורכ'ן עפענען די סטאַװעדלעס. הכּלל מען האָט אַלץ געטהון און גאָר נישט געפונען. די עלטערען האָבען געשיקט אין שטאָט אַרײַן אַ שאלה פרעגען צו זײ זאָלען זיצען שבעה. האָט מען זײ נישט געהײסען ביז מען װעט װיסען אַ זיכערע זאַך.

די עלטערען זענען אַרום געגאַנגען טאָג און נאַכט געװײנט און געקלאָגט, זײ האָבען נישט געװיסט צו זײ לעבען. דאָס איז אַזױ גיװעזען ביז חול המועד סוכּות. דאַמאָלס האָט זיך געמאַכט, אַז ס'איז עפּעס אַדורך געפאָהרען פרעמדע יודען און האָבען אָנגעטרעטען בײַ דעם פאַכטער, זאָלען דאָרט דאַװינען און עפּעס עסען, אַז זײ האָבען דערהערט פון דעם אומגליק, האָבען זײ געזאָגט אַז דאָס איז גאָר נישט שום קײן זיכערע זאַך, אַז זײ האָבען זיך דערטרינקען. גאָר פונקט פאַרקערט. בײַ זײ װײַזט אױס אַז נײַן און נײַנציג חלקים איז גיכער צו רעכענען, אַז זײ זענען גאָר ענטלאָפען, און דאָ שמעקט מיט עפּעס אַ פערבאָרגענע זאַך. אַלזאָ האָבען די פרעמדע יודען זײ אַן עצה גיגעבען, זאָלען זעהן באַלד אַריבער צו פאָהרען צום גרײַדיצער רב, ער איז אַ גרױסער צדיק און אַ בעל רוח הקודש, געװיס װעט ער זײ זאָגען אַ ריכטיגע עצה זאָלען דערגעהן דעם אמת.

דער פאַכטער האָט באַלד געשיקט נאָך דעם שכן דער מילנער, און זײ האָבען אױף די עצה אײַנגעשטימט, און בײדע פאָטערס מיט בײדע מוטערס זענען נאָך אין דעם זעלבען טאָג אַװעק געפאָהרען קײן גרײַדיץ. בײַם גרײַדיצער צדיק האָבען זײ נעבעך אױסגעגאָסען זײער ביטער האַרץ מיט אַ געװײן און אַ געשרײ. דער הײליגער צדיק האָט זײ באַלד אַזױ גיענטפערט: „מיר שײַנט אַז גיכער לעבען זײ, נאָר זײ זענען אָבער אַרום גירינגעלט מיט פיעל אײַזערנע מױערען, מי יודע צו מען װעט קאָנען אַזױ גיך צו קומען צו זײ. אָבער דאָך. האָט װײַטער דער גרײַדיצער רב צו זײ געזאָגט. װײל איך האָבען אַ זיכערען סימן אױף מײַנע רײד, אַלזאָ זאָלט עטץ אַזױ טהון. פאָהרטץ געשװינד אַהײם און ערב הושענא רבה זאָלט עטץ מאַכען צװײ װעקסענע ליכט, אױף קנױטען צו די ליכט זאָלט איהר נוטצען עפּעס װאָס איז פון זײערע איבערגעבליבענע מלבושים, מעג זײַן אַ בױמװאָלנער זאַק. אָדער פון אַ קלײד, װאָס זײ האָבען געטראָגען אױף זיך. און בשעת װען עטץ װעט מאַכען די ליכט, זאָלט עטץ בפירוש זאָגען עטליכע מאָהל, אַז די ליכט מאַכט עטץ פאַר די קינדער װעגען, און עטץ זאָלט אָנריפען זײערע נעמען מיט זײערע מוטערס נעמען. הושענא רבה בײַנאַכט, װען די צװײ פאָטערס

װערען

וועלען זיך זעצען זאגען תיקון זאלען זיי פרובען ביים תיקון זאגען אהן צו צינדען די ליכט. גיב איך דא אייך אויף פונף סימנים:

א) אויב די ליכט וועלען זיך ברענען ליכטיג שעהן אזוי ווי ס'דארף זיין און וועלען זיך אויסברענען אינגאנצען, איז דאס א סימן אז זיי לעבען ערגיץ און זענען גאנץ יודישע קינדער, נאר זיי זענען אוועק עפעס לערנען זיך א תכלית זאך.

ב) אויב די ליכט וועלען זיך ברענען ליכטיג און שעהן, נאר זיי וועלען אין דער העלפט אויסגעלאשען ווערען פון זיך זעלבסט, איז א סימן אז זיי זענען געשטארבען ווי כשר'ע קינדער.

ג) אויב די ליכט וועלען זיך אויסברענען אין גאנצען, נאר זיי וועלען זיך נישט לייכטען שעהן, נאר גאהר דונקעל. איז א סימן אז זיי לעבען ערגעץ אבער זינדיג.

ד) אויב די ליכט וועלען זיך גאר נישט אנהויבען וועלען צו ברענען, אזוי ווי מען וועט זיי אנצינדען וועלען זיי באלד אין די רגע אויסגעלאשען ווערען. איז א סימן אז זיי האבען זיך גע'שמד'ט.

ה) אויב די ליכט וועלען זיך יא אנהויבען צו ברענען, נאר זיי וועלען זיך ברענען זעהר דונקעל, און נאך עטליכע מינוט וועלען זיי אויסגעלאשען ווערען. איז א סימן אז זיי לעבען נאר זיי האלטען זיך ביי שמד'ען.

די עלטערען האבען זיך געזעגענט און זענען באלד א היים געפאהרען. זיי האבען אלץ פונקטליך געטוהן, אזוי ווי דער גרײדיצער רב האט זיי געהייסען. ארויסגעוויזען האט זיך דער פונפטער סימן. וואס די צוויי פאטערס האבען אנגעצינדען די ליכט, בשעת זאגען דעם תיקון פון הושענא רבה ביינאכט, האבען זיך די ליכט געברענט גאנץ דונקעל איין מינוט אדער צוויי, און זענען באלד פערלאשען געווארען. דאן האבען זיי שוין פערשטאנען מיט וואס דא שמעקט, אז די צוויי מעדלעך זענען ענטלאפען און האלטען זיך פאר'ן אב'שמד'ן. געוויס פערשטעהט זיך אז אין דעם שטעקען אויך אנדערע קעפ. דאס אלץ האבען זיי שוין אצינד גאנץ קלאהר פערשטאנען, און זיי האבען זיך אבגעשמיעסט, אז באלד נאך סוכות זאלען זיי ווייטער אריבער פאהרען צום גרײדיצער צדיק.

באלד נאך סוכות זענען זיי ווייטער אריבער געפאהרען קיין גרײדיץ און האבען איהם דערצעהלט, ווי אזוי די ליכט האבען זיך געברענט. האט דער גרײדיצער רב געזאגט צו זיי: „נו אצינד איז שוין ביי מיר קיין שום ספק נישט, געוויס לעבען זיי מען האט זיי פערנארט און מען וויל זיי אב'שמד'ען. אלזא מוזט עטץ אנהייבען ארומפאהרען זוכען זיי אין די קלויסטערס. אין פרייסען דעסגלייכען אין פוילען, אבער רוסלאנד האט עטץ זיי נישט וואס דארט צו זוכען. נאר זוכען זאלט עטץ זיי אוממיינסטענס אין גאליציע, און האט אויך גוט חקירה ודרישה ביי די גרענעצען. אפשר וועט עטץ עפעס געוואהר ווערען, און וואס פאר א שלאד עטץ וועט נאר געוואהר ווערען, זאלט עטץ מיר באלד א ידיעה געבען. אבער עטץ זאלט זעלבסט אהער קומען, אבער דורך א בריף קאן אויך גוט זיין".

דערווייל האט דער גרײדיצער רב זיי געזאגט א סגולה, אז פון היינט אהן זאלען זיי ביידע אלע נאכט, איידער זיי וועלען זיך לעגען שלאפען, אויסזאגען צו

פונפציג קאפיטלעך תהלים גאנץ ערנסט, און אויב ס'איז מעגליך זאלען זיי אויך וויינען ביים תהלים זאגען, וועט דער אויבערשטער העלפען, אז די קינדער וועלען צוריק אהיים קומען.

דעם ערשטען שלאג האבען זיי בעקומען ביי די גרענעץ. ס'האט זיי געקאסט גענוג געלד און מיה און מאטער איידער זיי זענען דאס געוואהר געווארען, אז די נאכט פון ראש השנה זענען אדורך געפאהרען צוויי מעדלעך מיט א גלח קיין קראקא אין גימנאזיום אריין. זיי האבען זיך גערופען דעם גלח'ס שוועסטערען. נאר דאך אויף די גרענעץ האט מען זיי נישט געקאנט זאגען, צו איז דאס געוועזען טאקי קריסטליכע קינדער צו יודישע. נאר זיי האבען שוין פערשטאנען אז דאס זענען זיי. אזוי ווי זיי האבען נאר בעקומען די ערשטע ידיעה, האבען זיי דאס באלד אוועק געשריבען צום גריידיצער רב, און זיי זענען גלייך אריינגעפאהרען קיין קראקא. דארט האבען זיי זיך אנגעהויבען נאך צו פרעגען אין אלע גימנאזיומס, צו ס'איז עפעס נישט אנגעקומען אזעלכע צוויי מיידלעך, און קיינער האט נישט געוויסט וואס זיי צו ענטפערען. זיי האבען זיך אבער אנגעהויבען נאך צו פרעגען ביי פערשיעדענע יודען אין קראקא, האט מען זיי אויפגעקלערט, אז דאס איז נישט אנדערש, נאר אז מען האט זיי פערשפארט אין וועלכען קלויסטער, ווי די פרומע מאנאכינעס זיצען. ווארען אין קראקא האבען שוין די יודען גאנץ גוט געוויסט פון די צרה, אז אויב יודישע קינדער ווערען געפאנגען צו דער שמד, פערשפארט מען זיי אין א קלויסטער אין קראקא צווישען די מאנאכינעס, כדי זיי זאלען דארט אויסגעלייטערט ווערען, ביז עס קומט אהן די צייט וואס מען קאן זיי אב שמד'ן. און פאר'ן אב שמד'ן שאפט מען זיי חתנים, אזוי אז באלד נאך די שמד נעמען זיי אויך שלוב, נאכהער לאזט מען זיי ארויס וואהנען פריי מיט די קריסטליכע מענער. די צוויי צובראכענע יודען האבען זיך נאכגעפרעגט, צו ס'איז עפעס מעגליך אריין צו קומען דארט אין די קלויסטערס אריין. זענען זיי געוואהר געווארען, אז דאס איז איינס פון די שווערסטע זאכען. דאס קאן נאר געהן דורך פאליציי. אויך מוזען זיי דעפויער ברענגען דאקומענטען פון דער רוסישע רעגירונג צו די עסטרייכישע רעגירונג. נאכהער קאן מעגליך זיין אז מען זאל זיי ערלויבען צו זאממען מיט די פאליציי צו מאכען אן אביסק אין די קלויסטערס. אבער דאס דארף אבקאסטען אין די טויזענדער אריין.

די יודען איז נעבעך פינסטער געווארען פאר די אויגען, אז זיי האבען דאס דערהערט. זיי האבען פערשטאנען אז דאס איז פאר זיי קיין וועג נישט, האבען זיי זיך אויפגעהויבען און זענען ווייטער געפאהרען צום גריידיצער רב. דער גריידיצער רב האט זיי שוין אצינד געזאגט קלארע דיבורים: „עטץ זאלט גאר נישט זיי ערגעץ אנדערש זוכען, ווארען זיי געפונען זיך זיכער אין קראקא אין אזא קלויסטער. נאר די עצה איז אזוי. מען זאל זיך לאזען קאסטען געלד בסוד גדול ביי די דינערס פון יעדען קלויסטער, און מען זאל זיי בעזינדער צו זאגען א שעהנע מטבע, אויב זיי וועלען די מיידלעך ענטדעקען ווי זיי געפונען זיך. דערסגרייכען אויב זיי וועלען קאנען איבערגעבען זיי בסוד א בריוועלע פון די עלטערען, און צוריק ארויסבעקומען פון זיי א ענטפער, וועלען זיי אויך בעקומען

פאר

פֿאַר דאָס אַ שעהנע מטבע. אַזוי נאָך װעט עט'ז די זאַך דערגעהן. און װאָס עטץ װעט װײַטער עפּעס געװאָהר װערען זאָלט עטץ מיר תּיכּף אַ ידיעה געבען".

די צװײ יודען האָבען זיך געזעגענט מיט'ן גרײַדיצער רב און זענען אװעק געפֿאָהרען צוריק קײן קראָקאָ. דאָרט אין קראָקאָ זענען זײ בּיסלעכװײַז געװאָהר געװאָרען פֿון די אַלע דינערס װאָס געהן אַרײַן און אַרױס אײַנקױפֿען פֿערשידענע פּראָדוקטען. אײנער פֿלײש, אײנער גיבעקטץ, און זאָ װײַטער. די יודען פֿון קראָקאָ זענען זײ אױך געװעזען בּײַהילפֿיג אין דעם, זאָלען װיסען מיט װעמען זיך אָנצוגעבען. ס'האָט טאַקי זײ אָבגעקאָסט גענוג געלד מיט צײַט. זײ זענען אַזוי דאָרט אָבגעזעסען עטליכע חדשים, בּיז זײ האָבען בּעקומען אַ ריכטיגע ידיעה אין װעלכען קלױסטער זײ געפֿונען זיך. בּיסלעכװײַז איז זײ געלונגען אױך אַרײַן צו שיקען זײ אַ בּריװעלע, און אַרױס צו בּעקומען פֿון זײ אױך אַ ענטפֿער. אין די בּריװעלע װאָס זײ האָבען אַרױסגעשיקט איז געשטאַנען גאַנץ בּקיצור פֿאָלגענדעס:

„טײַערע עלטערען!

ערשטענס פֿערצײַעט אונז אױף אונזער אונמענשליכער פֿער־בּרעכען קעגען אײַך. צװײטענס זעהט אײַן צו דרינגען מיט אַ קראַפֿט פֿון דער רעגירונג אין דיעזען קלױסטער אַרײַן, און ראַטעװעט אונז אַרױס פֿון אונזערע גרױסע און פֿינסטערע צרות, װאָס מיר לײַדען דאָ. מיר האָבען גרױס חרטה. מיר װעלען זיך נישט שמד'ען. מיר װעלען בּעסער שטאַרבען פֿון צרות, אַבּי צו בּלײַבען יודישע קינדער. געבּרענגט דערצו האָט אונז די פֿערפֿליכטע לעהרערען. בּלײַבּט געזונד אונזערע געטרײַע און ליבע טאַטע מאַמע, הלואי זאָלט עטץ נאָך קאָנען אונז זעהן לעבּידיגערהײט.

פֿון אונז אײַערע ליבע טעכטער"...

בּעקומענדיג דאָס בּריװעלע האָבען נעבעך די צװײ טאַטעס אַמאָהל געלאַכט און אַמאָהל געװײנט. אָבער דאָס האָבען זײ שױן גוט פֿערשטאַנען אַז ס'איז דאָ בּײַ װאָס צו אַרבּײטען און אַז מען דאַרף אַרבּײטען גאַנץ שטאַרק, קאָן זײַן זײ זאָלען אַרױסראַטעװען זײערע קינדער פֿון די שמד. אָבער װאָס צו טהון, און װי אַזױ זײ זאָלען עפּעס אָנהײבען צו טהון, האָבען זײ נישט געװוּסט, און נישט גע־װאָלט װיסען, נאָר זײ זענען מיט דעם בּריװעלע װידער אַװעקגעפֿאָהרען קײַן גרײַדיץ. דער גרײַדיצער רב האָט זײ געטרײסט און האָט צו זײ געזאָגט:

„זאָרגט אײַך נישט איך װעל טהון גענוג אין דער זאַך. איך פֿערהאָף, אַז איהר װעט צוריק בּעקומען אײַערע טעכטער יודישע קינדער נישט קײַן גע'שמד'טע, אמת אַז ס'שטעהט דאָ פֿיער גענוג אַרבּײט. נאָר השם יתבּרך װעט אונז צו העלפֿען, מיר זאָלען אַלץ קאָנען אַדורכבּרעכען. פֿאָרלײַפֿיג אַצינד דאַרפֿט איהר אַהײם פֿאָהרען און איבּערגעבען די זאַך צו אַ גרױסען אַדװאָקאַט, ער זאָל פּועל'ן מיט דער קראַפֿט פֿון די רעגירונג אַז מען זאָל אײַך ערלױבען צו זעהן

מיט

מיט אייערע קינדער אין קלויסטער, און בעטען זיי מיט גוטען, זאלען זיך צוריק אהיים אומקערען. און אז זיי וועלען זאגען אז זיי ווילען זיך נישט שמד'ען, נאר צוריק אהיים פאהרען, מוז מען זיי באלד ארויסגעבען". דער גריידיצער רב האט זיי אבגעזעגענט און געווינטשען הצלחה, זיי זאלען וואס אמאהל בעסערע בשורות איהם ברענגען, און די צוויי צעבראכענע טאטעס זענען אהיים געפאהרען.

אצינד וועט מען זיי לאזען ארום פארען זיך מיט אן אדוואקאט, זאלען בעקומען די ערלויבעניש אריינצוקומען אין קלויסטער אריין, און מען וועט אביסעל בעשרייבען, וואס פאר א גדולות די צוויי מערלעך האבען געהאט דארט אין קלויסטער.

אויף דעם צווייטען טאג וואס זיי זענען אנגעקומען אין קלויסטער האט זיי בעשאהנט אן אלטער גלח. ער האט זיי געזאגט אביסעל מוסר, זאלען זיך נישט פיהרען זשידאוואטי נאר ווי געבוירענע קריסטענס. זאלען אלע טאג בעוויינען און בעקלאגען וואס זיי זענען געבוירען געווארען ביי יודישע עלטערען. דאגעגען זאלען זיי באלד דער גאך בעזינגען אלע טאג די מאדליטווא, וואס דארט דערפריידט מען דאס הארץ, וואס קומט ארינטער אונטער די פליגעל פון קריסטענטהום. און אויך זאלען זיי זעהן זיך אויסצולייטערען פון דעם ברידיגען זשידאווסקי קערפער, און זאלען איהם אויסטוישען אויף א ריינעם קריסטליכען קערפער. נאכהער וועט ער זיי שמד'ען און וועט אין זיי אריינזעטצען א קריסטליכען גייסט. נאך דעם האט דער אלטער גלח זיי איבער גיגעבען צו צוויי אלטע מאנאכינעס, זאלען זיי לערנען דרך ארץ און די אלע נויטיגע מאדליטוועס. די צוויי מאנאכינעס זענען גיוועזען גאנץ שטרענגע און בייזע, זעהר פרומע קריסטענס. זיי האבען די מערלעך גענומען פעסט אין זייערע הענד אריין, און האבען מיט זיי רעגירט זעהר מיט א שטרענגען טאהן, אזוי ווי דער זיידעטשקע רעגירט ביי די זעלנער מיט א נייעם רעקרוט. די צוויי מיידלעך זענען דאס קיינמאהל גאר נישט געוואהנט געוועזען. זיי האבען גערעכענט, אז מען וועט זיי האלטען זעהר חשוב, און מען וועט זיי געבען צו עסען אלע טאג געבראטענע טייבלעך מיט וויין, צום סוף האט מען זיי געהאלטען ערגער ווי דיענסטען.

ערשטענס האבען זיי געמוזט אלע טאג ריין מאכען עטליכע קאמערען, וואסער ברענגען, שיילען קארטאפעל און נאך אנדערע זאכען וואס מען האט געדארפט צו צוגרייטען צום עסען, האבען זיי אלץ געמוזט טהון. עסען האט מען זיי גיגעבען אזוי אבי נאר צו דערהאלטען דאס לעבען. אז זיי האבען זיך געזשאלעוועט אויף דעם שטרענגען רעזשום וואס מען פיהרט מיט זיי. האט מען זיי ערקלערט אז מען מוז פאלגען דעם אלטען גלח'ס רייד, וואס ער האט געזאגט, זאלען אויסטוישען דעם זשידאווסקי קערפער אויף א קריסטליכען קערפער. און דאס קאן נאר געמאכט ווערען מיט דעם וואס זיי וועלען פיהרער דורך די שווערע ארבייט און דורך דעם ווייניג עסען אבקומען פון לייב. און ווען זיי וועלען זעהן אז דאס זשידאווסקי לייב אויף זייערע קערפערס איז שוין גאר ווייניג, דאן וועלען זיי זיך הערשט מעגען אנהייבען צו פאשען מיט גוטע עסענס, זאלען אויף זיך בעקומען קריסטליך לייב. דאס ביסעל געמיינע עסען האט מען אויך זיי נישט גיגעבען רעפויער, ביז זיי

זענען

זענען געשטאנען יעדערס מיידעל בעזונדער אויף די קניען, און געלערענט זיך פון אויסענווענינג דעם גרויסען פאטשערש מיט נאך פיער פערשידענע מאדליטוועס. בעזונדער האט מען זיי געלערענט עפעס א מין מאדליטווא וועלכע שעלט די יודישע טאטע מאמע די יודישע רעליגיע. דאס איז זיי געוועזען אמשווערסטען צו פערטראגען זיי זאלען זייערע אייגענע טאטע מאמע שעלטען מיט אזעלכע מיאוס'ע קללות. דאס אלץ האט זיי אזוי ערנידערט אז זיי איז שוין מיאוס געווארען דאס לעבען. נישט איינמאהל האבען זיי זיך שוין געהאט אבגעשמיעסט זיך דאס לעבען צו נעמען, נאר זיי האבען נישט געקאנט זייערע פלענער אויספיהרען.

אויסער דעם אלעם איז זיי צוגעקומען א נייע עגמת נפש, וואס זינד זייערע פאטערס האבען אנגעהויבען ביינאכט זאגען צו פונפציג קאפיטלעך תהלים, האט יעדערס מעדעל געשפיהרט אין די זעלבע צייט, אזוי ווי גלייך זיי וואלטען בעקומען פלוצלינג מיט איינמאהל אויפ'ן גאנצען קערפער שטעך פון הינדערטער נאדלען. דאס האט אזוי גידויערט א רגע. און עטליכע מינוט ארום האבען זיי וויטער דאס זעלבע דערשפיהרט. און אזוי איז געוועזען אלע נאכט ביז פונפציג מאהל. זיי האבען ביי יעדערס מאהל א געשריי ארויס געטהון. די מאנאכינעס האבען זיי ערקלערט, אז דאס דארף אזוי זיין ווארען אין די רגע ווערט ארויסגעריסען פון זיי דאס אומריינע זשידאווסקי לייב. די צוויי נאיווע מעדלעך האבען געמיינט טאקי, אז אלץ וואס די מאנאכינעס זאגען זיי איז וואהרע רייד. ווען די צוויי מעדלעך זענען ענטשלאפענט געווארען, האט זיך וויטער זיי געדאכט אין חלום, אז זיי זעהן און הערען ווי זייערע עלטערען קלאגען און וויינען אויף זייערע קינדער. דעריבער זענען זיי אלע נאכט פון דאמאלס אהן וואס די פאטערס האבען אנגעהויבען דעם תהלים צו זאגען, גאהר ווענינ געשלאפען. דורך די אלע צרות האבען זיי פערלוירען איינגאנצען דעם אפעטיט פון עסען. ביידע האבען בעקומען הארצקלאפענג און מען האט געמוזט רופען צו זיי א דאקטאר, וועלכער האט זיי פערשריבען פערשידענע רפואות. דאס אלץ האט גאר נישט געהאלפען און זיי זענען אבגעצעהרט געווארען און געבליבען כמעט הויט און ביין.

זיי האבען אזוי געליטען בערך העכער פון פיער חדשים. דער נאך אז זיי האבען בעקומען א בריוועלע בסוד פון זייערע עלטערען, אז זיי חלש'ין נאך די קינדער זאלען צוריק אהיים קומען, און אז זיי זענען גרייט צו טהון פאר זיי וואס נאר מעגליך איז, דאן זענען די צוויי מעדלעך אזוי ווי דערמינטערט געווארען. עס איז אין זיי אריינגעקומען פשוט א נייע חיות מיט א נייע הארץ. זיי האבען דערשפיהרט אז עס איז נאך דא צו זיי עפעס א האפענונג. פון דאמאלס אהן איז זיי לייכטער געווארען אויפ'ן הארץ. איינע דער אנדערע האט געשטארקט און געטרייסט, אז אין קורצען וועלען זיי דאס גיהנם פטור ווערען. אזעלכע בריוועלעך האבען זיי בעקומען ביז דריי מאהל פון זייערע פאטערס, און זיי האבען אויך עפעס אבגעענטפערט שטענדיג גלייך, אז גאר נישט נאר מען זאל זעהן צו טהון וואס נאר מעגליך איז, און מען זאל זיי ארויסראטיוועז. אבער זינד די פאטערס זייערע זענען פון קראקא אהיים געפאהרען, צו נעמען אן אדוואקאט, זענען נעבעך וויטער די צוויי זינדיגע אומגליקליכע נשמות איינ-געשלאָסען

געשלאָפֿען דאָרט אין קלויסטער און אַרומגעשוויכמען אין אַ ים מיט צרות.

די צוויי יודען זייערע פֿאָטערס זענען נעבעך געוואָרען בדלי דלות ביי די צרה זיי האָבען פֿערקויפֿט די בעבעכעס אַבי אַרויס צו ראַטעווען זייערע קינדער פֿון דער שמד. זיי האָבען דאָס גישעפֿט איבערגיגעבען אַ גרויסען אַדוואָקאַט וועלכער האָט דאָס איבערגיגעבען צום פּראָקוראָר. דער פּראָקוראָר האָט דאָס איבערגיגעבען אַ סלעדאָוואַטעל און מען האָט געמאַכט דערפֿון אַ דיעלאָ אַז די לעהרערין האָט אַרויסגע׳גנב׳ט די צוויי מיידלעך און האָט זיי פֿערשיקט מיט געוואַלד. די לעהרערין האָט ביים ערשטען אויספֿאָרשונג נישט געוואָלט מודה זיין אין איהר פֿערברעכען נאָר אַז דער סלעדאָוואַטעל האָט זי אַרעסטירט און זי האָט אַביסעל געליטען צרות אין די טורמע האָט זי זיך מיישב גיוועזען און האָט ביים אַנדערען אויספֿאָרשונג אלץ מודה גיוועזען. נאָר זי האָט זיך פֿאַרענטפֿערט איינמאָהל פֿאַר אַלע מאָהל, אַז זי האָט זיי גאָר נישט אָנגערעדט נאָר זיי אַליין האָבען זי גיבעטען, אַז זי זאָל זיי איבערגעבען צו אַ גלח מען זאָל זיי אָב׳שמד׳ען. דער גלח איז אויך צוגעצויגען געוואָרען צו דער סלעדסטוואָ, און ער האָט זיך אָבער באַלד מודה גיוועזען, אַז אמת טאַקי ער האָט זיי אַריינגיגעבען אין אַ קלויסטער אַריין אין קראָקאָ, אָבער ער האָט זיי גאָר נישט אָנגירעדט דערצו, נאָר די מיידלעך אַליין האָבען זיך ביי איהם גיבעטען, ער זאָל זייערע נשמות ראַטיווען פֿון גיהנם, און ער זאָל זיי אָב׳שמד׳ען, האָט ער זיי איבערגיגעבען צום ערצעביסקופּ. סאיי ווי האָט שוין דער סלעדאָוואַטעל בעקומען ערנסטע דאָקומענטען ווי זי געפֿינט זיך, אַזוי אַז דער קראָקאָווער קלויסטער וועט שוין נישט קאָנען זיך אַרויסדרעהען, צו וועלען אָבלייקענען די גאַנצע מעשה.

אַז דער אַדוואָקאַט האָט בעקומען די אַלע דאָקומענטען איז ער אַריינגעפֿאָהרען קיין קראָקאָ, זיך משתדל צו זיין ביי די אָרטיגע רעגירונג, זאָל אַריינשיקען אַ מעלדונג צום עלצטען גלח פֿון דיזען קלויסטער, אַז ער זאָל באַשטעטיגען אַ טאָג פֿאַר די עלטערען פֿון די צוויי מעדלעך, זיי זאָלען קאָנען אַריינקומען אין קלויסטער אַריין, זעהן זיך מיט זייערע קינדער. און אַזוי ווי זיי זענען נאָך נישט מינדיעהריגע זאָל מען זיי נישט פֿאַרווערען, אויב זיי וועלען מיט זייער אייגענעם ווילען איינשטימען צוריק צו קערען זיך אַהיים צו זייערע עלטערען. דער אַדוואָקאַט איז דאָרט אָנגעזעסען בערך צוויי וואָכען ביז ער האָט קוים בעקומען אַזאַ מעלדונג פֿון די אָרטיגע רעגירונג. דער אַדוואָקאַט האָט זיך גיוועגדט צום דערמאָנטען גלח מיט די מעלדונג. ווען דער אַלטער גלח האָט דערזעהן דעם אַדוואָקאַט מיט דעם פּאַפּיר איז ער געוואָרען זעהר בייז, וואָס מען פֿערדרעהט איהם אַ קאָפּ מיט די זשידאָווסקי לאַסקעס, און האָט גיענטפֿערט אַז היינט האָט ער גאָר קיין צייט נישט, מאָרגען איז אַ חאָגע. איבער מאָרגען דאַרף ער אַוועקפֿאָהרען אויף עטליכע טעג. אַלזאָ זאָל דער אַדוואָקאַט צו איהם קומען די אַנדערע וואָך, וועט ער בעשטימען אַ טאָג אויף דעם זעהכטץ.

אויף די צווייטע וואָך איז דער אַדוואָקאַט ווידער געקומען פֿאַר׳ן אַלטען גלח מיט די זעלבע ביטע. דער גלח האָט שוין נישט געהאַט אַזעלכע תירוצים צו זאָגען האָט ער בעשטימט אַ טאָג צו דעם זעהכטץ אין פֿרייטאָג. דער ביי האָט

דער גלח צוגיגעבען אז נאר דאס איינע מאהל, ערלויבט ער די עלטערן צו מאכען דאס זעהכטץ וועלען די מיידלעך איינשטימען מיט זיי אהיים צו פֿאהרען איז גוט, מילא איז פֿערפֿאלען. אבער אויב די מיידלעך וועלען זיך אבזאגען פון די עלטערן'ס פֿארשלאג, דאן וועט ער שוין מעהר קיינמאהל נישט ערלויבען צו צולאזען צו זיי די עלטערן אויף א זעהכטץ. דער אדוואקאט האט באלד דעפעשירט נאך די עלטערן און זיי זענען באלד געקומען צו פליהען ביידע פֿאטערס מיט ביידע מוטערס. זיי האבען נעבעך גערעכענט אויף זיכער, אז זיי זענען שוין געהאלפענע, געווים וועלען די קינדער צו זיי צופֿאלען מיט א גרוים געוויין, מען זאל זיי אהיים נעמען, אזוי ווי עס האט זיך אויסגעוויזען פון זייער בריוועלע, וואס זיי האבען געהאט ארויסגעשיקט. צום סוף האט זיך גאר דאס רעדעל איבגאנצען איבערגעדרעהט.

די מעשה איז געוועזען אזוי: ווען דער אלטער גלח איז געוואהר געווארען, אז ער האט בעקומען א באפֿעהל פון דער רעגירונג צו צולאזען די עלטערן צו זייערע קינדער. האט דער אלטער גלח אנגעשלעפט דאס זעהכטץ זאל ארויס-קומען הערשט און צוויי וואכען ארום. דער גלח האט געהאט דערביי אזא מיינונג. ערשטענס האט ער גיגעבען א באפֿעהל צו די מאנאכיניעס, זאלען זעהן צו ענדערען דעם שטרענגען רעזשום צו די צוויי מעדלעך באלד. ער האט געהייסען די מאנא-כינעס זאגען פֿאר זיי, אז דער אלטער גלח האט בעפֿוילען זיי זאלען וויסען אז דאס זשידאווסקי לייב פֿון זיי איז שוין אזוי ווי פערשווינדען געווארען און זיי זענען שוין אויסגעלייטערט געווארען צו ווערען ריינע קריסטענס. דאס הייסט מען קאן שוין אריינזעצען אין זיי א קריסטלעכען גייסט. אלזא זאל די בעציהונג זיין צו זיי העכסט עדעל און פֿיין. ער האט אויך בעפֿוילען מען זאל זיי חנפֿ'נן מיט וואס נאר מעגליך איז, בעוויייל ער האט מורא, אזוי ווי די עלטערן האבען זיך גע'פועל'ט מען זאל זיי צו לאזען אויף א זעהכטץ, זאלען זיי נישט פועל'ען ביי זיי צוריק צוקערען זיך צו זייערע עלטערן. מען האט שוין אויך אין די צוויי וואכען אנגעהויבען צו שרכ'ענען זיי חתנים, אלץ כדי זיי זאלען ווערען שטארקער צו געקניפט צום קריסטענהום. די מעדלעך האבען גאר נישט פֿערשטאנען, צוליעב וואס עס האט זיך דא געמאכט אזא גרויס ענדערונג. זיי האבען טאקי גערעכענט, אז די אלע רייד זייערע זענען ריכטיג אזוי.

נאך האט דער אלטער גלח אויפגעטהון אין די צוויי וואכען גאר א נייעס. ער האט בעפוילען צו די צוויי מאנאכינעס, וואס זענען געוועזען די אויפזעהערענס פון די צוויי מעדלעך, אז זיי אליין זאלען אלע טאג אויסקעמען די מעדלעך, וויזענדיג זיי מיט דעם אויך א בעזונדערע ליבע. און אזוי נאהך וועט זיי געלונגען זאלען בעהאלטען די האר פון זייערע קעפ פון יעדען בעזונדער אין א פאפיר אריין, און זאלען דאס אריינברענגען אלע טאג צום אלטען גלח בסוד. אויך נאך האט דער אלטער גלח בעפוילען צו די מאנאכינעם די אויפזעהערענס, אז אזוי ווי די מעדלעך וועלען אלע טאג אב עסען, איז ווי געוועהנליך בלייבט דאך אויפ'ן טיש קרישקעס פון עסענווארג, זאלען דאס אויך די מאנאכינעס צו נעמען פון יעדען מעדעל בעזונדער, זאלען דאס בעהאלטען אין א פאפיר אריין און

אריינטראגען

אריינטראגען אלע טאג צום אלטען גלח. די זאך איז בעשטאנען אין דעם. דער אלטער גלח האט דאך געוויסט און פערשטאנען גאנץ גוט, אז ביי דעם זעהכטץ וועלען די עלטערען פאר זיי וויינען און בעטען, זיי זאלען זיך אומקערען מיט זיי אהיים. און כדי די עלטערענס רייד זאלען גאר נישט אריינגעהן אין זייערע אויערען אריין, האט זיך דער אלטער גלח געוואלט בעניצען קעגען זיי מיט כישוף. דער אלטער גלח איז געוועזען א גרויסער מכשף, האט ער מיט די האר און מיט די קרישקעס פון יעדען מיידעל בעזונדער געמאכט יעדען מיידעל א בעזונדערען כישוף, אז ווען די עלטערען וועלען קומען צו זיי, זאלען זיי גאר נישט וועלען קוקען אויף זיי, און גאר נישט וועלען ריידען מיט זיי, נאר זאלען נאך אויף זיי אויסשפייען, אבזידלען און ענטלויפען פאר זיי אין קלויסטער אריין. אט דאס איז געוועזען דעם אלטען גלח'ס מיינונג מיט דעם, וואס ער האט אבגעשלעפט דאס זעהכטץ אויף צוויי וואכען שפעטער.

וכך הוה. די מעשה איז טאקי אזוי געוועזען. ווען די עלטערען אין דארף האבען בעקומען די דעפעשע פון אדוואקאט, וואס ער האט צו זיי געשיקט פון קראקא, זאלען באלד קומען זעהן זיך מיט זייערע טעכטער, האבען זיי זיך געבעך שטארק געפרייט, און זענען באלד אהין געפאהרען, רעכענענדיג אויף זיכער אז צוריק וועלען זיי אהיים פאהרען שוין מיט זייערע טעכטער. אבער ווי ערשטוינט זענען זיי געווארען, ווען זיי זענען אריינגעקומען אין קלויסטער אריין. די מוטערס מיט די פאטערס זענען אויף זיי ארויפגעפאלען מיט א געוויין, און האבען זייערע פעניםער בארעקט מיט הייסע ליעבע קישען, און די צוויי טעכטער האבען זיך צו זיי בעצויגען זעהר קאלט ברוטיג. זיי האבען אפילו קיין איין קוש נישט געוואלט צוריק טוהן די עלטערען, און אויף אלע זייערע פראגעס האבען זיי קיין איין ווארט נישט געוואלט ענטפערען. דער נאך אז די עלטערען האבען אנגעהויבען מיט זיי צו טענה'ן, זאלען מיט זיי צוריק אהיים פאהרען, זאלען ווערען צוריק יודישע קינדער, זאלען נישט אבטרעטען חס ושלום פון אונזער לעבעדיגען באשעפער, דאן האבען ביידע טעכטער א שפיי אוים געטהון פאר זיי און האבען א געשריי געטהון: „טפו מיט'ן זשידאווסטווא"! און זענען באלד ביידע האסטיג ענטלאפען פאר די עלטערען צוריק אויף זייערע ערטער אין קלויסטער אריין.

די ביידע מאמעס האבען אויסגעבראכען מיט א היסטעריש געוויין און זענען געפאלען חלשות. די ביידע טאטעס האבען אנגעהויבען דערמינטערען די מאמעס מיט א געשריי און א געוואלד. קוים קוים וואס זיי האבען די פער'חלש'טע אויפגעמינטערט. די צוקוקערס וואס האבען זיך דאמאלס געפונען אויפ'ן קלויסטער-הויף זענען געשטאנען און געלאכט ביי די שוידערהאפטיגע סצענא. קיינער פון זיי האט אפילו נישט געוואלט לויפען ארוים-צו-ברענגען אביסעל קאלט וואסער פאר די פער'חלש'טע צובראכענע מאמעס. נאר דאס האבען זיי יא געטהון, אזוי ווי זיי האבען נאר דערזעהן אז מען האט די מוטערס דערמינטערט, האבען זיי שוין באלד א געשריי געטהון אויף זיי: „נא, ווינגאששע סטאנד פרענדזי, פארשיווע זידזשי"! דאס הייסט: נו, טראגט זיך אב פון דאנעט געך, פארשיווע יודלעך! און אויב זיי זענען נישט באלד ארויסגעגאנגען, ווארען די מוטערס האבען גאר נעבעך קיין כח

נישט

נישט געהאַט קײן טריט צו טהון, האָבען די הױפּס־לײַט באַלד גענומען בײַ זײ
דאָס אונטערפֿיהרען און מען האָט זײ אַרױסגעפֿיהרט פֿון קלױסטער מיט אַ גרױס
ניגלעכטער און מיט אַ פֿײַפֿערײַ און זידלערײַ.

די צװײ צובראָכענע מאַמעס זענען אָנגעלעגען אין קראָקאָ עטליכע טעג,
אײדער זײ זענען אימשטאַנד געװעזען אַהײם צו פֿאָהרען. אָבער דאָך האָבען זײ
געזעהן אַז זײ האָבען שױן דאָ אין קראָקאָ גאָר נישט װאָס צו טהון, זענען זײ
אַהײם געפֿאָהרען. אַצונד האָבען זײ נאָר געהאַט דעם אײנעם װעג זאָלען װידער
לױפֿען צום גרײדיצער רב און שרײַען געװאַלד: הײליגער צדיק װי איז אײַערע צו־
זאָג! די פֿאָטערס האָבען נישט לאַנג געזאָהמט זיך אין דערהײם, און זענען װידער
געפֿאָהרען קײן גרײדיץ צום רב. זײ האָבען נעבעך שטאַרק געװײנט פֿאַר דעם
צדיק, און זײ האָבען זיך שטאַרק געחידושט אױף דעם ענדערונג, װאָס דאָ האָט
זיך געמאַכט בײַ זײערע קינדער. װאָרען לױט דעם בריװעל, װאָס זײ האָבען
אַרױסגעשריבען װײַזט זיך אױס, אַז זײ האָבען גע'הלש'ט אַהײם צו לױפֿען. און
דאָ איז עפּעס אַן איבערקערעניש אױף זײ געקומען.

דער גרײדיצער רב האָט זײ געענטפֿערט: „שרעקט אײַך נישט, השם יתברך
װעט העלפֿען, ס'װעט זײַן אַלדעס גוטץ. איך האָב אײנמאָהל מבטיח געװעזען,
אַז זײ װעלען צוריק אַהײם קומען בשלום, יודישע קינדער, און ס'װעט אַזױ זײַן".
נאָך דעם האָט מען געזעהן װי דער גרײדיצער רב האָט זיך אױפֿגעהױבען פֿון די
שטיהל און האָט זיך אָנגעהױבען אַרום צו דרעהן איבער די שטיב הין און צוריק
שטאַרק צוקאָכט. ס'האָט אַזױ געדױערט עטליכע מינוט. נאָכהער האָט ער זיך
צוריק אַנידערגעזעצט און האָט צו די פֿאָטערס אַזױ געזאָגט: „ליעבע יודען!
שרעקט אײַך נישט. די קינדער זענען גאָר נישט שולדיג; דאָס װאָס זײ האָבען
אַצונד קענען אײַך אַזױ גראָב אַרױסגעטרעטען איז דורך אַ כישוף, װאָס אַ גלח אַ
מכשף פֿון דעם זעלבען קלױסטער האָט זײ געטהון. אַצונד שטעהט מיר פֿױער
איך זאָל מיך נעמען דערצו, מלחמה צו האַלטען קענען דעם מכשף און צו
בעפֿרײַהען אײַערע קינדער".

דער גרײדיצער רב האָט באַלד געשיקט נאָך זײַן סופר האָט איהם געהײסען
געהן אין מקוה אַרײַן. דער נאָך האָט ער איהם געהײסען שרײַבען צװײ קמיעות
אױף צװײ קלײנע שטיקלעך פּאַרמעט. די צװײ קמיעות געפֿונען זיך נאָך הײַנט בײַ
די אײניקלעך פֿון די צװײ מײדלעך. אױף יעדער קמיע איז געשריבען דער פּסוק
כי לא נחש ביעקב ולא קסם בישראל. דעם פּסוק האָט דער
גרײדיצער רב איבער געדרעהט אױף שמות, און האָט געמאַכט פֿון
איהם זעקס װערטער צו פֿיער אותיות. און אונטער די זעקס װערטער שטעהט
אַ נאָמען פֿון אַ מלאך. אַזעלכע צװײ קמיעות האָט דער גרײדיצער רב געהײסען
אָנגרײטען, פֿערנײט אין לעדערנע קלײנע בײַטילעך. נאָך דעם האָט דער
גרײדיצער רב געהײסען די פֿאָטערס פֿון די צװײ מײדלעך, זאָלען װײַטער פֿאָהרען
קײן קראָקאָ און פּועל'ן דורך געלד בײַ דעם זעלבען דינער פֿון קלױסטער,
װאָס האָט דאַמאָלס צו די מײדלעך אַרײַנגעטראָגען אַ בריװעל, ער זאָל הײַנט
װידער צו זײ אַרײַן טראָגען בסוד אַ בריװעל מיט די צװײ קמיעות. דער
גרײדיצער

גריידיצער רב האט זיי ערקלערט, אז דעם כישוף האט נאך זיבער דער גלח נישט אריינגעווארפען אין קיין טייך אדער אין א ברינען אריין. אלזא קען מען איהם נאך מבטל זיין. און אויב די צוויי מיידלעך וועלען אנטהון די קמיעות, וועט דער כישוף אינגאנצען פון זיי אבגעטהון ווערען. דער גריידיצער רב האט זיי מבטיח געווען אז דער כישוף איז היינט אויך שוין סאיי ווי ביי זיי גאר שוואך, און אויב זיי וועלען ווייטער דערהאלטען פון די עלטערען א בריוועלע וועלען זיי פאלגען און טהון אלעס וואס אין בריוועל וועט שטעהן. אלזא האט דער גריידיצער רב געהייסען שרייבען צו זיי אזא בריוועלע:

„ליבע ערליכע קינדער!

עבין זאלט וויסען אז מען האט ענק דארט אין קלויסטער כישוף געטהון, אז עטץ זאלט קעגען אונז אזוי גראב ארויסטרעטען. מיר ווייסען אז ס'טהוט אייך שוין גוט באנג אצונד. אלזא שיקען מיר דא ענק צוויי בייטעלעך, עטץ זאלט די בייטעלעך אנטהון אויף די העלזער בסוד אין שטענדיג געהן אין זיי. וועט דער כישוף פון ענק אינגאנצען אבגעטהון ווערען. און מען וועט ענק נישט קאנען ווידער כישוף טהון. פון דעסטוועגען היטעט ענק און לאזט נישט צו נעמען א פרעמדען קיין האר פון קאפ און קיין קרישעלעך, וואס בלייבט פון ענקער עסען. היטעט אהן אלע טאג צו שרייען פאר'ן גלח, אז עטץ בענגט זעהר שטארק צו זעהן זיך מיט ענקערע עלטערען. אלזא זאל ער ענק ערלויבען צו שרייבען צו אונז א בריעף און צו בעשטימען א טאג, ווען מיר זאלען צו ענק ווידער קומען אויף א זעהבעטץ. שטארקטץ ענקערע הערצער, האט נישט קיין מורא דארט פאר קיינעם, ווארען מיר האבען א צוזאג, אז מען וועט ענק נישט קאנען קיין שלעכטץ טהון, און אז עטץ וועט בלייבען יודישע כשר'ע קינדער. שרייבטץ אונז צוריק ארוים עטליכע ווערטער, וועט עטץ אונז ביים לעבען דערהאלטען.

פון מיר אייערע צובראכענע עלטערען" ...

אזא בריוועל האט דער גריידיצער רב געהייסען ארייננשיקען צוזאממען מיט די צוויי קמיעות און ווארטען אין קראקא ביז זיי וועלען צוריק ארוים שרייבען אויך עפעס א בריוועלע. נאר דאס האט ווידער דער גריידיצער רב זיי אנגעזאגט אז אלע ידיעות וואס זיי וועלען נאר בעקומען פון זייערע קינדער זאל מען איהם באלד מודיע זיין דורך בריעף. נאך דעם האט דער גריידיצער רב זיי אבגעזעגנט. ער האט ווידער זיי געשטארקט דאס הארץ, אז די קינדער וועלען זיבער אהיים קומען בשלום, און זיי וועלען זיין יודישע כשר'ע קינדער. און זיי זענען אוועק געפאהרען גלייך קיין קראקא.

אין קראָקאָ זענען די צװײ צובראָכענע פּאָטערס װײַטער אָבגעזעסען װי לאַנג אײדער ס'איז זײ געלונגען אַרײַנצושיקען דאָס בריװעלע מיט די צװײ קמיעות. אָבער געטראָפען האָבען זײ מיט דעם בריװעלע פּונקט אין קאָפּענץ אַרײַן, װאָרען אַזױ װי נאָר דער אַלטער גלח איז געװאָר געװאָרען, אַז ער איז שױן פּטור דאָס זעהכטץ, און אַז דאָס זעהכטץ איז איהם געראָטען אַזױ װי ער האָט געװאָלט, האָט ער שױן נישט דעם כּישוף אַזױ פֿערשטאַרקט, אָבער ער איז פֿון זיך זעלבסט שװאַך געװאָרען, אָבער דער גלח זעלבסט האָט דעם כּישוף אָבגעשװאַכט. סײַ װי זענען די צװײ מעדלעך עטליכע טאָג נאָך דעם זעהכטץ אױפֿגעקומען אַזױ װי פֿון אַ טיעפֿען שלאָף, און זײ האָבען זיך דערמאָנט װאָס האָט זיך עפּעס מיט זײ געטהון! זײ האָבען געהאַט נעבען זיך די עלטערען, טאַטע מאַמע, װאָס האָבען זײ געקישט און געהאַלדזט און בעגאָסען מיט הײסע טרערין, זאָלען צוריק מיט זײ אַהײם פֿאָהרען, צום סוף האָבען זײ נאָך די עלטערען אָנגעזידעלט און פֿון זײ ענטלאָפֿען. זײ האָבען גאָר נישט געקאָנט פֿערשטעהן צו זענען זײ געװעזען דאַמאָלס שיכּור, צו װאָס. אַזױ האָט זיך דורך דעם בײַ זײ פֿערשטאַרקט דאָס בענגשאַפֿט צו זײערע עלטערען אַלע טאָג מעהר און שטאַרקער. די חלומות פֿון בײַנאַכט מיט די פֿונפֿציג שטעכענישען האָבען זײ נאָך מעהר דענערװירט, פֿאַר װאָס זײ זענען נישט אַװעק אַהײם צוריק מיט די עלטערען. אָבער דאָך קײן עצה האָבען זײ זיך גאָר נישט געװיסט װאָס צו טהון. זענען זײ אַרומגעגאַנגען אַזױ װי צומישט. אַצונד װען זײ האָבען דערהאַלטען דאָס בריװעל מיט די צװײ קמיעות, זענען זײ גאָר לעבעדיג געװאָרען.

אַזױ װי זײ האָבען אָנגעטהון בסוד די קמיעות, האָבען זײ געשפּירט גלײַך ס'װאָלט פֿון זײער האַרץ אַראָבגענומען געװאָרען אַ שװערע לאַסט. דאָס בענגשאַפֿט צו זײערע עלטערען האָט זיך נאָך מעהר פֿערשטאַרקט. זײ האָבען בעשטומט אָנצוהױבען צו שטאָרמען בײַ דעם אַלטען גלח, מען זאָל זײ ערלױבען צו שרײַבען בריעף צו זײערע עלטערען, זאָלען קומען זײ אַהײם נעמען. װאָרען אַז נישט קאָנען זײ קראַנק װערען פֿאַר בענגשאַפֿט. אָבער זײ האָבען זיך איבער גירעכענט, אַז פֿריהער פֿאַר אַלעם מוזען זײ זעהן אַרױס צו שרײַבען אַזאַ בריװעלע צו זײערע עלטערען, װאָס קוקען דאָס אױס אומגעדולדיג.

„ליעבע און געטרײַע עלטערען!

אַצונד פֿערשטעהן מיר שױן דורך װאָס פֿאַר אַ קראַפֿט מיר זענען דאַמאָלס בײַם זעהכטץ געװעזען צו מישט אַזױ װי שיכּור. אַלזאָ פֿערשטעהט איהר דאָך געװיס אַלײן אַז מיר זענען אין דעם נישט שולדיג. מיר ליעגען אין אַ זומפּ און מיר בעטען אײַך רחמים, ראַטעװעט אונז אַרױס פֿון דעם גיהנם. הלואי זאָל דער יודישער גאָט זײַן אונז בײַהילפֿיג. אױב נישט זענען מיר גרײט דאָס לעבען צו פֿערליערען אַבי יודישע קינדער צו בלײַבען. מיר װעלען טהון אַזױ װי איהר שרײַבט אונז.

בלײַבטץ געזונד פֿון אונז אײַערע ליעבע טעכטער"...

אַז

אז די עלטערען האבען דערהאלטען פון זייערע קינדער דאס בריוועלע, האבען זיי זיך דערפרייד. זיי האבען שוין אצונד געזעהן גוט ווי וויט דעם גריידיצער רב'ס רייד זענען אמת ויציב. און אז זייערע קינדער האבען וויטער אמת'ע יודישע הערצער. זיי האבען ניגעבען א ידיעה באלד דעם גריידיצער רב פון דעם בריוועלע, און זיי האבען פערשטאנען, אז וויטער ארום צו וואלגערען זיך בחנם אין קראקא לוינט נישט, נאר זיי מוזען אהיים פאהרען און אויסקוקען דעם אויבערשטענס הילף, עס זאל אזוי מקוים ווערען, אזוי ווי דער גרייריצער רב האט זיי אנגעווינטשען ביים געזעגענען.

ס'איז פערבייגעגאנגען אן אכט טאג האבען זיך די צוויי מיידלעך צוגעגרייט, זאלען בעטען ביים אלטען גלח די ערלויבעניש, צו שרייבען אהיים א בריעף צו די עלטערען, זאלען אהער קומען זעהן זיך מיט זיי, ווארען זיי בענגען שטארק, און זיי האבען מורא זאלען נישט קראנק ווערען. דעם אלטען גלח האט אפילו נישט ג'חלומ'ט, אז די מיידלעך האבען נאך אין זינען אהיים צו פאהרען. ער האט גירעכענט זיכער, אז זיין כישוף האלט נאך וויטער גאנץ פעסט. אלזא אזוי ווי דער גלח האט דערזעהן די מעהדלעך פאר זיינע אויגען שטעהן מיט די ביטע, איז ער שיעור אויפגעשפרינגען פאר כעס. ער האט זיך אבער איינגעהאלטען מיט אייזערנע צוואנגען און האט זיך מיישב גיווען, אז ס'איז גלייכער פריהער צו געהן מיט זיי אין גוטען. האט ער זיי גאנץ שעהן ענטוואנגט, האט זיי גיבעטען זיצען און האט אנגעהויבען מיט זיי איין צו טענה'ן, אז ער האט זיך גאר נישט גירעכט אויף אזעלכע קלוגע קינדער, זאלען נאך אין זינען האבען אזעלכע נארישקייטען. אז זיי האבען שוין יא די זכיה געהאט אזא גרויסען שריט צו טהון, און זיי האלטען שוין גאר נאהנט ביי די טהיר פון גן עדן נאר נאר א טריט אריין צו טהון, זאלען זיי וויטער נאך אין זינען האבען דאס ברענענדיגע פייער פון גיהנם, און עס זאל זיי נאך פערגליסטען וויטער אהן צו שמעקען זיך מיט די גע'סרחה. אלזא פאלגטץ מיך ליעבע עהדעלע קינדער, פארגעסטץ אין גאנצען פון וואנעט עטץ קומט ארויס, זעהטץ צו שאניוועט אייער כבוד, ווארען פיעל רייכע און עהדעלע קריסטליכע חתנים קוקען שוין ענק נאך, און וועלען זיך האלטען פאר א זכיה עטץ זאלט ווערען זייערע פרויען, אבער אז זיי וועלען דערהערען, אז עטץ האט נאך אלץ אין זינען וויטער די זשידאווסקי ג'סרחה, וועט עטץ פערליערען אין גאנצען די זעלבסטווירדע אין זייערע אויגען. דעריבער פאלגטץ מיך, נעהמט אייך צוריק געזונדערהייט אויף אייערע ערטער, גרייטץ ענק בעסער צו צום קריסטענטהום אזוי ווי עס דארף זיין, וועט עטץ מיר זיין דאנקבאר עוויג.

די מעדלעך האבען נאך נישט געהאט אין זיך באלד ביים ערשטען מאהל אזא גרויס דרייסקייט זאלען אקעגען שטעלען און זאגען אנדערש ווי דער אלטער גלח זאגט. נאך דער צו אז ער האט צו זיי גערעדט מיט אזא גרויסע חנופה און ליעבליכע געטרייע ווערטער. האבען זיי זיך אבגעריקט פון דעם אלטען גלח און זענען צוריק געגאנגען אויף זייערע ערטער. אבער נאך דעם וואס זיי זענען אוועק פון גלח האט זיך דערפלאקערט צוויי גרויסע פייערען. איין פייער האט אנגעהויבען צו פלאקערען אין די הערצער פון די צוויי מעדלעך, פאר וואס דער גלח האט

זיי

זיי אבגעשטיפט פון זיך מיט גאר נישט, און זיי האבען שוין פערשטאנען גאנץ גוט אז די ליעבליכע רייד פון דעם אלטען גלח איז נאר א חנופה. און אויב זיי וועלען זיך אזוי אראב בייגען שטענדיג פאר זיינע רייד, וועלען זיי קיינמאהל גאר נישט פועל'ן ביי איהם קיין גוטץ פאר זיך. דאס צווייטע פייער וויטער האט זיך צופלאקערט אין הארץ פון דעם אלטען גלח, פאר וואס ער האט גאר נישט דא ביי די מעדלעך אויסגעפיהרט מיט זיין כישוף. ער האט פערשטאנען גאנץ גוט, אז אויב די מעדלעך האבען זיך באמת פערבענגט אהיים צו די עלטערען, וועט די ביטע פון זיי צו איהם וועגען דעם זיין נישט דאס לעצטע מאהל, נאר אז זיי וועלען זיך נאך פיעל מאהל ווענדען צו איהם מיט די זעלבע ביטע. דער אלטער גלח האט גאר נישט פערשטאנען פאר וואס זיין כישוף ווערקט נישט וויטער אויף זיי. ער איז צו געלאפען צו דעם ארט ווי ער האט געהאט בעהאלטען דעם כישוף, וואס ער האט פאר זיי געמאכט, האט ער נישט געטראפען דעם כישוף אין דעם ארדנונג וואס ער האט געדארפט זיך צו געפונען. דאן האט שוין דער אלטער מכשף פערשטאנען, אז דא שמעקט עפעס מיט א פערבארגענע קראפט, וועלכע האט מלחמה מיט זיין כישוף. ער האט באלד אויך פערשטאנען אז די קראפט שטאמט נאר פון דעם, וואס די עלטערען פון די צוויי מעדלעך זענען זיך משתדל ביי יודישע גרויסע קעפ, צוריק צו ציהען די מעדלעך צום יודענטהום. דאס האט טאקי אין דעם אלטען גלח גיברענט ווי א פייער. און ער האט זיך פארלעגט, אז טאמער וועלען די צוויי מעדלעך ווידער פאר איהם קומען מיט אזא ביטע, וועלכעס וועט זיין א בעוויז, אז זיי וועלען שוין זיך נישט לאזען שמד'ן, זאל ער זיך אין זיי שטארק נוקם זיין.

ס'איז ווידער פערביינעגאנגען א צוויי וואכען, און די מעדלעך זענען ארום געגאנגען ווי משוגע. ס'איז זיי אלץ פערמאוסט געווארען. זיי האבען נישט געקאנט קוקען אויף קיין שום זאך. דאס בענגשאפט איז ביי זיי אין הארץ געוואקסען אלע מאהל גרעסער. די פונפציג הויט-שטעכענישען אלע נאכט ווי מיט נאדלען, די מורא'דיגע חלומות, האבען ביי זיי פערשטארקט דעם האראקטער אז זיי זאלען זיך נעמען פעסט צו בעפרייהען זיך פון דעם גיהנם, אפילו ס'זאל זיי קאסטען דאס לעבען. אלזא האבען זיי אנגעפאסט ווידער א טאג וואס זאלען קאנען אנקומען צום אלטען גלח, און זענען וויטער פאר איהם געקומען מיט די זעלבע ביטע, ער זאל זיי ערלויבען צו שרייבען בריעף צו די עלטערען, זאלען אריין קומען צו זיי אין קלויסטער אריין, ווארען דאס בענגשאפט זייערס איז זעהר גרויס.

אצונד האט שוין דער אלטער גלח געזעהן, אז דאס וואס ער האט דער פאר מורא געהאט, איז אים טאקי פארגעקומען. ער האט די מעדלעך אנגעקוקט מיט פייערדיגע אויגען, אזוי ווי דער שלאנג, איידער ער ווארפט זיך אויף זיין קרבן א בים צו טהון. דער גלח האט ווידער געפרובט זיי צו בעריהגען מיט חנופה'דיגע רייד, און האט זיי אנגעהויבען איינצורעדען גאלדענע בערג. אבער זיי האבען זיך שוין אצונד פעסט געהאלטען ביי זייער מיינונג, אז נאר דורכאויס זאל מען זיי ערלויבען צו זעהן זיך מיט זייערע עלטערען. און צווישען די טענות וואס זענען אצונד פארגעקומען ביי דעם שמועס, האבען זיך די מעדלעך

ארויסגעהאפט

אַרויסגעחאַפּט, אַז סאַיי ווי האַלט מען דאָ זיי אומזינסט, וואָרען זיי וועלען זיך בשום אופן נישט לאָזען שמד׳ען.

אַזוי ווי דער גלח האָט דאָס דערהערט, איז ער אויפגעשפּרינגען פון דעם שטיהל מיט אַ שרעקליכען כעס, און האָט זיך אָנגעהויבען אויף זיי שטאַרק צו בייזערען, וואָס פאַר אַ העזה אַזעלכע זשידאָווצינעס האָבען קענען איהם זיך אַזוי האַרט פאַר צו שטעלען, און נאָך דערצו צו בעלייריגען דעם גאַנצען קריסטענטהום. ער האָט זיי געסטראַשעט, אַז ער וועט מאַכען פון זיי אַ תל, און אַז זיי וועלען שוין נישט לעבעדיג פון דאַנעט אַרויס, אויב זיי וועלען זיך נישט שמד׳ען. זיי האָבען אָבער איהם געענטפערט, אַז סאַיי ווי איז זיי נישט ניחא דאָס לעבען, און אויב מען וועט זיי נייטען צו דער שמד, וועלען זיי זיך סאַיי ווי נעמען אַליין דאָס לעבען.

אַז דער אלטער גלח האָט געזעהן זייער האַרט שטאָלצקייט, האָט ער אָנגעהויבען טכלומרשט מיט זיי ווייכער צו ריידען און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט: „ווייסט עטץ וואָס קינדער! איך זעה אַז פון בייזערען און פון קריגען זיך וועט דאָ גאָר נישט דערויס קומען. אַלזאָ איך וועל ענק אַזוי זאָגען. איך גיב ענק צייט גאַנצע צוויי וואָכען, עטץ זאָלט ענק מיישב זיין, אויב אין די צוויי וואָכען וועט עטץ ענק נישט אָנקלערען אויף בעשטוממט, אַז עטץ בלייבט אייביגע קריסטענס, און עטץ וועט שוין מעהר נישט דענקען וועגען ענקערע עלטערען, זאָג איך ענק צו אַז איך וועל אייך נאָך די צוויי וואָכען אַליין אינגאַנצען בעפרייען. אַצונד געהטץ אויף ענקערע ערטער און לאָזט מיך צו רוה".

חאָדזש דער אַלטער גלח האָט גאַנץ גוט פערשטאַנען אַז די מיידלעך וועלען זיך נישט מיישב זיין צו וועלען זיך שמד׳ען, דאָך האָט ער אָבער גאָר געהאַט דערביי אַנ׳אַנדער מיינונג. אַזוי ווי דער גלח האָט געזעהן, אַז דער ערשטער כישוף זיינער איז קאַליע געוואָרען, האָט ער אָנגעהויבען פּאַרלעגען אַ כח די מיידלעך אַנאַנדערען כישוף צו טהון. צו דעם צוועק האָט ער געדאַרפט בעקומען פון זיי עפּעס זייערס אַ זאַך. אָבער פון קערפּער זעלבסט, דהיינו האָר אָדער נעגעל. אָבער עפּעס פון זייערע קליידער. דער גלח האָט זיך אָנגעפרעגט ביי די צוויי מאַנאַכינעס די אויפזעהרינס פון די מיידלעך צו זיי וועלען קאָנען איהם ווידער צו שטעלען ביסלעך האָר פון זייערע קעפּ. האָבען זיי איהם אָב געענטפערט, אַז דאָס קאָן שוין נישט זיין, בעווייל זיי היטען זיך שטאַרק שוין מיט די האָר. פון דעם ענטפער האָט דער גלח נאָך מעהר פערשטאַנען אַז די מיידלעך זענען געוואָהר געוואָרען פון דעם סוד, אַז ביי דעם ערשטען זעהכטץ זענען זיי געוועזען פערכישופט דורך זייערע האָר. אויך האָט דער גלח פערשטאַנען, אַז דער זעלבער וואָס בעניצט אַזאַ גרויסע קראַפט, ער זאָל וויסען פון דרויסען וואָס דאָ איז קלויסטער טהוט זיך אָב בחדרי חדרים, דער זעלבער האָט זיכער עפּעס אַריינגעשיקט פאַר די מיידלעך אַזאַ סגולה, זאָלען געהן אין דער סגולה אָנגעטהון, אָדער אָנגעהאָנגען אויף׳ן האַלדז, וועלכעס האָט אַ קראַפט קאַליע צו מאַכען דעם כישוף, אָבער נישט צו צולאָזען צו זיי אינגאַנצען קיין כישוף. דעריבער האָט דער גלח זיי צייט געגעבען צוויי וואָכען, כדי ער זאָל קאָנען איבער דער צייט אָנקריגען

עפעס א זאך פון די מיידלעך, דורך וועלכען ער וועט קאנען זיי א נייען כישוף מאכען. און אויך וועט ער קאנען איבער דער צייט אויסקלערען עפעס אן עצה קעגען דער פערבארגענע סגולה זאל איהם נישט שטערען צו מאכען זיי א נייען כישוף.

און אט דאס איז געוועזען די קלוגע עצה פון דעם אלטען גלח, וועלכער איז געוועזען א געניטער כישוף-מאכער. קודם האט ער גיגעבען א באפעהל בסוד צו די צוויי מאנאכינעם זייערע אויפזעהרינס, אז זיי זאלען זעהן איהם צו צו-שטעלען עפעס פון זייערע קליידער. די מאנאכינעם האבען אויף דעם פערלעגט א כח, און זיי האבען אנגעקריגען פון איין מיידעל א טיכעל, און פון דעם אנדערען מיידעל א שערצעל. דער אלטער גלח האט דאס ביי זיי צו גענומען און בעהאלטען ביי זיך. האט ער שוין בעקומען זאכען מיט וואס ער זאל קאנען זיי דעם נייען כישוף טהון. אצונד וויטער קעגען די פערבארגענע סגולה פון די מיידלעך איז דער גלח געפאלען אויף אזא עצה. אזוי ווי ס'איז דארט אין קלויסטער געוועזען ספעציעל א באד אויף פארע און אויך מיט וואנעס, און ס'איז געוועזען איינגעפיהרט דאס צו הייצען אלע צוויי וואכען. אמאהל איז דאס געוועזען פאר די מאנאכען און אמאהל פאר די מאנאכינעם. און מען האט אויף דעם גאנץ שטארק אכאכט גיגעבען, אז יעדער זאל זיך גוט אבוואשען אין א וואנע. דאס האט דער אלטער גלח אצונד אויסגעניצט צו דעם צוועק פון זיין כישוף אז די פערבארגענע סגולה זאל איהם נישט שטערען.

אום ענדע פון די צוויי וואכען, וואס דער גלח האט גיגעבען צייט די מיידלעך זאלען זיך מיישב זיין, איז אויסגעקומען פונקט צו הייצען דאס באד פאר די פרויען מאנאכינעם. דאן האט דער גלח געשיקט ריפען די צוויי מאנאכינעם, די אויפזעהרינס פון די צוויי מיידלעך, און האט זיי אנגעזאגט, זאלען זעהן אז די צוויי מעדלעך זאלען נעמען א וואנע, און אזוי ווי נאר זיי וועלען זיך אריין זעצען אין דער וואנע, זאל איינע פון די צוויי מאנאכינעם לויפען געבען איהם א ידיעה בסוד אז זיי זיטצען שוין אין די וואנע. דער אלטער גלח האט גאנץ גוט פערשטאנען, אז די פערבארגענע סגולה געפינט זיך דאמאלס נאר צווישען זייערע מלבושים, ווארען זיצענדיג אין די וואנע טראגען זיי דאך זיכער נישט אויף זיך די סגולה, אלזא איז דאמאלס א שעת הכושר צו מאכען זיי דעם כישוף.

דער פלאן פון דעם אלטען געניטען מכשף איז טאקי אויסגעפיהרט געווארען פונקטליך, אזוי ווי ער האט פריהער איבערגערעכענט. און אזוי ווי נאר ער איז געוואר געווארען, אז זיי זיצען שוין אין די וואנע, האט ער באלד גע-מאכט דעם כישוף. אבער דער כישוף איז נישט געוועזען שוין וועגען דעם, אז זיי זאלען נישט וועלען אהיים צו זייערע עלטערען. נאר דער כישוף איז געוועזען זעהר שטרענג, אז זיי זאלען פערליערען די ראיה, זאלען פליצלינג אויפהערען צו זעהן אויף די אויגען. און בעוויל דער מכשף האט איבערגעקלערט, אפשר האט די פערבארגענע סגולה אזא גרויסע קראפט, אז אזוי ווי זיי וועלען נאר אנטהון די סגולה, וועט דער כישוף אבגעשוואכט ווערען, דעריבער האט דער

אלטער

אַלטער מכשף זיך געאײַלט און האָט באַלד דעם כּישוף אַרײַנגעוואָרפֿען אין זײַן בּרינע. ער האָט גענומען אַ גרויסע בּלעכענע פֿערמאַכטע פּושקע, און האָט דאָרט אַרײַנגעלעגט דאָס טיכעל מיט דעם שערצעל מיט די רעשט כּישוף מאַטעריאַלען. די פּושקע האָט ער גוט פֿערמאַכט מיט'ן דעקעל און האָט זי אַראָב געלאָזט אין די בּרינע אַרײַן בּײַ זיך אויפֿ'ן הויף. און דאָס איז בּעוואוסט, אַז יעדער כּישוף וואָס מען וואַרפֿט איהם אַרײַן אין אַ וואַסער אַרײַן, קאָן מען איהם שוין נישט אָבּשוואַכען דורך קײַן שום זאַך פֿון דער וועלט.

די צוויי מעדלעך, זיצענדיג אין די וואַננע לוסטיג און ... זיך, רעכענענדיג אַז אין קורצען וועלען זיי שוין בּעפֿרײַהט ווערען. האָבּען זיי בּײדע פּלוצלינג דערשפּיהרט, אַז עפּעס ווערט זיי אַבּיסעל דונקעל פֿאַר די אויגען. האָבּען זיי בּײדע געזאָגט אײנע צו די אַנדערע, זאָלען שוין אַרויסגעהן פֿון די וואַננע, וואָרען זיי זיצען שוין צו לאַנג און זענען דורך דעם אָבּגעשוואַכט געוואָרען, אַז עס ווערט אַזש זיי דונקעל פֿאַר די אויגען. בּײדע מײדלעך זענען גיך אַרויס פֿון דער וואַננע און האָבּען זיך שנעל אָנגעטהון. זיי האָבּען זיך אָנגעוואַשען דאָס פּנים מיט די אויגען אין קאַלט וואַסער, רעכענענדיג אַז דורך דעם וועלען זיי דערפֿרישט ווערען און די ראיה וועט זיך צו זיי צוריק קערען. אָבּער די רפואה האָט גאָר נישט געהאָלפֿען, זיי האָבּען אַלע מאָהל וועניגער געזעהן. זיי האָבּען בּאַלד געאײַלט זיך אַהײם צו געהן אויף זײערע ערטער, און האָבּען זיך אָבּגעשמיסט בּאַלד צו לעגען זיך שלאָפֿען. פּדי אַז זיי וועלען זיך אַבּיסעל איבּערשלאָפֿען, וועלען געוויס די אויגען צוריק געקרעפֿטיגט ווערען. זיי האָבּען טאַקי אַזוי געטהון און האָבּען זיך געלעגט בּאַלד שלאָפֿען. ווי געוועהנליך נאָך אַ בּאָהד שלאָפֿט מען געשמאַק, זענען זיי געשלאָפֿען גאַנץ געשמאַק.

ס'איז געקומען אין דער פֿריה די צײַט פֿון אויפֿשטעהן. זיי זענען אפילו אויפֿגעקומען צו דער צײַט און האָבּען גיעפֿענט די אויגען. אָבּער אַזוי ווי זיי האָבּען שוין אין דער פֿריה גאָר נישט געזעהן, האָבּען זיי גירעכענט אַז ס'איז נאָך אין מיטען די נאַכט, האָבּען זיי ווידער צוגעמאַכט די אויגען און זענען ווײַטער אַנטשלאָפֿענט געוואָרען. די מאַנאַכינעס האָבּען גיזעהן אַז די צוויי מעדלעך זיי שטעהן נישט אויף, ס'איז שוין זײגער נײַן. די מײדלעך האָבּען געשריגען, ס'איז דאָך נאָך פֿינסטער! ס'הייבּט דאָך נישט אָהן צו טאָגען! וואָס ווילט עטץ פֿון אונז האָבּען! די מאַנאַכינעס האָבּען אָבּער זיי דערקלערט, אַז זיי האָבּען אַ טעות. די מײדלעך האָבּען אַליין אויך אָנגעהויבּען צו שפּירען אַז זיי זענען זיך טועה. דאַן זענען זיי שוין געוואָר געוואָרען, אַז זיי זענען פּשוט בּלינד געוואָרען. דאָס איז געוועזען אַזאַ מין בּלענדיקײַט, וואָס אויף די אויגען האָט מען גאָר נישט אָנגעזעהן. די אויגען זענען געוועזען ווײַטער רײן און לויטער, פּונקט אַזוי ווי בּײַ אַלע מענשען. ס'איז גאָר נישט געוועזען צו דערקענען. אַזוי ווײַט אַז די מאַנאַכינעס האָבּען געהאַט אַ קלעהר, אַז זיי מאַכען זיך אַזוי מיט אַ כּוונה, כּדי אַזוי נאָך זאָל מען זיי בּעפֿרײַהען און אַהײם שיקען.

בּקיצור ס'איז געבּליבּען מען זאָל שיקען נאָכ'ן דאָקטאָר. דער דאָקטאָר איז

געקומען

געקומען, האָט זיי בעטראַכט און גע̇פּרובט, האָט ער אַרוים גיגעבען אַ רעזאָלוציע, אַז זיי זענען ווירקליך בלינד. האָדוש די אויגען זענען גאָר נישט קאַלי, אָבער די אויגען נערווען האָבען אויפגיהערט צו פונקציאָנירען. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט זיין מיינונג ווי אַ דאָקטאָר, אַז דאָס טרעפט זיך אַזוי ביי פיעל מענשען, און די אורזאַכע פון דער קראַנקהייט איז נאָר עגמת נפש. די מאַנאַכינעס האָבען דאָס אַלץ וואָס האָט זיך דאָ פּערלאָפען דערצעהלט דעם אַלטען גלח. האָט דער גלח זיי געזאָגט, אַזוי ווי ער האָט צייט גיגעבען צוויי וואָכען די מיידלעך זאָלען זיך מיישב זיין, און די צוויי וואָכען לאָזען זיך אויס אין צוויי טאָג אַרום, אַלזאָ זאָל מען די מיידלעך ברענגען פאַר איהם אין צוויי טאָג אַרום, ער זאָל הערען וואָס פאַר אַן ענטפער זיי וועלען איהם געבען. דאַן קאָן זיין אויב זיי וועלען שוין איינשטימען מיטין גאַנצען האַרץ צו ווערען ערליכע אייביגע קריסטענס, וועלען זיי צוריק זעהן.

די מאַנאַכינעס האָבען דערצעהלט פאַר די מיידלעך די ווערטער וואָס זיי האָבען גיהערט פון אַלטען גלח. פון די ווערטער האָבען שוין די מיידלעך גאַנץ גוט פערשטאַנען אַז דאָס איז נישט קיין קראַנקהייט, ווי דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, נאָר דאָס איז געוויס געמאַכט געוואָרען דורך אַ כישוף פון אַלטען גלח, כדי אַזוי אַרום צו נייטען זיי זאָלען בעשטעהן אויף די שמד. אָבער די מיידלעך האָבען זיך אָנגעשמיסט איינמאָהל פאַר אַלע מאָהל, זאָלען אפילו וויסען אייביג בלינד צו בלייבען זאָלען זיי אויך נישט לאָזען זיך אָב שמד׳ען נאָר מען זאָל זיי אָבלאָזען אַהיים צו זייערע עלטערען.

נאָך די צוויי טאָג האָבען די מאַנאַכינעס געבּרענגט צו פיהרען די צוויי מיידלעך פאַר דעם אַלטען גלח. דער אַלטער מכשף האָט גאָר געקוואָלען פון זיינע צוויי קרבנות, וואָס ס׳איז איהם אַזוי וואוהל געראָטען. ער האָט געפרעגט די מיידלעך: „נו, ליעבע קינדער וואָס האָט עטץ ביי אייך אין האַרץ בעשטימט? אַצונד קאָנט עטץ שוין אַליין גוט פערשטעהן, ווי ווייט עטץ האָט ענק פערזינדעגט קעגען דעם הייליגען קריסטענטהום, וואָס עטץ זענט שוין באַלד גיוועזען גאָר גוט צוגעגרייט צו דער שמד, האָט עטץ ווידער חרטה בעקומען צוריק צו קערען זיך צום זשידאָווסטווא. עטץ זענט שוין גיוועזען ביי די טהיר פון גן-עדן גרייט אַריינצוטרעטען, צום סוף האָט עטץ ענק צוריק גערוקט זיך צו די טהיר פון גיהנם. אַצונד קינדער האָט עטץ צוויי וועגען פאַר אייך, אויב עטץ וועט בעשטעהן מיטין גאַנצען האַרץ צו ווערען אייביגע ערליכע קריסטענס, עטץ זאָלט שוין מעהר נישט אין זינען האָבען ענקערע זשידאָווסקע עלטערען. דאַן וועל איך אָברעכטען אַ מאָדליטווע פאַר אייך, וועט אַראָבגענומען ווערען די שטראָף פון הימעל, וואָס איז אויף ענק געקומען, און עטץ וועט באַלד צוריק זעהן, ווי אַלע מענשען זעהן. און אויב עטץ וועט טאַקי אין אמת׳ן זיין איינגעשפּאַרט צוריק צו קערען זיך אַהיים צו ענקערע עלטערען און צום זשידאָווסטווא וועט עטץ שוין אַזוי אָבלעבען אייביג ענקערע יאָהרען אין בלענדיקייט, און עטץ וועט האָבען אַזאַ ווערדע אויף די וועלט ווי די בלינדע שטשעניקלעך. און איך וועל בעפעלען

ענק באלד ארויס צו פיהרען פון קלויסטער, עטץ זאלט ענק קאנען פריי ארומקריכען אין שטאדט, צו געהן איבער די טהירען פון די פערשטינקענע זשידעס זיי זאלען ענק שענקען א שטיקעל ברויט".

אזוי ווי דער אלטער גלח האט געענדעקט זיין רעדע, האבען ביידע מעדלעך גלייך געענטפערט: „מיר האבען בעשטומט אפילו בלינדערהייט אויך צוריק צו קערען זיך צו דער יודישער הייליגער רעליגיא, און צוריק צו קערען זיך אהיים צו אונזערע ליעבע עלטערען. דארט וועט אונז בעסער שמעקען א שטיקעל שווארץ ברויט מיט זויערען בארשטש, ווי דא די קאטלעטען מיט'ן וויין. מיר זענען נאר צו דעם אומגליק פערפיהרט געווארען דורך פרעמדע חיטרע קעפלעך, אבער נישט דורך אונזער אייגענעם פערשטאנד. אלזא בעט מען אייך אזוי ווי איר פערשטעהט, אז איר וועט שוין מיט אונז גאר נישט מער קאנען אויפטהון זאלט איר אונז טאקי באלד בעפרייהען פון דעם קלויסטער. מיר ווילען שטארבען יודישע קינדער. אזוי ווי מיר זענען געווארען געבוירען, אזוי ווילען מיר ווערען פערלוירען".

דער אלטער גלח איז געווארען שטארק אויפגעריגט פון דעם ענטפער וואס ער האט דא געהערט פון די צוויי נאיווע דארפס מעדלעך. ער האט א געשריי געטהון צו די צוויי מאנאכינעס: „פיהרט ארויס באלד די צוויי זשידאווסקי שטשענאקעס פון קלויסטער. מען טאר שוין מעהר אזעלכע אומריינע דושעס (נשמות) נישט האלטען דא אויף אזא הייליג ארט. לאזען זיי זיך ארום בלאנקען שוין ווי זיי ווילען און פון דאנעט באלד ארויס, איך זאל שוין טע זייערע זשידאווסקי פעניטער נישט אנקוקען".

ווי געוועהנליך האבען די מאנאכינעס באלד מקיים געוועזען דעם שטרענגען באפעהל פון דעם אלטען גלח און זיי זענען ארויס געפיהרט געווארען אויף דער אנדערע זייט טויער פון קלויסטער, און מען האט זיי אזוי געלאזט שטעהן. זיי האבען געבעטען מען זאל זיי חאדזש אריינפיהרען אין גאס אריין ווי יודען וואהנען. אבער זיי זענען נאר געבליבען ביים ריידען ווייטער נישט. זיי זענען אזוי געשטאנען און האבען אום געקוקט ס'זאל פערביי געהן א יוד, וועלכער זאל זיי ערגיץ פיהרען אין א יודיש הויז אריין, און וואס זיי האבען געהערט א מענש פערביי געהן, האבען זיי איהם געפרעגט צו ער איז א יוד. און ס'האט נישט לאנג געדויערט איז פערבייגעגאנגען א יודישע פרוי, וועלכע האט ביידע מעדלעך אריין געפיהרט גלייך צום שטאדטס רב.

דארט ביים רב אין שטוב האבען זיי הערשט פריי אבגעאטעמט, און האבען זיך גוט צו וויינט. די רביצען האט זיי אויסגעריעדט זאלען נישט וויינען, ווארען אין דעם זכות וואס זיי זענען בייגעשטאנען אזא גרויסען נסיון, וועט אוודאי דער אויבערשטער העלפען זאלען נאך געהיילט ווערען אויף די אויגען, אויף די מיידלעך'ס בקשה האט מען באלד דערפעשירט נאך זייערע עלטערען, וועלכע זענען באלד געקומען צו פאהרען, די פאטערס מיט די מוטערס. ווער קאן זיך פארשטעלען וואס דארט איז געהערט געווארען ווען די עלטערען האבען דערזעהן פאר זיך

זייערע

זייערע טעכטער בלינדערהייט. עס האט אזוי געדויערט דאס געוויין מיטין געשריי מיטין קישען זיך אלאנגע צייט. די צוויי פאטערס האבען זיך געפרעגט ביים קראקעווער רב אן עצה. וואס זאלען זיי אצונד טהון. האט דער רב געזאגט זיין עצה איז, אז דער וואס האט זיך אנגעהויבען דא אריינצומישען צו העלפען ענק. דער זאל גומר זיין איינגאנצען די הילף. אלזא האט דער רב געהייסען זאלען אלע צוזאממען גלייך אוועק פאהרען קיין גריידיץ צום הייליגען צדיק, און דארט וועלען זיי געוויס די רעשט הילף בעקומען. אבער אזוי ווי די מיידלעך זענען געווען פון שרעק און פון צרות זעהר אבגעשוואכט, זענען זיי דערווייל אויף איבער די וואך אריין אין קראקא אויף א סטאנציע, כדי די קינדער זאלען זיך גוט אויסריהען פון זייערע צרות, און זאלען אביסעל בעסער קומען צו זיך.

ביי נאכט האבען זיך ווייטער די מעדליך גירעכט אויף דער הויט-שטעכעניש פונפציג מאהל ווי שטענדיג, זיי האבען אזוי געזאגט צו די מוטערס: „מיר וואלטען שוין איינגעשלאפען, נאר מיר ווילען שוין איבער-וואַרטען די יסורים פון הויט-שטעכעניש וואס מיר ליידען אלע נאכט פונפציג מאהל”. אבער די צרה איז שוין צו זיי מעהר נישט געקומען. זיי האבען זיך זעהר שטארק פערוואונדערט און האבען געזאגט איינע צו דער אנדערע. אצונד זעהן זיי שוין אשטיקעל הילף. און זיי קאנען שוין האבען באמת א האפענונג, אז אזוי ווי די צרה איז פון זיי אליין אוועק געגאנגען, אזוי וועט די צרה פון בלענדיגקייט אויך אליין אוועק געהן מיט'ן אויבערשטענס הילף.

אויף די אנדערע וואך זענען די עלטערען מיט ד. צוויי מיידלעך אריבער געפאהרען פון קראקא קיין גריידיץ. די שמחה איז גיוועז זעהר גרויס. אויף דעם געוויין וואס די עלטערען האבען געוויינט וועגען בלענדיגקייט פון זייערע קינדערס אויגען האט דער גריידיצער צדיק מיט א שמייכעל גיענטפערט: „נו אויף דעם האט עטץ גאר נישט וואס צו זארגען! דער אויבערשטער איז א פוקח עורים”. דער צדיק האט געהייסען אז אלע פרעמדע מענשען זאלען ארויסגעהן און האט געהייסען די מעדלעך זאלען איהם דערצעהלען די גאנצע מעשה פון אנהויב ביז צום סוף. און ווען די מעדלעך האבען דערצעהלט, אז אזוי ווי זיי זענען נאר אביסעל גיזעסען אין די וואגנעם האבען זיי אנגעהויבען שוין נישט גוט צו זעהן, האט דער גריידיצער רב א קנאק געטהון מיט'ן פינגער און האט געזאגט: „אזוי אצונד פערשטעה איך שוין, פאר וואס די קמיעות האבען צו געלאזט דעם כישוף, בעוויל דער מכשף האט פונקט אנגעפאסט צו מאכען זיי דעם כישוף בשעת ווען זיי האבען נישט געטראגען אויף זיך די קמיעות. און אזוי ווי איך זעה אז די קמיעות האבען נישט די קראפט מבטל צו זיין דעם כישוף, מוז זיין אז דער מכשף האט באלד אריינגעווארפען דעם כישוף אין

א וואסער

אַ וואַסער אַריין". דער גריידיצער רב האָט געפּרעגט די מיידלעך צו שטעהט נישט עפּעס דער קלויסטער נעבען אַ טייך. האָבען זיי געזאָגט, אַז קיין שום וואַסער איז דאָרט נישט דאָ, נאָר די ברינע פון הויף. האָט דער גריידיצער רב געזאָגט: „אויב אַזוי האָט ער געוויס אַריינ־געוואָרפען באַלד דעם כּישוף אין די ברינע אַריין, אָבער זאָרגט'ס נישט דער אויבערשטער וועט העלפען".

דער גריידיצער רב האָט זיך אויפגעהויבען פון די שטיהל, און ער האָט זיך געוואַשען די הענד און האָט זיך אַרומגעגאַרטעלט מיט זיין גאַרטעל. נאָכהער האָט ער אויפגעהויבען ביידע הענד צום הימעל און האָט געזאָגט: „רבונו של עולם אין דעם זכות וואָס די יודישע קינדער האָבען זיך מוסר נפש געווען צוליעב דיין היילינגקייט. זאָלסט דו זיי שיקען אַ הילף, אַז אַזוי ווי דו האָסט טריקען געמאַכט פאַר דיין פאָלק יודען דעם ים סוף, אַזוי זאָל די ברינע, וואָס דער כּישוף ליגט אין איהר, באַלד אויסגעטריקענט ווערען אויף אייביג". דער אויבערשטער האָט צו געהערט דעם גריידיצער רב'ס תפלה, און דאָס וואַסער איז פון די ברינע באַלד פערלוירען געוואָרען. און אַזוי ווי דער כּישוף איז שוין נישט געלעגען אין וואַסער איז ער באַלד דורך די קמיעות איינגאַנצען אָבגעשוואַכט געוואָרען, און די מיידלעך האָבען באַלד בעקומען צוריק די ראיה און זיי האָבען אָנגעהויבען צו זעהען פּונקט ווי דעפויהער.

ביי דעם מופת איז די גאַנצע שטאָדט גריידיץ געקומען צו לויפען זעהען דאָס גרויסע וואונדער, וואָס דער גריידיצער רב האָט דאָ בעוויזען. דאַמאָלס איז אויך געוועזען פיעל פרעמדע מענשען ביים גריידיצער רב. און אַזוי נאָך איז דער מופת שטאַרק מפורסם געוואָרען אויף די וועלט.

דער גריידיצער רב האָט נישט געהייסען די מיידלעך אַזוי אַרומ־געהן, כּדי עס זאָל זיי נישט שאַדען קיין עין הרע, וואָס יעדער האָט זיך אַזוי שטאַרק פערוואונדערט אויף זיי. נאָר ער האָט געהייסען זיי זאָלען געהן פערהאַנגען די פענימער, ביז זיי וועלען אַהיים קומען אין שטיב אַריין צו זייערע עלטערען. אויך האָט ער זיי געהייסען געהן אָנגעטהון אין די קמיעות שטענדיג. אויך האָט ער זיי געהייסען זאָלען נעמען אויף זיך אַז זיי זאָלען שטענדיג פאַסטען דעם טאָג וואָס זיי זענען בעפרייהט געוואָרען פון קלויסטער. נאָכהער האָט דער גריידיצער רב זיי געבענטשט. דער אויבערשטער זאָל זיי מוחל זיין אויף דעם, וואָס זיי האָבען גיגעסען אַזוי לאַנג טריפות און האָבען געקישט דעם צלם. אויך האָט ער זיי געוואונטשען זיי זאָלען בעקומען גוטע מענער און זאָלען האָבען הצלחה אין אַלע ענינים.

אַצונד

אצונד ווער עם ווייסט פון די מעשה אהן דעם בעשרייבונג, דער ווייסט גאנץ גוט אז די ברכות, פון גריידיצער רב זענען מקוים געווארען. די עלטערען זייערע זענען רייך געווארען, זיי האבען גע־האלטען בשותפות א לאטעריע צעטילע, האבען זיי געווינען צוואנציג טויזענד רובל. מיט די צוויי טעכטער האבען זיי געטהון גאנץ שעהנע שידוכים, און ס'איז זיי גאנץ גוט געגאנגען אין אלע ענינים. זיי האבען געהאט שטענדיג כל טוב.

5 טעם העפט   דער   5 טעם העפט

גרײדיצער

רבי אליהו גוטמאכער זצ"ל

פון פרייסען

דאָ איז בעשריבען די צוויי שרעקליכע און זעהר וואונדערליכע מעשיות וואָס דער גריידיצער צדיק האָט בעוויזען אַרויס צו טרייבען אַ דבוק פון

פיער מכשפות

[illegible]ן די צווייטע מעשה איז וואָס ער האָט אַרויס געטריבען אַ שרעקליכען דיבוק פון אַ שטאַרקען רוח הטומאה.

איבערגעזעצט פון בעריהמטען ספר וואס דער טארלער רבי הגאון ר' יודל ראזענבערג שליט"א פון לאדז האט ארוים גיגעבען מיט'ן נאמען

הדרת אליהו

בהוצאת בית מסחר הספרים של ר' יצחק שלאמאוויץ
לאדז נאוואמיעסקא נומר 16
אשר קנה הזכות לצמיתות מאת המחבר הרה"ג ר' יודל ראזענבערג הנ"ל.

פיעטרקוב

DRUK. SIKORA I MYLNER WARSZAWA NOWOLIPKI 6.

דא איז בעשריבען די שרעקליכע און זעהר וואונדער־ליכע מעשה, וואס ווערט געברענגט אין גריידיצער רב׳ס ספר „צפנת פענח״, וואס דער הייליגער צדיק האט אליין אנגעשריבען זעהר בקיצור, ווי אזוי ער האט ארויסגעטריבען א שווערען דיבוק פון א אינגעל, וואס ביי איהם אין בויך זענען געזעסען פיער רוחות — מכשפות. און מיט דעם כח פון זיין תהלים זאגען האט ער זיי פערטריבען. אבער דא איז די גאנצע מעשה בעשריבען פונקטליך, לויט ווי מענשען, וואס זענען געשטאנען דערביי, האבען דערצעהלט.

די מעשה איז פארגעקומען בשנת תרל״ג אין א קליין שטעדטעל פון אונגארען, וועלכעס הייסט „רזשעצין״. נעבען דעם שטעדטעל רזשעצין איז א גרויס דארף. דארט אין דעם דארף האט זיך געפונען אן׳אלטע גוי׳ה, וועלכע איז געוועזען בעוואוסט אין גאנצען געגענד פאר א גרויסע מכשפה. די מכשפה האט געהאט דריי גרויסע טעכטער, וואס קיינער האט זיי נישט געוואלט נעמען פאר פרויען. ווארען א גוי ליידט אויך נישט קיין מכשפה. דאס איז ביי זיי אויך גערעכענט פאר א גרויסען פערברעך, ווער ס׳גיט זיך אן צו כשוף. אלזא זענען די דריי טעכטער געזעסען ביז׳ן גראהען צאפ צוזאמען מיט די מוטער אין א הייזעל פון עק דארף. די אלטע מכשפה האט די דריי טעכטער אויך אויסגעלע־רענט כישוף מאכען. און פון דעם איז געוועזען זייער פרנסה. האט עמיצער גע־וואלט קלוגען א שונא, איז ער אנגעקומען בסוד צו די מכשפות, און זיי האבען שוין געמאכט די קלוג. געגומען האבען זיי דערפאר א ביסעל קארטאפעל און שפייז, און אמאהל אויך עטליכע גילדען. האט זיך איין פויער צוקריגט מיט׳ן צווייטען האט ער שוין דעם אנדערען אנגעמאכט א קלוג, אבער א פערד איז איהם געפאלען אדער בלינד געווארען. אבער די קיה האבען אויפגעהערט צו געבען מילך. דאס איז אלץ געמאכט געווארען דורך די מכשפות. בקיצור די מכשפות האבען געווארפען א שרעק אויפ׳ן גאנצען דארף.

אזוי ווי ס׳האט זיך אבער אנגעקליבען פיעל צרות אין דארף דורך די מכשפות, האבען זיך געמאכט עטליכע גוים א האסלע אויף זיי, מען זאל זיי מבער זיין פון דער וועלט אינגאנצען. דאס האט געמוזט אויסגעפיהרט ווערען זעהר שטרענג בסוד. אמאהל ביינאכט האט פלוצלונג דאס הייזעל פון די מכשפות אנגעהויבען צו ברענען. בעווארענט איז געווארען פריהער, אז זיי זאלען נישט קאנען באלד ארויסלויפען, נישט דורך קיין טהיר און נישט דורך קיין פענסטער. בקיצור אלע פיער מכשפות זענען אומגעקומען אין דעם הייזעל. זייערע אבגע־

ברענטע

ברענטע קערפערם האבען אבער די גוים נישט געלאזט בעגראבען אינוועניג אין סמענטאריש, וואס איז געוועזען נישט ווייט פון דעם דארף. נאר ס'איז געבליבען ביי די גוים, מען זאל די פיער קערפערם בעגראבען נעבען סמענטאריש אין דרויסען, ביים געמויערטען פערקאן, וואס האט ארומגעצוימט דעם גאנצען סמענטאריש. דער פלאן איז אזוי טאקי אויסגעפיהרט געווארען, און מען האט דערנאך דעם גרובען גאר נישט דערקאנט.

דאס שטעדטעל רזשעצין איז שטענדיג געוועזען אַן'אָרעם שטעדטעל. דאס רוב איינוואהנער האט זיך מפרנס געוועזען פון די דערפער וואס זענען געוועזען ארום דעם שטעדטעל. זיי פלעגען אלע אין דערפריה ארוים צו לויפען אין די ארומעדיגע דערפער, יעדער האט שוין געהאט זיינע געשעפטען צווישען די פויער'ן און פארנאכט פלעגען זיי אהיים קומען. איז געוועזען אין דעם רזשעצין א פויערעשער שניידער מיט'ן נאמען ארקע. דער ארקע שניידער פלעגט זיך אויך אזוי פיהרען, אלע אין דער פריה איז ער מיט'ן זעקעל אויף די פלייצעס ארוים אין דארף אריין, דעם פויער פערראכטען די סוקמאנע, דעם געלעגט א לאטע, און אמאהל איז ער אויך בעגליקט געווארען צו מאכען גאר וועלכען פויער א נייע סוקמאנע. אזוי האט ער אבגעפיהרט אלע טעג. און אויף דער נאכט איז ער אהיים געגאנגען שטענדיג מיט עטליכע מטבעות אין טאש.

דער ארקע שניידער האט שוין געהאט א דערוואקסען בחור'ל פון א יאהר עלף. האט ער נישט געקאנט צאהלען פון איהם קיין מלומד געלד, איז דאס בחור'ל ארומגעלאפען הפקר. אלע קאזעס און חזרים פון דעם שטעדטעל, זענען געוועזען זיינע חברים. פאר די מוטער האט ער קיין שום מורא נישט געהאט. ער האט זי צוריק געשאלטען און צוריק געשלאגען. די מוטער פלעגט שטענדיג פער'מסור'ן דעם תכשיט פאר'ן פאטער, ווען ער איז אהיים געקומען פון דארף. דער פאטער איז אבער געוועזען שטענדיג מיעד אויף די נאכט. ער פלעגט איהם מכבד זיין אמאהל מיט עטליכע פעטשלעך, אבער דאס האט גאר נישט געהאלפען, ער איז נאך ערגער געווארען. דאוועגען מיט א ברכה מאכען איבער'ן עסען איז ביי איהם געוועזען ווי סם, א ציצה-כנפות איז איהם אויך פער'מאוס'ט געווארען צו טראגען. און אז ער האט שוין יא געטראגען א ציצה-כנפות זענען די ציצית קיינמאהל נישט כשר געוועזען. דער פאטער מיט די מוטער האבען געזעהן אז דער תכשיט ווערט אלע מאהל ערגער איז ביי זיי בעשטומט געווארען אז דער פאטער זאל איהם אנהייבען מיט צו נעמען אין דארף אריין און ביסלעכווייז איהם אנהויבען צו לערנען שניידעריי.

דאס איינגעל האט געהייסען איציקעל. אז דער פאטער האט איהם געפרעגט: „איציקעל אפשר וועסטו מיט מיר גיין אלע טאג אין דארף אריין, וועכטו מיר העלפען טראגען דאס פרעס-אייזען און וועסט דיך אנהויבען צו לערנען שניידעריי? סיי ווי זעה איך דאך, אז קיין רב וועסטו שוין נישט זיין". איציקעל איז צו דעם פארשלאג צו געפאלען, זא ווי פוטטער צו וואָרעם ברויט. און דאס געשעפט איז באלד געשלאסען געווארען. זומער איז דאמאלסט געוועזען. איציקעל האט זיך אויפגעחאפט אלע טאג אין דערפריה און איז

מיט'ן

מיט'ן פאטער מיט געלאָפען אין דאָרף אריין. און ווי געוועהנליך ביי אזא גביר איז איציקעל ארום געלאָפען באָרוויס אינגאנצען, אָבער נאקעט נישט אינגאנצען, נאר האלב. דאָס זשיבעצעל האָט ער איבערגעלאָזט אין דערהיים אויף שבת. דעם ציצה-כנפות האָט ער אויך געפלעגט מעהר איבער צו לאָזען אין דערהיים ווי מיט צוגעמען, אויב ס'איז נאר איהם געראָטען אז דער פאָטער האָט זיך אויף דעם נישט גוט אומגעקוקט, קיין גרויסע נפקא מינה איז אפילו נישט געווען וואָרען קיין גאנצע ציצית האָבען זיך סיי ווי ביי איהם נישט געקאָנט קיינמאָהל דערהאלטען. דער וועג וואָס ארקע שניידער פלעגט אלע טאָג מיט זיין איציקעל לויפען אין דאָרף אריין איז אויסגעקומען פערביי צוגעהן נישט ווייט פון דעם סמענטארזש וואָס דאָרט זענען בעגראָבען געוואָרען אין דרויסען נעבען פערקאן די פיער פערברענטע מכשפות אָבער זייער גראָבען איז גאר נישט געווען צו דערקאָנען. קיין שום צייכען איז נישט געשטאנען, און ס'איז געווען גלייך מיט די ערד.

מאכט זיך אמאָהל א מעשה אז ארקע האָט זיך אביסעל אין דאָרף פערשפעטיגט. און ווען ער איז מיט איציקלען אהיים געגאנגען איז שוין געווען דונקעל אביסעל פינסטער. און פונקט ווען זיי זענען פערביי געגאנגען פאר'ן סמענטארזש האָט איציקלען געדרייט אין די קישקעס, און ער האָט געדארפט ארויסצוגעהן. איז ער אראָבגעלאָפען פון וועג צום סמענטארזש צו אין דער זייט, און האָט זיך אנידערגעזעצט נקיות צו פערבראָכען נאָהנט נעבען פערקאן פון סמענטארזש. דאָס אָרט איז פונקט געווען ווי די מכשפות זענען געלעגען בעגראָבען, און אזוי ווי דאָס איציקעל איז דאמאָלס אין קיין ציצית נישט געגאנגען, האָבען די פיער אומריינע רוחות פון די פיער מכשפות געהאט איבער איהם א שליטה, זיי זאָלען אין איהם אריין פאר דאָס וואָס ער האָט פער'מיאוס'ט זייער קבר.

ארקע האָט זיך דערווייל אביסעל אנידער געזעצט אויפ'ן וועג און האָט געוואַרט אויפ'ן זוהנדעל. ער האָט אָבער געזעהן אז איציקעל זיצט עפעס צו לאנג, האָט ער אָנגעהויבען אויף איהם צו שרייען, און האָט איהם אָנגעהויבען אויפצושיטען פון דער גוייטענס א שפאָהר ביסעל קללות. אָבער מען הערט נישט קיין איציקעל און מען זעהט נישט קיין איציקעל. ארקע איז זעהר בייז געוואָרען, חאפט דעם שטעקען זיינעם און לויפט אהין צו דעם אָרט ווי איציקעל איז פערקראָכען, גיט ער א קוק זעהט ער אז איציקעל ליגט גאר אויף די ערד אויסגעצויגען און איז פער'חלש'ט. ארקע האָט איהם אָנגעהויבען צו רייסען ביי די אויערען, צו קראַטצען ביי די פאָדעשווים פון די פיס. הכלל ער האָט איציקלען קוים דערמונטערט. אָבער געהן האָט שוין איציקעל מעהר נישט געקאָנט. ארקע פרעגט איציקלען: „וואָס איז דיר עפעס געשעהן? פאר וואָס ענטפערסט דו מיר נישט? פאר וואָס הייבסט דו דיך נישט אויף"? האָט ער דערהערט עפעס א משונה'דיג גראָב קול פון איציקעל'ס מויל די ווערטער פויליש: „מילטש פשאַקרעוו זשידזשע"! ארקע איז אָבגעשפרינגען פון אָרט פאר גרויס שרעק און האָט אליין אויך שיעור גע'חלש'ט. ער האָט אביסעל געוואַרט ביז ער איז געקומען

צו זיך, איז ער ווידער צו געגאנגען צו איציקלען, פרעגט איהם ווייטער די זעלבע שאלות, אבער איציקעל האט איהם גאר נישט געענטפערט, נאר געקריכטן. ארקע האט גערעכענט אז איציקעל איז שווער קראנק געווארען, האט ער איהם גענומען אויף די פלייצעס און האט זיך קוים אהיים דערשלעפט.

ווען ארקע איז אהיים געקומען איז שוין געוועזען עטליכע שעה אין דער נאכט. ער איז אריינגעקומען אין שטוב אריין פערסאפעט פערשוויצט, האט ער איציקרען געלעגט אויפ'ן בעט, און ער האט זיך אביסעל אבגעריהט. די מוטער איז צו געלאפען צו איציקלען, האט איהם אנגעהויבען צו גלעטען ביי די בעקלעך און פרעגט איהם: „איציקעל וואס איז דיר? וואס טהוט דיר וועה? אפשר דער בויך, אפשר דער קאפ?“ דאן איז פלוצלונג ווידער דערהערט געווארען עפּיס א קוויטשעדיג משונה'דיג קול, אויך די זעלבע ווערטער: „מילטש טו פשאקרעוו יוחא“. די מוטער האט זיך אויך שטארק פאר דעם קול דערשראקען, זיי האבען גאר נישט געוואוסט וואס צו קלערען. הכלל קודם האט מען געשיקט נאך א פעלדשער. דער פעלדשער איז געקומען האט ער איציקלען בעטראכט, זעהט ער עפּיס א גרויסען אנגעבלאזענעם בויך. זאגט דער פעלדשער נישט אנדערש, נאר אז איציקעל האט זיך געמוזט מיט שוואמען פערגיפטען, איז איהם דער בויך אזוי געשוואלען געווארען, און איז אויך דערביי צומישט געווארען. דער פעלדשער האט איהם איינגעגעבען אבצופיהרען מען האט איהם אויך געמאכט קריסטירען. אבער דער בויך איז גאר נישט קלענער געווארען, נאר פערקעהרט, נאך גרעסער. האט דער פעלדשער געזאגט אז דאס אינגעל דארף א גרויסען דאקטאר. און אזוי ווי אין רזשעצין איז קיין דאקטאר נישט געוועזען, האט דער פעלדשער געזאגט אז דאס גלייכסטע איז מען זאל דאס אינגעל אוועק פיהרען קיין בודאפעסט אין שפיטאל אריין.

איידער דער ארקע איז מיט איציקלען אוועקגעפאהרען אין שפיטאל אריין, האבען ווידער פאטער און מוטער איהם געגלעט און געקושט און שטארק געבעטען, ער זאל זיי ענטפערען א ווארט, וואס טהוט איהם וויה. דאן האבען זיי ווידער דערהערט פון זיין מויל פלוצלונג גאר א נייע משונה'דיג קול: „אוטשעק זשידזשע פשאקרעוו סטונד!“ אלע מענשען וואס האבען דאס משונה'דיג קול דערהערט האבען זיך אנגעהויבען צו סוד'לען שטילערהייט, אז דאס איז עפּיס נישט קיין פשוט'ע זאך, אבער דאך אז מען האט שוין אזוי בעשטעלט אוועק צו פאהרען מיט איהם אין שפיטאל אריין, איז גאנץ גלייך. קודם לאז מען הערען וואס גרויסע דאקטוירים וועלען צו די קראנקהייט זאגען. אזוי האבען אלע מסכים געוועזען. מען האט א ציקלען ארויפגעלעגט אויף א פיהר, און דער פאטער איז מיט א הם אוועקגעפאהרען.

אין בודאפעסט האבען די שפיטאל דאקטוירים בעטראכט דעם קראנקען איציק'ען אלע טאג. זיי האבען אבער נישט געקאנט דערגעהן וואס די קראנקהייט איז פונקטליך. זיי האבען אנגענומען אז ביי איהם אין בויך וואקסען פיער גוזעס, אדער אנגעבלאזענע פענחערס מיט אזא מין גאז. צו אפערירען איהם האבען זיי פארט נישט געוואלט זיך אונטער נעמען, בעוויל זיי האבען פארט נישט געוואוסט

וואוסט געגוי וואס פאר א גוזעם דאס זענען, אז צײַט צעהן טאג זענען זײַ אזוי גרוים אויפגעוואקסען. און דאס טרעפט זיך קײנמאהל נישט. אלזא האבען זײַ איהם מורא געהאט צו מאכען אנ׳אפעראציע, נאר זײַ האבען פערלעגט א כח צו הײַלען איהם מיט מעדיצינען. אבער אז זײַ האבען געזעהן, אז די מעדיצינען ווערקען גאר נישט, זענען זײַ מיעד געווארען און האבען איהם אויסגעשריבען פון שפיטאל.

ארקע האט געזעהן אז אין בודאפעסט האט ער קײן היזק נישט איז ער אהײם געפאהרען. מענשען האבען איהם געשטיצט אויפ׳ן וועג אומעטום ווי ער איז אדורך געפאהרען. אמאהל האט ארקע געהאט בײַ זיך אין טאש א פלעשעל בראנפען, ווען דאס האר׳ן איז איהם אוועק געוועזען האט ער געטרינקען אביסעל בראנפען. איז איהם אײַנגעפאלען צו געבען איציקלען אויך אביסעל בראנפען. אז איציקעל האט אויסגעטרינקען דאס ביסעל בראנפען איז ער גאר פרײליך געווארען און האט אנגעהויבען צו שמײכלען. פלוצלונג דערהערט ארקע פון איציקעל׳ס מויל ווײַטער א געשרײַ מיט א פרעמד קול: „דאווײַ זידושע יעשטשע מראחען וואדקי״! דאס הײסט גיב נאך אביסעל בראנפען. ארקע האט געגעבען איציקלען נאך אביסעל בראנפען. פלוצלונג דערהערט ער ווידער פון איהם אנ׳אנדער קול אלץ פוילניש: „אי דליא מניע טראחען וואדקי״. דערנאך הערט ער ווידער גאר אנ׳אנדער קול אויך די זעלבע ווערטער. דערנאך ווידער אנ׳אנדער קול אלץ די זעלבע ווערטער דערנאך האט ווידער דאס ערשטע גראבע קול אויך ארויסגעשריגען, וואדקי און וואדקי. ארקע האט אזוי באמערקט פיערלײַ קולות, ער איז נבהל ומשתומם געווארען און האט נישט געוואוסט פאר שרעק וואס צו טהון. פלוצלונג דערזעהט ער ווי איציקעל ווערט בראהן און בלאה אויפ׳ן פנים, און דער האלז ווערט איהם גראב און אנגעבלאזען ווי א גרויסער טאפ. ארקע האט נישט געוואוסט וואס צו דעם צו טהון האט ער געחאפט דאס פלעשעל בראנפען און האט איהם אַרײַנגעגאסען אין מויל ארײַן א גלעזעל. האט ער דערהערט א משוגה׳דיגען אויסגעשרײַ מיט א געלעכטער: דאברזשע! דאברזשע! ארקע האט בעמערקט אז דער האלדז איז געווארען דינער אביסעל, אבער נישט אינגאנצען. האט ער ווײַטער געגעבען איציקלען א גלעזעל בראנפען. האט ער ווידער דערהערט אנ׳אנדערען אויסגעשרײַ: טאק טא דאבזשע! און דער האלדז איז ווידער נאך א ביסעל דינער געווארען, אבער נאך אלץ נישט אינגאנצען. אז ארקע האט געזעהן אז דער בראנפען איז א רפואה האט ער ווידער געגעבען נאך א גלעזעלע און נאך א גלעזעלע. נאך יעדען גלעזעלע בראנפען האט ער אלץ דערהערט פון איציקעלס מויל אזא פרעמדען אויסגעשרײַ: א טא דאברזשע! הכלל נאך פיער גלעזלעך בראנפען איז דער האלדז געווארען צוריק נארמאל. בײַ דעם האט ארקע בעמערקט פיערלײַ קולות.

צומארגענס האט ארקע דערהערט פלוצלונג ווי איציקעל בילט, פונקט זא ווי א הינד. נאכ׳ן בילען איז ווידער דער האלדז געווארען אנגעבלאזען ווי א גרויסער טאפ, און דאס פנים איז געווארען בראהן און בלאה. ארקע האט באלד געחאפט דאס פלעשעל בראנפען און האט אנגעהויבען צו געבען אזוי ווי נעכטען,

ביז פיער גלעזלעך, איז דער האלדז ביסלעכווייז צוריק איינגעגאנגען. אין דריטען טאג האט ארקע ווידער דערהערט פלוצלונג, ווי איציקעל האט אנגעהויבען צו מריטשען, פונקט זא ווי א קאלב, און באלד איז איהם ווייטער דער האלדז געווארען אזוי שטארק אנגעלאפען און דאס פנים איז געווארען באלד ברויזן און בלאה. ארקע האט שוין געוואוסט די רפואה וואס מען דארף טהון צו די מכה. האט ער איציקלען באלד אריינגעגאסען אין מויל אריין פיער גלעזלעך בראנפען, איינס נאכ'ן אנדערען, איז דאס פנים מיט'ן האלדז געווארען ביסלעכווייז צוריק נארמאל.

פון די אלע סימנים איז שוין ארקע אליין אויך געווען א מבין, אז דאס איז נישט קיין געוועהנליכע קראנקהייט. נאר אז איציקעל האט עפעס אין זיך אריינגעקריגען עטליכע דיבוקים דארט ביים סמענטאריש. זעהר חאראקטעריסטיש איז געוועזען צו זעהן אז בשעת דער האלדז איז ביי איציקלען געווארען אזוי גראב איז דער בויך ביי איהם געווארען נארמאל. און אזוי ווי נאר דער האלדז האט אנגעהויבען איינצוגעהן איז דער בויך גרויס געווארען ווי א פעסעל. אזעלכע סצענעס האט זיך גאנץ עפטער אנגעשפיעלט ביי איציקלען, און ארקע איז שוין אזוי צוגעוואהנט געווארען, אז ער האט שטענדיג געמוזט האבען ביי זיך א פלעשעל בראנפען, און מכבד זיין די דיבוקים אלע טאג מיט פיער גלעזלעך בראנפען אין דער פריה, און דאס זעלבע נאכאמאל ווידער ביינאכט.

מענשען האבען ארקען ערקלעהרט אז ער מוז אנהייבען ארום צופאהרען צו די גרויסע גוטע-אידען זיי זאלען פון איציקלען די דיבוקים ארויס טרייבען. דאס ערשטע האט מען איהם פארגעלעגט ער זאל פאהרען קיין בעלז אין גאליציען. ווען ארקע איז מיט איציקלען געפאהרען קיין בעלז, האט זיך געמאכט אז ער איז פערביי געפאהרען אין א דארף פאר א קרעטשמע, און די פיהר זיינע האט זיך אבגעשטעלט פאר די קרעטשמע, איבערצופאשען אביסעל דאס פערדעל. פונקט האט דאמאלס געשפיעלט אין די קרעטשמע א שפילער אויף א פידעלע און מען האט דארט אביסעל געטאנצט אויך. אזוי ווי איציקעל האט דערהערט דאס פרייליכע שפיעלען, זעצט ער זיך פלוצלונג אויף, קריכט אראב פון די פיהר, און איז אריינגעקראכען אליין אין קרעטשמע אריין אויף אלע פיער, דאס הייסט אויף די הענד מיט די פיס, און אריינקומענדיג אין קרעטשמע אריין איז ער אריין צווישען די טענצערס אין מיטען שטיב און האט אויך אנגעהויבען צו טאנצען אויף אלע פיער אזוי ווי א הינטעל. ס'איז געוועזען צו בעמערקען, אז דאמאלס ביים טאנצען, איז דער בויך געווארען נארמאל, נאר די צוויי הענד מיט די צוויי פיס זענען גראב געווארען ווי די קריגען. און ס'איז געוועזען זעהר חאראקטעריסטיש צו באמערקען, אז יעדער האנד און יעדער פיס האט בעזונדער געטאנצט און בעזונדער געקלאפט גאר אנדערש אויף די ערד. ס'איז געוועזען זעהר וואונדערבאר דאס צו צוקוקען. די טענצערס פון די קרעטשמע האבען גאר נישט געוואוסט וואס דער טענצער איז, האבען זיי געמיינט אז דאס איז עפעס א מין קונצענמאכער. האבען זיי געהייסען שפיעלען, פלוצלונג אבער האט זיך איציקעל א ציה אויס געטהון אויף די ערד, דאס פנים איז איהם געווארען ברויזן און

בלאָה און דער האַלדז איז געוואָרען גראָב ווי אַ גרויסער טאָפּ. די צוזעהרס האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען. דאַן איז באַלד אָרקע צו געלאָפען, האָט איהם אַרײַנגעגאָסען פֿיער גלעזלעך בראָנפען, איז באַלד דאָס פּנים מיט'ן האַלדז געוואָרען צוריק נאָרמאַל, און די הענד מיט די פֿיס זענען צוריק גראָב געוואָרען, און איציקעל האָט אָנגעהויבען ווײַטער אַזוי משונה'דיג צו טאַנצען, מיט יעדער האַנד בעזונדער, און מיט יעדער פֿיס בעזונדער. ס'איז געווען זעהר וואונדערליך צו צוקוקען.

אויסגעלאָזט האָט זיך דער טאַנץ אַזוי: אָרקע האָט זיך פֿאַר זיי געזשאַלעוועט אַז דאָס איז זײַן קינד, און אַז דאָס טאַנצען אַזוי אין איהם אַרום „ניעטשיסטעדוחעס". דאָס הייסט אומרײַנע רוחות, און ער האָט בײַ זיי געבעטען עפּעס געלד. איז דאָרט געווען אײן פֿויער, וואָס אַזוי ווי ער האָט דערהערט, אַז אין דעם טענצער איז דאָ אַ „ניעטשיסטע־דוח", האָט ער געכאַפּט אַ שטעקען, איז צו געלאָפען צו איציקלען און האָט איהם געגעבען אַ קלאַפּ מיט'ן שטעקען איבער די פּלײַצעס. זאָגענדיג דערבײַ, אַז אַ ניעטשיסטע־דוח דאַרף מען צו דערהרג'ענען. און אַזוי ווי ס'פֿאַרשטעהט זיך, האָט דער שלעגער געהאַט נישט אײן גלעזעל בראָנפען אין קאָפּ. אָבער אַזוי ווי נאָר איציקעל האָט בעקומען אַ קלאַפּ מיט'ן שטעקען, האָט ער זיך פּלוצלונג אַ שטעל אויף געטהון מיט'ן פּנים קעגען איבער דעם שלעגער, און דער שלעגער האָט בעקומען פֿון איציקעלס צוויי פֿויסטען צוויי זעץ אין זײַנע אויגען אַרײַן, אַזוי אַז דער שלעגער איז באַלד אַנידערגעפֿאַלען אַהינטער, און פֿון די צוויי אויגען האָט אָנגעהויבען צו רינען בלוט. דערצו נאָך איז געהערט געוואָרען פֿון איציקעלס מויל פּלוצלונג אַן אומגעהאַרישען אויסגעשרײַ מיט זעהר אַ גראָב קול: „וואָן סטונד טו פּשאַמאַטש!" אַלע וואָס זענען געווען אין קרעטשמע האָבען זיך פֿון דעם קול אַזוי שטאַרק דערשראָקען אַז זיי זענען אַלע פֿון דאָרט ענטלאָפֿען. אָבער איציקעל האָט זיך שוין מעהר נישט געוואָלט ריהרען פֿון אָרט, דער בויך איז געוואָרען צוריק ווי אַ פֿעסעל. אָרקע האָט מיט אַלע קרעפֿטען איציקלען צוריק אַרויפֿגעלעגט אויף די פֿיהר און איז מיט איהם אַוועק געפֿאָהרען קײַן בעלז.

אין בעלז איז געווען אַזאַ מנהג. אַז ס'איז געקומען אַ דיבוק האָט מען איהם נישט אַרײַנגעלאָזט אַזוי גיך אין בית המדרש אַרײַן צום רבי'ן. נאָר ער איז אָבגעשטאַנען אין דרויסען אויפ'ן הויף פֿון בית המדרש ווי לאַנג, אַמאָהל עטליכע טאָג, און אַמאָהל עטליכע וואָכען, ביז דער רבי האָט פֿריהער אַרויסגעשיקט דעם משמש מיט'ן רבינ'ס שטעקען אין דער האַנד. דער משמש האָט זיך אויסגעפֿרעגט בײַ די מענשען וואָס זענען מיט געקומען מיט'ן דיבוק אַלץ ווי אַזוי ס'איז מיט איהם צוגעגאַנגען ביז אַהער. דערנאָך האָט דער משמש אַ געשרײַ געטהון צום דיבוק: „זעהסט דעם שטעקען וואָס איך האָב אין דער האַנד, דאָס איז אַ צייכען פֿון רבי'ן וואָס האָט מיך צו דיר געשיקט דו זאָלסט זאָגען ווער דו ביזט און פֿאַר וואָס ביזט דו דאָ אַרײַן. דער משמש האָט זיך אַלץ אויפֿגעצייכענט אין אַ ביכעלע און האָט דאָס פֿאַרגעשטעלט פֿאַר'ן רבי'ן און אויב דער רבי האָט געוואָלט העלפֿען דעם דיבוק האָט ער געהייסען איהם צו פֿיהרען צו זײַן פֿענס-

טער

טער. דער רבי האט געפלעגט עפענען דאס פענסטער זיינס און אויסשמועסען זיך מיט'ן דיבוק דורכ'ן פענסטער. האט מען שוין געוואוסט, אז דער איז א געהאלפענער. און וועלכען דיבוק דער בעלזער האט נישט געוואלט העלפען, האט ער געהייסען מען זאל מיט איהם אוועק פאהרען.

אז ארקע איז אנגעקומען מיט איציקלען צום בעלזער איז ער אויך אריינגעפאהרען אין הויף פון בית המדרש און איז דארט אנגעשטאנען א גאנצע וואך. דאס געלויף אנצוקוקען דעם דיבוק איז געוועזען זעהר גרויס. וואר'ען אמאהל האט מען געהערט איהם ביללען ווי א הינד, אמאהל מריטשען ווי א קאלב. געגעסען האט ער זעהר פיעל. און נאך יעדען ביללען אבער נאך יעדען מריטשען האט מען איהם געמוזט געבען פיער גלעזלעך בראנפען. טאמער האט מען איהם נישט באלד געגעבען איז ער שיעור דערווארגען געווארען. דורך דעם אלעם האט זיך די גאנצע שטאדט זעהר אינטערעסירט מיט דעם דיבוק.

האט זיך געמאכט אז איציקעל האט אנגעהויבען זעהר הויך צו ביללען ביינאכט. דער בעלזער צדיק האט נישט געקאנט פארנעמען דאס ביללען. האט דער בעלזער צדיק אנגעזאגט דעם משמש אז באלד צומארגענס אין דערפריה זאל ער ארויסגעהן מאכען די חקירה ודרישה ביי דעם דיבוק, וואס בילט אזוי שטארק ביינאכט. ס'איז געקומען אין דערפריה איז דער משמש ארויסגעגאנגען מיט'ן רבי'נס שטעקען צו דער פיהר ווי איציקעל איז געלעגען. ארקע האט דערצעהלט דעם משמש אלסדינג, און דער משמש האט אלץ פערצייכענט ביי זיך אין ביכעלע. אבער אז דער משמש איז צוגעגאנגען צו איציקלען און האט איהם אנגעהויבען אויסצופרעגען, ווער ער איז, און פארוואס איז ער דא אין דעם אינגעל אריין. האט דער משמש בעקומען פון איציקלען א שפיי אין פנים אריין און ס'איז געהערט געווארען אנ'אויסגעשריי מיט אנ'אומגעהערעש גראב קול: „נאבאק זידושע פשאקרעוו!" דער משמש האט זיך שטארק דערשראקען און איז אבגעשפרינגען פון דער פיהר. ער האט שוין נישט געוואוסט וואס צו טהון. דאן איז דער משמש ארייגעגאנגען צום רבי'ן און האט איהם דערצעהלט, וואס פאר א פערשאהטער דיבוק דא געפינט זיך. האט דער רבי צו איהם געזאגט: „געה און לעג ארויף מיין שטעקען אויף זיין בויך און אויפ'ן פנים, און פרעג איהם נאכאמאל אויס אלסדינג".

דער משמש איז צוריק ארויסגעגאנגען און האט אזוי געטהון. דאן איז דער דיבוק שוין געלעגען רוהיג, און דא איז שוין געוועזען צוהערען, נישט קיין משונה'דיג קול, נאר דאס נאטירליכע איציקעל'ס קול, ער האט דערצעהלט אז ווען ער איז געוועזען ביים סמענטאריש און איז נישט געגאנגען אין קיין ציצית, זענען אין איהם ארײַן דורכ'ן מויל די פיער מכשפות. וואס זענען דארט געוועזען בעגראבען. ער האט אויסגערעכענט ווי יעדערע הייסט און ווי אלט יעדערע מכשפה איז. ער האט אויך דערצעהלט, אז אזוי ווי זיי זענען געוועזען גרויסע פיאטשקעס ביים לעבען, און דאס פלעשעל בראנפען איז ביי זיי פון טיש קיינמאהל נישט אראבגענומען געווארען, אזוי מאכען זיי איהם היינט אויך דעם טוידט, אז מען זאל זיי געבען אלע טאג פיער גלעזלעך בראנפען. עס זאל אויסקומען פאר יעדער

מכשפה

מכשפה אײן גלעזעל. און אויב מען זאָל זײ דעם בראָנפען נישט געבען, קריכען אַלע פיער מכשפות אַ־יין צו איהם אין האַלדז אַרײַן און ווילען איהם דערשטיקען. דער משמש האָט אַלע רייד איציקעלס אויפגעצייכענט אין ביכעלע אַרײַן, האָט צוריק אַראָבגענומען דעם שטעקען און איז אַרײַנגעגאַנגען דאָס אַלץ פאַרצולעגען פאַר'ן רבי'ן.

אַזוי ווי דער בעלזער צדיק האָט דאָס דערהערט האָט ער אָנגעהויבען צו שרייען: „אַוועק! אַוועק! שוין זאָל מען מיט די מכשפות אַרויספאַהרען פון מיין הויף. ס'שטעהט „מכשפה לא תחיה". אפילו נאָכ'ן טויט זאָל מען אויך זײ קיין טובה נישט טהון". דער משמש איז באַלד אַרויסגעגאַנגען צו אָרקען און האָט איהם געהייסען אַוועק פאָהרען. באשר דער רבי זאָגט אַז ער קאָן איהם גאָר נישט העלפען. די רייד האָבען נעבעך דעם אָרימען אָרקע'ן געטראָפען ווי אַ דונער אין האַרץ אַרײַן, ער האָט געמיינט אַז דאָ וועט שוין קומען צו איהם די הילף, צום סוף האָט זיך אויסגעלאָזט אַ גאָר נישט. ער האָט אָנגעהויבען זעהר צו וויינען, וואָס זאָל ער אַצונד טהון. קיין געלד האָט ער אויך שוין נישט. דאַן האָט דער משמש אַרויסגענומען צעהן רייניש און האָט איהם געשענקט, אָבער ער זאָל באַלד אַרויספאָהרען פון הויף. דאָך האָט אָרקע זעהר געבעטען דעם משמש, ער זאָל זיך איבער איהם דערבאַרמען, און איהם זאָגען עפּעס אַנ'עצה, וואָס זאָל ער אַצונד טהון. אפשר איז עפּעס דאָ נאָך ערגיץ אַזאַ צדיק, וואָס גיט זיך אָן מיט דיבוקים אַרויסטרייבען. האָט דער משמש צו איהם געזאָגט, אַז זיין עצה איז, ער זאָל מיט דעם דיבוק פאָהרען צום גריידיצער רב, ווייל מען הערט אַז ער איז אויך אַ גרויסער בעל מופת.

אָרקע האָט נעבעך פערשטאַנען אַז ער קאָן שוין דאָ לענגער נישט שטעהן, האָט ער זיך געזעגענט מיט'ן משמש און איז אַרויסגעפאָהרען. ער האָט געפאָלגט דעם משמש און האָט געצויגען קיין גריידיץ. דער וועג ביז קיין גריידיץ האָט געדויערט עטליכע וואָכען, און ווי ער איז אַדורך געפאָהרען איז די גאַנצע שטאָדט געלאָפען זעהן די וואונדער פון דעם דיבוק. און אויך פיעל דאָקטוירים האָבען זיך זעהר אינטערעסירט מיט דעם דיבוק. מען האָט דעם אָרימען אָרקע געשאָפט אומעטום עטליכע רובל, און ער האָט זיך אַזוי אַלע מאָהל ווייטער און ווייטער געשלעפט אויף דעם וועגעלע מיט איציקלען ביז ער איז אַרײַנגעקומען קיין גריידיץ.

דאָרט אין גריידיץ איז נישט געווען אַזוי שטרענג ווי אין בעלז. אַלע צרות, אַלע קאַליקעס, אַלע דיבוקים האָט מען גלייך אַרײַנגעלאָזט אין דעם קלויז פון גריידיצער רב, דאָרט ווי דער גריידיצער רב האָט געפלעגט אַלע טאָג אַ שיעור מיט בחורים לערנען. אָרקע האָט גענומען איציקלען אויף די פּלייצעס און מיט איהם גלייך אַרײַנגעגאַנגען אין דעם קלויז פון גריידיצער רב בשעת ער איז געזעסען און געלערענט מיט די ישיבה בחורים. אָרקע האָט גאָר נישט געקוקט אויף קיין שום גליקען, נאָר איז באַלד צו געגאַנגען צום גריידיצער רב און האָט אַ געשריי געטהון מיט אַ געוויין: „הייליגער צדיק! איך בין אַהער געקומען צו אייך אויש פון אונגאַרען מיט מיין צרה. דערבאַרעמט אייך און העלפט מיר!"

דער גריידיצער רב האָט געזאָגט צו אָרקען: „נו רב איד! ווייזט נאָר אייער

צרה

צרה. לאָז מען נאָר זעהן וואָס דאָס איז עפּעס אַזוינס. נעמט איהם נאָר קודם אַראָב פון די פּלייצעס און לאָזט איהם אַראָב אויף די ערד". אָרקע האָט איציקלען אַראָבגעלאָזט אויף די ערד האָט ער אָנגעהויבען אַרום צו קריכען אין בית המדרש אויף אַלע פיער, אַזוי ווי אַ הינטעל. אָרקע האָט נאָך אין דעם טאָג נישט געהאַט געגעבען איציקלען די פיער גלעזלעך בראָנפען. דעריבער האָט ער באַלד די קונץ אין די קלויז פאַר'ן גרייִדיצער רב געמאַכט. ער האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען צו ביללען זאָ שטאַרק ווי אַ הינד. און בעוויל אַרקע איז נישט באַלד צוגעלאָפען אײַנצוגעבען איציקלען די פיער גלעזלעך בראָנפען, איז ער שיעור דערשטיקט געוואָרען פון דעם וואָס די מכשפות זענען בײַ איהם אַריין אין האַלז אַריין. דער האַלז איז באַלד זעהר גראָב געשוואָלען געוואָרען און דאָס פנים איז בײַ איהם געוואָרען בראָהן און בלאָה. אָרקע איז באַלד צו געלאָפען און האָט איציקלען אַריינגעגאָסען פיער כוסה'לעך בראָנפען איז ער געוואָרען צוריק לעבעדיג.

נאָך די קונץ האָט דער גרייִדיצער רב געהייסען אָרקע זאָל זײַן איציקלען אויסטהון, ער וויל איהם גוט בעטראַכטען. דער גרייִדיצער רב האָט געוויזען אַז עס געפינט זיך בײַ איציקלען אין בויך אַזוי ווי פיער גרויסע טעפּלעך. דער גרייִדיצער רב האָט צו איציקלען אַ געשריי געטהון: „העך נאָר מיך אויס, אַז דו האָסט טאַקי יאָ אַזוי ליעב בראָנפען, וועל איך דיר געבען נאָך פיער גלעזלעך בראָנפען, און לאָז ווערען דער בויך בײַ דיר נאָרמאַל אַזוי ווי בײַ אַלע מענשען". אַזוי ווי דער גרייִדיצער רב האָט אויסגעלאָזט זײַנע ווערטער איז געהערט געוואָרען פון איציקעלם מויל פּלוצלונג אַ גרויס געלעכטער חאַ, חאַ, חאַ. אָבער יעדער האָט בעמערקט, אַז דאָס איז נישט געוועזען איין קול, נאָר פיערלײַ קולות. און באַלד איז טאַקי דער בויך געוואָרען קלענער, אָבער פאַר דאָס זענען בײַ איציקלען ווײַטער די פּלייצעס געוואָרען פּלוצלונג אַזוי הויך ווי אַ פּעסעל. דער גרייִדיצער רב האָט געזאָגט מיט אַ שמייכעל „נו פאַר די קונץ ביזטו טאַקי ווערט נאָך פיער כוסה'לעך". און האָט געהייסען אָרקע'ן איהם אַריינגיסען אין מויל אַריין נאָך פיער גלעזלעך בראָנפען. נאָך דעם איז באַלד געוואָרען צוריק דער בויך ווי אַ פּעסעל און די פּלייצעס זענען געוואָרען צוריק נאָרמאַל.

דער גרייִדיצער רב האָט אויסגעפרעגט אָרקען פון אל"ף ביז ת"ו, ווי אַזוי ס'האָט זיך מיט איהם פּאַסירט. אָרקע האָט דערצעהלט כסדר אַלץ. ער האָט אויך דערצעהלט פון בעלז, ווי אַזוי ס'איז דאָרט צו געגאַנגען, און וואָס איציקעל אַליין האָט דאָרט דערצעהלט מיט זײַן אייגען קול וועגען די פיער מכשפות. נאָך דעם האָט דער גרייִדיצער רב געזאָגט צו אָרקע'ן ער זאָל געהן מיט איציקלען אויף אַ סטאַנציע ערגעץ דאָ נאָהנט פון דעם קלויז און ער זאָל מיט איציקלען אַריינקומען דאָ אין קלויז אַריין אַלע טאָג אין דער פריה, אויף עטליכע שעה. און דער גרייִדיצער רב האָט אָרקען מבטיח געוועזען, אַז ווען ער וועט נאָר פערשטעהן אַז ס'איז אַ שעת הכושר, וועט ער זיך נעמען צו דער זאַך. און ער פערהאָפט אַז השם יתברך וועט איהם זײַן בײַהילפיג אין דעם, ער זאָל קאָנען די רוחות הטומאה פערטרײַבען.

ארקע האט געטהון אזוי ווי דער גריידיצער רב האט איהם געהייסען איז אלע טאג מיט איציקלען אריינגעקומען אין קלויז אריין. דער עולם איז גאר געוואָרען מיט איציקלען היימיש. ס'האט זיך שוין געפונען פון די בחורים וואס בעוויזען קונצען מיט איציקלען. זיי האבען צו איהם געזאגט: „איציקער בעקומסט באלד פיער כוסה'לעך בראנפען און מאך דעם בויך דין און די פלייצעס הויך”. איציקעל האט געפאלגט. אמאהל האט מען איהם געהייסען פאר פיער כוסה'לעך. האט ער געטאנצט אויף אלע פיער אזוי ווי ער האט געהאט געטאנצט אין קרעטשמע. בקיצור דער דיבוק איז געוואָרען אזוי מפורסם אז מען איז געקומען פון ארום און ארום צו פאהרען פלייסיג זעהן די אויסערגעוועהנליכע וואונדער. עס זענען אויך געקומען פיער דאקטוירים און פערשיעדענע באמטע צו בעטראכטען דעם איציקלען. אמאהל האט א דאקטאר געפרעגט דעם גריידיצער רב, פאר וואס ער האלט גלאט דא אויף דעם קראנקען אזוי לאנג בחנם, און היילט איהם נישט. האט דער גריידיצער רב איהם געענטפערט, איך וויל אז פריהער זאלען די אלע אפיקורסים וואס גלויבען נישט אין קיין רוחות מיט דיבוקים, זיך גוט ערקונדיגען ביי דעם חולה, אז דאס איז נישט קיין אנדער קראנקהייט, נאר טאקי א דיבוק פון רוחות הטומאה.

אמאהל האט זיך געמאכט, ווען ס'איז געוועזען ראש חודש, האט דער גריידיצער רב געזאגט ארקען, ער זאל מיט'ן חולה זיין אין קלויז ביים דאווענען ווען מען וועט זאגען הלל. נאכ'ן דאווענען האט דער גריידיצער רב בעשטעלט, אז אין זיין שטיבעל זאלען זיצען זיינע צוויי אלטע דיינים פון שטאדט. דער גריידיצער רב האט זיך אנידערגעזעצט צוזאמען מיט די דיינים און האט געהייסען אריין ברענגען איציקלען אין זיין שטיבעל אריין. דארט אין זיין שטיבעל האט דער רב געהייסען מען זאל איציקלען אנידערזעצען אויף א שטוהל געגענאיבער זיין פנים. פנים צו פנים. און ארקען האט דער רב אנגעזאגט ער זאל שטעהן פון הינטען ביי די שטוהל און זאל איציקלען פעסט צו האלטען אונטער די ארימעס. דער גריידיצער רב האט געזאגט: „מיר בית דין של מטה זאגען א פסק אז די רוחות האבען דא גאר נישט וואס צו טהון. זיי דארפען פון דעם אינגעל ארויס אהן שום שאדען און מיר בעטען אז דער בית דין של מעלה זאל אויך אזוי מסכים זיין”. אבער דער דיבוק האט זיך נישט גערירהט פון ארט. איז געלעגען אויפ' טיש א תהלימ'ל, האט דער גריידיצער רב אויפגעעפענט דאס תהלימ'ל און האט אנגעהויבען צו זאגען שטילערהייט עטליכע פסוקים פון תהלים. דערביי האט ער מכוין געוועזען גרויסע כונות. אבער דער דיבוק האט זיך נישט גערירהט. דאס האט אזוי געדויערט בערך א שעה צייט. דערנאך האט דער גריידיצער רב געהייסען, אז ארקע זאל איציקלען ארויסנעמען און געהן מיט איהם צוריק אויף דער סטאנציע. און דער רב האט געזאגט ארקען, אז צו מנחה ומעריב זאל ער ווידער אהער ברענגען דעם חולה אין קלויז אריין.

נאך מנחה האט זיך ווידער דער גריידיצער רב אנידערגעזעצט ביי זיך אין שטיבעל מיט זיינע צוויי אלטע דיינים און האט ווידער געהייסען ברענגען פאר

זיך

זיך דעם איציקלען. מען האָט איציקלען ווידער אַנידערגעזעצט אויף די שטוהל, אַזוי ווי אין דער פֿריה געגען איבער דעם גרײדיצער רב. דאַמאָלס האָט ווידער דער גרײדיצער רב איבערגע׳חזר׳ט די זעלבע ווערטער וואָס ער האָט געזאָגט אין דערפֿריה, אַז דאָס בית דין של מטה זאָגט אַ פּסק, אַז דער דיבוק דאַרף פֿון דעם אינגעל אַרויס. און דערנאָך האָט ווידער דער גרײדיצער רב אויפֿגעמישט דאָס תהלים׳ל און געזאָגט שטילערהײט עטליכע פּסוקים מיט גרויסע כּונות. אָבער דער דיבוק האָט זיך נאָך אַלץ פֿון אָרט נישט געוואָלט ריהרען. דאָס האָט אויך אַזוי געדויערט אַ קנאַפּע שעה. דערנאָך האָט דער גרײדיצער רב געהײסען אַרקען, ער זאָל אַרויסגעהן מיט איציקלען און קומען ווײַטער אין דערפֿריה צום דאַוונען מיט׳ן חולה. אַזוי האָט דער גרײדיצער רב אָבגעפֿיהרט מיט דעם דיבוק כּמעט אַ גאַנצע וואָך, צווײַ מאָהל אין טאָג, נאָך שחרית און נאָך מנחה. אַלץ צוזאַמען מיט זײַנע צווײַ אַלטע דײנים. אָבער מען האָט נאָך אַלץ קײן שום פּיצעל ישועה נישט געזעהן.

האָט זיך געמאַכט אַז דער גרײדיצער רב איז אַהײם געקומען פֿון אַ פּדיון הבן. האָט ער אַ געשרײַ געטהון: „לאָז מען ברענגען אַהער דעם אײַנגעשפּאַרטען דיבוק. אפשר וועט הײַנט זײַן אַן עת רצון, אַז דאָס אינגעל זאָל אויך אויסגעלײזט ווערען פֿון זײַנע צרות“.

מען איז באַלד געלאָפֿען צו אָרקען, זאָגען דעם באַפֿעהל פֿון גרײדיצער רב. אָרקע האָט געחאַפּט איציקלען און איז מיט איהם אַרײַנגעלאָפֿען צום גרײַדיצער רב. דערווײַל זענען זיך באַלד אָנגעלאָפֿען הונדערטער מענשען אין דער קלויז אַרײַן. דער גרײדיצער רב איז דאַמאָלס געזעסען אויף זײַן שטוהל אין זײַן שטיבעל דאָס פּנים האָט בײַ איהם געברענט ווי אַ פֿײַער. בײדע אַלטע דײנים זענען געזעסען בײַם טיש. מען האָט ווידער איציקלען אַנידערגעזעצט אויף אַ שטוהל, אַזוי ווי שטענדיג געגענאיבער דעם רב, און אָרקע איז געשטאַנען פֿון הינטען און האָט איציקלען פֿעסט צוגעהאַלטען אונטער די אָרעמעס.

דער גרײדיצער רב האָט ווידער איבערגע׳חזר׳ט די זעלבינגע ווערטער, אַז דאָס בית דין של מטה זאָגט אַ פּסק אַז דער דיבוק דאַרף פֿון דעם אינגעל אַרויס אָהן שום שאָדען. און ער האָט ווידער געבעטען אַז דער בית דין של מעלה זאָל אויך אַזוי מסכּים זײַן. דערנאָך האָט דער גרײדיצער רב ווידער אויפֿגעמישט דאָס תהלים׳ל און האָט אָנגעהויבען צו זאָגען שטילערהײט עטליכע פּסוקים תהלים מיט גרויס כּונה.

פּלוצלונג איז געהערט געוואָרען זעהר אַן אומגעהאַרעשער אויסגעשרײַ פֿון איציקעלס מויל, אַז אַלע מענשען האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען און איציקעל האָט אַ ווײַז געטהון מיט דער האַנד אויף זײַן לינקער זײַט. דער גרײדיצער רב האָט געהײסען געשווינד עפֿענען דאָס פֿענסטער. דערנאָך האָט ער בעקוקט די לינקע זײַט, האָט מען געזעהן, אַז אײן אָרט פֿון די פֿיער הויבע ערטער אין איציקעלס בויך, איז לעהדיג געוואָרען.

דאַן האָט דער גרײדיצער רב אַ געשרײַ געטהון צו איציקלען: „זאָלסט שוין זאָגען

זאָגען, צו זענען די דיבוקים פון דיר אַרויס צו נישט". איציקעל האָט באַלד געקאָנט ענטפערען מיט זיין אייגען קול. און האָט געזאָגט אַז די עלטסטע מכשפה איז שוין פון איהם אַרויס אָבער איהרע דריי טעכטער מכשפות זיצען נאָך ביי איהם אין בויך.

האָט דער גרייִדיצער רב געזאָגט: „נו אַז ס'איז ווייטער יאָ אַצונד אַנ'עת רצון, וועט מען ווידער מתפלל זיין השם יתברך זאָל העלפען אַז די דריי זאָלען אויך אַרויס". באַלד האָט דער גרייִדיצער רב ווידער גענומען דאָס תהלים'ל און האָט ווידער מתפלל געוועזען מיט גרויס כונה עטליכע פסוקים תהלים בערך פינף מינוט.

פלוצלונג איז ווידער געהערט געוואָרען אַ שרעקליך אויסגעשריי פון דריי ערליי קולות, וואָס האָבען זיך אַרויסגעריסען פון איציקעלס מויל. דער אויסגעשריי איז געוועזען אַזוי הויך און אַזוי מורא'דיג, אַז די קולות זיינען געהערט געוואָרען אויף די גאַנצע גאַס. דאָס פענסטער איז נאָך געוועזען אָפען. דאַן איז איציקעל געבליבען זיצען בלאַס ווי דער קאַלך זעהר פער'חלש'ט. מען האָט איהם געריבען און אָבגעוואַשען מיט שפירט, איז ער אינגאַנצען צו זיך געקומען און האָט לייכט אָבגעאָטהעמט. אַלע האָבען באַמערקט אַז דער בויך איז ביי איהם באַלד אינגאַנצען נאָרמאַל געוואָרען.

דאַן האָט איהם ווידער דער גרייִדיצער רב געפרעגט: „נו איציקעל! האָסט נאָך אין בויך די מכשפות?" איציקעל האָט שוין אַ שמייכעל געטהון און האָט געענטפערט: „אָה! זיי זענען שוין אַלע פערהאַפט געוואָרען". נאָך דעם איז באַלד איציקעל שוין אַליין אַראָב געגאַנגען פון שטוהל, און האָט זיך שוין אָנגעהויבען אַליין אַרום צו דרעהן איבער די שטיב. אַרקע האָט געוויינט פאַר שמחה און דער קידוש השם איז געווען דאַמאָלס אין גרייִדיץ זעהר גרויס. וואָרען אַלע האָבען געזעהן איציקלען פריהער, און אַלע האָבען איהם געזעהן דערנאָך. קיינער האָט דעם מופת נישט געקאָנט אָבלייקענען.

די שטאָדטס'לייט האָבען זיך צונויפגעלעגט, אַרקע זאָל האָבען מיט וואָס אַהיים צו פאָהרען. זיי האָבען איהם געשאַפט צוויי הונדערט מאַרק. ווען אַרקע איז געקומען מיט איציקלען געזעגנען זיך, האָט דער גרייִדיצער רב אָנגעזאָגט אַרקען, ער זאָל היטען דאָס אינגעל, ער זאָל שטענדיג געהן אין כשר'ע ציצית, ער זאָל אַלע טאָג אין דערפריה זיך וואַשען און דאַווענען, נאָכ'ן דאַווענען זאָל ער אַלע טאָג זאָגען צעהן קאַפּיטלעך תהלים, ער זאָל אויף די נאַכט דאַווענען מנחה ומעריב און בענטשען און קריאת שמע לייענען, וואָרען ער איז שוין אַנ'אָנגעזעגנטער. און אַז ער וועט זיך נישט פיהרען עכט אידיש, איז ער ווידער אין אַ סכנה, אָבער די אייגענע רוחות קאָנען אין איהם צוריק אַריין, אָבער אַנדערע דיבוקים קאָנען אין איהם אַריין. אָבער אַז ער וועט זיך פיהרען עכט אידיש, האָט ער גאָר נישט וואָס מורא צו האָבען". דער גרייִדיצער רב האָט זיי געזעגענט און זיי זענען בשלום אַהיים געפאָהרען.

און ס'איז טאַקי אַזוי געוועזען, אַזוי ווי דער גרייִדיצער רב האָט פאָראויס געזעהן. איציקעל איז די ערשטע עטליכע וואָכען גאַנץ פרום געוועזען. האָט

מקיים

מקיים געווען אַלץ פּונקטליך, אַזוי ווי דער גריידיצער רב האָט איהם אָנגעזאָגט. אָבער דערנאָך האָט ער זיך אָנגעהויבען אַלע מאָהל מעהר און מעהר שלעכט זיך אויפצופיהרען. דער סוף איז געווען אַז אין דריי חדשים אַרום האָט איציקעל ווידער צוריק אַריינגעקריגען אין זיך אַ רוח רע פון איין מכשפה, וואָס זענען געווען ביי איהם דאָס ערשטע מאָהל און ער איז געוואָרען צוריק קראַנק אַזוי ווי פריהער. אָרקע האָט געמוזט ווידער זיך שאַפען אַ פערד און וועגעלע און איז ווייטער געפאָהרען צום גריידיצער רב און נאָך עטליכע חדשים האָט ער זיך קוים דערשלעפּט קיין גריידיץ.

דער גריידיצער רב האָט איהם דערזעהן. האָט ער אַ שמייכעל געטהון און האָט צו איהם געזאָגט: „נו געדענקסט איך האָב דיך געוואָרענט, אַז מען דאַרף איהם היטען שטאַרק, ער זאָל זיך פיהרען עכט אידיש, אַז נישט איז ער שטענדיג אין דער זעלבער סכנה". אָרקע האָט זיך פערענטפערט, אַז דורך די שווערע און ביטערע פּרנסה זיינע, קאָן ער איהם נישט אַזוי גוט שטענדיג אָבהיטען. אָבער דאָך פון היינט אָן, אַז ער וועט צוריק געזונד ווערען, נעמט ער אויף זיך, ער זאָל שוין פון איהם קיין אויג נישט אַראָבלאָזען, נאָר ער זאָל איהם שוין גוט אָבהיטען. אָבער אַצונד האָט שוין דער גריידיצער רב נישט געדאַרפט פערלעגען אויף דעם דיבוק אַזאַ גרויסען כח, נאָר ער האָט מיט איין קאַפּיטעל תהלים דעם דיבוק באַלד פערזאָגט אויף שטענדיג. אָרקע איז מיט איציקלען אַהיים געפאָהרען פריש און געזונד. אָבער איציקעל האָט זיך שוין אַליין געהיטען די בייזער, און האָט זיך געפיהרט עכט אידיש, האָט ער שוין פון די צרה מעהר נישט געוואוסט.

צווייטע וואונדערליכע מעשה.

דא איז בעשריבען די וואונדערליכע מעשה, ווי אזוי דער גריידיצער רב האט ארויסגעטריבען ר״ל א אינגעל זעהר א שווערען דיבוק פון א מסור, וועלכער האט זיך צום סוף גע׳שמד, די מעשה ווערט אויך געברענגט אין גריידיצער רב׳ס ספר „צפנת פענח״, נאר זעהר בקיצור. אבער דא איז זי בעשריבען גענוי פונקטליך, אזוי ווי ס׳דערצעהלען מענשען וואס געדענקען נאך היינט די מעשה.

דעם אידישען נאמען פון דעם דיבוק מיט די שטאדט, וואו ער איז געוועזען קאן מען נישט ארויסשטעלען בפירוש דא אין דעם ספר, בעוויל ס׳איז היינט דא אין עטליכע שטעדט אידישע דורות פון דעם מסור־משומד. וואס פיהרען זיך גאנץ אידיש.

אין א יודיש שטעדטעל אין פוילען, ראדאמער גובערניע, נעבען די עסטרייכישע גרענעץ, און נישט וויים פון די פרייסישע גרענעץ, האט זיך געפונען א איד א גרויסער פושעי ישראל, וואס האט זיך פערנומען מיט מסירות. דאס הייסט אז דאס איז געוועזען זיין ספעציעלע מלאכה וואס ער האט זיך פון דעם מפרנס געוועזען. פון אלע אריבערגעשווארצטע סחורות ביי ביידע גרענעצען האט מען איהם געמוזט געבען עפעס אן צו לעקען. און אויב נישט האט ער באלד גע־מסור׳ט. דער פושעי עוכר ישראל האט געברענגט זעהר פיעל אומגליקען אויף גאנץ שעהנע אנגעזעהענע אידישע פאמיליעס. פיעל עהרעלע אידען האבען גע־שמאכט אין קרימענעלער דורך זיינע מסירות. פיעל רייכע אידישע פאמיליעס זע־נען ארעם געווארען דורך דעם פושעי ישראל. זיין נאמען איז געוועזען צו שאנד און שפאט ביי אלע אידען. קינדער אין די וויגען וואס האבען נאר אנגעהויבען צו רעדען האט מען זיי שוין געלערענט שעלטען דעם מסור האט איינער גע־דא־פט אוים צו ביטלען זיינע בייזע חלומות האט ער אלץ אויסגעבייטעלט צו דעם מסור׳ס קאפ דאס אלץ האט אבער איהם גא־ נישט געשאדט, ער איז געוועזען געזונד ווי אייזען און קיין שום קרענק האט זיך נישט געוואלט מדבק זיין אין זיין טרפה לייב. אין די יונגע יאהרען זיינע האט ער געהאט א ווייב מיט קינדער. דאס ווייב איז געוועזען א גאנץ אידיש מענש און פון דער צייט אהן וואס ער איז אזוי קאלי געווארען און האט זיך גענומען צו דער שענדליכע

פרנסה איז זי פֿון איהם ענטלאָפֿען צו איהרע עלטערען קיין ראַדאָם און זי איז אין אַ קורצע צייט אַרום געשטאָרבען. דאַן האָט זיך דער פּושעי ישראל געגני מען אַ גויה און האָט מיט איהר געוואָהנט. זי האָט מיט איהם געהאַט עטליכע קינדער.

אַז דער פּושעי ישראל האָט אָנגעהויבען אַלט צו ווערען, האָט ער זיך מיישב געווען, אַז נאָך זיין טוידט, ווער ווייסט, צו די אידען וועלען גאָר וועלען איהם קובר זיין, ווער ווייס וואָס זיי וועלען אַמאָהל מיט איהם טהון. אין אידישען גן־עדן אַריין האָט ער זיך אויך נישט גערעכט צו קומען. דאָס זעלבע האָט די גויה זיינע אויך מיט איהם שטענדיג גע'טענה'ט. אַלזאָ איז ביי זיי גע־בליבען ער זאָל זיך אָב'שמד'ן, וועט מען דאָך חאָטש איהם בעגראָבען מיט אַזאַ שעהנעם פּאַראַד ווי אַלע קריסטען, און ער וועט נאָך זיכער אויף יענע וועלט אַריין קומען אין גוי'שען גן־עדן אויך.

אַזוי ווי ער האָט אָבגעקלערט אַזוי האָט ער טאַקי אָבגעטהון. ער האָט אָבגעוואַרט ביז מאָנאַט מאַי און האָט זיך גע'שמד'ט. דער גלח האָט איהם אַ נאָ־מען געגעבען מיעוויסקי. די שטאָדט איז פֿון דעם באַלד געוואָהר געוואָרען און פֿון קליין ביז גרויס האָט מען שוין געוואוסט אַז מען האָט געדאַרפֿט אַרויס צו לאָזען אַ קללה פֿון מויל איז עס אַלץ אַרויפֿגעגאַנגען אויף „מיעוויסקעלע משומד", אָדער אַזוי ווי טייל האָבען איהם גערופֿען „מיעוויסקעלע מסור". וואָרען דאָס גע־שעפֿט פֿון מסור'ן האָט ער נאָכ'ן שמד'ן אויך נישט געוואָלט אָוועקלעגען. דער מסור־משומד איז אַלט געוואָרען עטליכע זיבענציג יאָהר און איז גע'פגר'ט.

אַז די זינדיגע נשמה איז געקומען אויף יענע וועלט (דאָס האָט אַזוי דער גריידיצער רב אַליין דערצעהלט) האָט מען נישט געפֿונען פֿאַר די נשמה קיין איין זכות. מען האָט עטליכע מאָהל אויסגערופֿען אין הימעל, אפשר געפֿינט זיך עפּיס ערגיץ אַ נשמה'לע אָדער אַ מלאך'ל, וואָס ווייס עפּיס אַ זכות אויף דער נשמה, צו זאָגען אויף איהר עפּיס אַ שטיקעל מליצה טובה, און קיינער האָט זיך נישט אָנגערופֿען. נאָר שוין נאָכ'ן לעצטען מאָהל אויסרופֿען, איז עפּעס פֿאָרט געקומען פֿאַר'ן בית דין שלמעלה אַ צוקראָכען מלאך'ל, און קוים וואָס ער האָט געקאָנט דערצעהלען מיט אַן אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און האַלב געעפֿענטע אויגען פֿאַר בושה, מ'שטיינסגעזאָגט, ווער זיין באַשעפֿער איז געווען. ער האָט דאָך אָבער פֿאָרט געמוזט דערצעהלען. האָט ער אַזוי געזאָגט:

„איך בין בעשאַפֿען געוואָרען דורך דעם מסור. די מעשה איז געוועזען אַזוי. ער האָט אַמאָהל געהאַלטען ביי זיך אַ גויה פֿאַר אַ דינסט. נישט ווייט פֿון איהם האָט געוואָהנט אַ יודישער יונגערמאַן אַ סוחר'ל, וואָס האָט געהאַלטען אַ שפּייז געוועלבעל. דער מסור האָט אַלץ געשיקט קויפֿען ביי דעם אידישען סוחר'ל די גוי'שע דינסט. דער יונגערמאַן האָט זיך מיט די גוי'שע דינסט צופֿיעל בעקאַנט, און ס'האָט שוין געהאַלטען דערביי, אַז דער יונגערמאַן זאָל איינמאָהל שפּעט ביינאַכט אַריינקומען אין די קיך פֿון דעם מסור'ס וואָהנונג, ווי די דינסט שלאָפֿט, און ער זאָל מיט איהר מזנה זיין. דער מסור איז פֿון דעם ביטאָג גע־וואָהר געוואָרען, צופֿעליג, דורך דעם וואָס ער האָט געפֿונען ביי זיך אין קיך

דאָס

דאָס קוויטעלע, וואָס דער יונגערמאַן האָט געהאַט געשריבען צו דער דיענסט. דער מסור האָט געוואָלט דעם יונגעמאַן מציל זיין פֿון די גרויסע עבירה. און פֿאַרשעהמען דעם יונגעמאַן האָט ער אויך נישט געוואָלט, איז ער אויף געוועזען ביז פֿאַרטאָג, און איז געשטאַנען בײַ זיך אין הויז אין קאָרידאָר אויף די קעלט, און האָט אָבגעוואַרט ביז דער יונגערמאַן איז געקומען צו געהן שטילערהייט און האָט שוין געוואָלט אַרײַן געהן צו איהם אין קיך אַרײַן. איז דער מסור צו איהם צו געלאָפֿען האָט איהם אָנגעזידעלט און אַרויסגעוואָרפֿען. אָט דאָס בין איך".

דער בית דין שלמעלה האָט אָנגענומען דאָס מלאך'ל פֿאַר אַ מליץ טוב. און נאָך לאַנגע דעבאַטען, ויכוחים, איז געבליבען, מען זאָל די נשמה נישט פֿערניכטען אינגאַנצען, נאָר זי זאָל זיך אַזוי אַרומוואַלגערען פֿינף און צוואַנציג יאָהר צווישען די שדים ומזיקין, זיי זאָלען מיט איהר מאַכען וואָס זיי ווילען, און נאָך פֿינף און צוואַנציג יאָהר זאָל פֿון איהם ווערען אַ דיבוק, דהיינו אַז ער וועט האָבען עפּעס אַ שטיקעל טענה, אָדער עפּיס אַ שטיקעל אַנטשעפּעניש אין אַ אידיש קינד, זאָל ער מעגען זיך דערינגען אַרײַנחאַפּען. אפֿשר וועט ער אַזוי נאָך אָנקומען צו עפּעס אַ צדיק, וואָס וועט וועלען איהם געבען אַ תיקון, אַז ער זאָל קאָנען אַרײַנקומען אין גיהנם אַרײַן אויף אַ געוויסע בעשטומטע צײַט, געלײַטערט צו ווערען.

אין די שטאָדט סטאַשיוו ראַדאָמער גובערניע, נישט ווײַט פֿון די גרעניץ, האָט געוואָהנט אַ איד אַ בעל אכסניא. מיט'ן אידישען נאָמען האָט ער געהייסען בערקאָ. ער האָט געהאַלטען אין סטאַשיוו אַ האָטעל מיט נומערען. דאָרט פּלעגען אײַנשטעהן בלויז אינטעליגענטנע מענשען. דער מסור-משומד מײַעווסקי אַז ער איז געקומען קיין סטאַשיוו פֿלעגט ער אויך אײַנצושטעהן בײַ בערקאָ'ן אין האָטעל. ווי געוועהנליך האָט ער זיך אָנגענומען שטענדיג אַליין אַ בעזונדערען נומער. דאַמאָלס איז נאָך דער בערקאָ געווען אַ יונגערמאַן פֿון עטליכע צוואַנציג יאָהר. און ווען די מעשה איז געשעהן מיט דעם דיבוק איז שוין בערקאָ אַלט געוועזען העכער זעכציג יאָהר. האָט דאַמאָלס בערקא אין די יונגע יאָהרען געמאַכט אזא שטיקעל. דער מסור-משומד מײַעווסקי איז אײַנגעשטאַנען בײַ איהם אין אַ נומער פֿון האָטעל. בערקאָ האָט דערשנאַפּט אַז מײַעווסקי האָט בײַ זיך אַ טײַסטער מיט שעהנע עטליכע הונדערט רובל, האָט זיך געמאַכט אַמאָהל בײַנאַכט, וואָס מײַעווסקי האָט זיך געלאָזט גוט וואָהלגעהן מיט גראָבע עבירות, און מען האָט דערבײַ נישט געזשאַלעוועט קיין גוט געזעל ווײַן. גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט איז מײַעווסקי געבליבען אַליין אין נומער, מיעד ווי עשו נאָך די עבירות און נאָך אַזוי פֿיעל ווײַן טרינקען. בערקאָ האָט דאָס דערשנאַפּט, האָט ער זיך אַרײַנגעכאַפּט שטילערהייט צו דעם מסור-משומד, און האָט דאָרט געזוכט און טאַקי געפֿינען דעם טײַסטער מיט'ן געלד. מילא ווי געוועהנליך, האָט זיך בערקאָ מורה היתר געוועזען: „אַב איהם אַ שוואַרץ יאָהר דעם מסור דעם בעל עבירה! כיי ווי איז דאָך דאָס בלויז גזילה געלד, איז דען נישט גלײַכער דאָס געלד זאָל בײַ מיר זײַן!" און ער האָט טאַקי פּשוט צו גע'גנב'ט דאָס געלד, און

איז

איז זיך שטילערהייט ארויסגעגאנגען ווען מייעווסקעלע מסור האט גאנץ שטארק געחראפעט.

אין דער פריה ווען מייעווסקעלע מסור איז אויפגעשטאנען, האט ער דערזעהן דעם חורבן. ער האט גערעכענט נישט אנדערש, נאר אז די דאזיגע וואס איז געוועזען ביי איהם די נאכט אין נומער, האט זי דאס איהם בע'גנב'ט. מייעווסקי האט אריינגערופען בערקא'ן און האט איהם דערצעהלט פון די גנבה. דערביי האט ער געבעטען בערקא'ן, אפשר ווייס ער ווער די פארשוינטע איז, אפשר וועט מען קאנען מיט פאליציי ביי איהר אבנעמען די גנבה. אבער בערקא האט זיך אויסגעשמייכעלט און האט איהם געענטפערט: „מיין ליעבער הערר! פון וואנען זאל איך קאנען אזעלכע לייט? נאך דערצו אז איך האב זי גאר נישט געזעהן, איהר ווייסט דאך אליין דעם אמת, אז איך האב זי גאר נישט געזעהן. און ווייטער גלאט אנחאפען זיך אין אזעלכע וואס מען ווייס נישט זיכער, צו זי איז דאס דא געוועזען, קאן מען זיך דאך אריינלעגען אין א פראצעס אריין. אלזא מיין ליעבער הערר, לויט ווי איך פערשטעה איז קיין עצה נישט דא דערצו". מייעווסקי האט אויך אזוי צו געשאקעלט מיט'ן קאפ און האט געזאגט: „מילא פערפאלען. מען מוז זיך אנווישען דאס מויל און שווייגען. הייסט עס אז די עבירות פון די היינטיגע נאכט האבען מיך געקאסט א פינף הונדערט קערבלעך". בערקא האט געבארגט מייעווסקי'ן א פינף און צוואנציגער, ער זאל האבען אויף די הוצאה. און די מעשה איז געוועזען פערפאלען שטיל שעהן, ווי א שטיין אין וואסער אריין.

אז מייעווסקילע מסור־משומד האט געחאפט אויף יענע וועלט אזא פסק, זא ווי אויבען איז געשטאנען. און ווען עס האט זיך שוין אויסגעלאזט די פונף און צוואנציג יאהר וועגדראווקע צווישען די שדים ומזיקים. האט ער שוין געהאט רשות, ער זאל ווערען א דיבוק, און זאל דא אנזיכען אויף די וועלט עמיצען, וואס ער האט צו איהם א צוטריט, ער זאל קאנען אין איהם זעלבסט אריין, אדער אין זיינס א קינד. די זינדיגע נשמה האט זיך אנגעהויבען אויף דער וועלט ארום צו בלאנקען, איבער שטעדט איבער דערפער. אפשר וועט זי עפעס דערשנאפען אין וועמען זי קאן זיך איינהיילען, צוליעב דעם וואס יענער האט אמאהל קעגען איהר געזינדיגט מיט גזלה צו מיט גנבה. אבער פעהל. פארקערט, זי האט נאר דערקאנט אזעלכע יודען, וואס זי האט זיי געטוהן שלעכטץ, אבער נישט וואס מען האט איהר שלעכטץ געטוהן. די זינדיגע נשמה האט אפילו געהאט נאך א ברירה, זאל אריין אבער אין א פערד, אבער אין א חזיר, אבער אין א כלה, אבער אין א קאטץ. נאר דאס האט די זינדיגע נשמה זיך בעהאלטען, אויב זי וועט קיין אנדערע ברירה נישט האבען.

מייעווסקילע מסור־משומד האט זיך דערמאנט, אז ער פלעגט דאך אמאהל עפעס אין שטאדט סטאשיוו אויך געשעפטלעך צו פיהרען, אפשר וועט ער עפעס דארט עמיצען געפינען, וואס ער זאל אין איהם קאנען זיך איינהיילען. ער איז אריבער קיין סטאשיוו. דרעהט זיך אהין, דרעהט זיך אהער, ס'איז נישט דא אין וועמענען זיך אנצוחאפען. מיט אמאהל דערזעהט ער, אז עס פליהט צו,

צו איהם נאָהנט עפּעס אַ שד צו אַ מזיק און שמייכעלט צו איהם, זאָגענדיג: „אָה! וואָס מאַכסט דו עפּעס פעטער מייעווסקי! וואָס טוסט דו עפּעס דאָ? ווי האָלסט דו, ווי דערגעהסט עס דיר עפּעס נאָכ'ן טוידט"? מייעווסקילע קוקט איהם אָהן און פרעגט איהם צוריק: „אָבער ווער ביזט דו עפּעס וואָס דו שרייעסט אויף מיר פעטער"? ענטפערט איהם דער טייוועל: „יאָ ביזט גירעכט פעטער־לעב, אַז דו ווייסט נישט וועל איך דיר מאָקי דערצעהלען. מיין פאָטער איז בערקאָ דער האָטעלניק, און דו ביזט איבער דעם מיין פעטער, וואָרען ווען נישט דו, וואָלט בערקאָ נישט געוועזען מיין פאָטער, און איך וואָלט גאָר נישט בעשאַפען געוואָרען. די מעשה איז אַזוי. גידענקסט פעטער־לעב! ווען מען האָט אַמאָהל ביי דיר אַרויסגע'גנב'ט אַ טייסטער מיט פונף הונדערט רובעל? אָט דאָס שטיקעל האָט דיר דאַמאָלס דער בערקאָ אַליין געמאַכט, ער זעלבסט איז דאָס געוועזען דער גנב, און פון עבירה בין איך בעשאַפען געוואָרען. אַצונד דאַרפסט דו שוין פערשטעהן, פאַר וואָס בערקאָ דער האָטעלניק איז מיין פאָטער, און פאַר וואָס דו ביזט מיין פעטער".

מייעווסקילע מכור משומד האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ, און האָט אַ געשריי געטהון: „העָ! וואָס איך הער! האָט בערקאָלע דער האָטעלניק אַליין ביי מיר אַרויס גע'גנב'ט דעם טייסטער געלד, האָב איך דאָך שוין יאָ פאָרט עפּעס געזינגען עמיצען, וואָס האָט מיר אַזאַ גרויסע עולה געטהון, אויב אַזוי קאָן איך דאָך זיך אין איהם גאַנץ גוט אַצונד איינהילען".

זאָגט ווייטער דער טייוועל צו מייעווסקילע: „אויב דו האָסט בעקומען רשות זאָלסט דיך אין אַזאַ שטייגער קאָנען איינהילען, לוינט נישט פאַר דיר אין איהם זעלבסט זיך איינצוהילען. וואָרען ער איז דאָך שוין אַ יוד פון עטליכע זעכציג יאָהר, ווי לאַנג מיינסט דו וועט ער דען נאָך דאָ אַזוי אָנטרייבען. נאָך אין עטליכע יאָהר אַרום וועל איך מיט נאָך געגוג אַזעלכע חברה־לייט ווי איך בין, שוין זיך דאַרפען איינצוהילען אין זיין נשמה'לע. ווי וועסט דו פעטער־לעב דאַמאָלס בלייבען. נאָר ווייסט דו וואָס, איך וועל דיר יאָ אַ גוטע עצה געבען. בערקאָ פערמאָגט נאָך אַ מוזיקעל אַ בן זקונים'ל, אַ חדר־יונגעל פון אַ יאָהר צעהן, אָט דאָס וועט זיין פאַר דיר פעטער־לעב די בעסטע סחורה. אָבער דו דאַרפסט וויסען, אַז אַזאַ חדר־יונגעל דאַרפסט דו פּאַקען ביי עפּעס, זאָלסט קאָנען האָבען אַ צוטריט צו איהם, וואָרען גלאַט אַזוי אָהן אַ שום זאַטשעפּקע, קאָנסט דו צו צוטריט נישט האָבען".

זאָגט מייעווסקילע: „מיילא אויב אַזוי איז פערפאַלען, ווער... יען נאָר דאָס בן זקונים'ל זיינס נאָך קריבען שטענדיג, ביז איך וועל איהם ביי עפּעס פּאַקען, דאַמאָלס וועל איך מיך אין איהם אַריינכאַפּען, וועל איך חאָדוש וויסען פון אַ שטיקעל מנוחה. וואָרען אַזוי איז דאָך גאָר נישט אויסצוהאַלטען די צרות וואָס איך שטעה אויס פון מיינע איינענע מלאכי חבלה, שדים ומזיקים, וועלכע זענען דורך מיינע מעשים רעים בעשאַפען געוואָרען".

בערקאָ'ס בן זקונים'ל האָט געהייסען זעליגל. ער איז אפילו נישט געוועזען קיין שלעכט חדר־יונגעל, ער האָט זיך גאַנץ גוט געלערענט, נאָר פאַר דאָס איז

ער

ער גיװעזען אַ צו גרויסער מיוחס בײַ זיך, בעװײַל זײַן פֿאָטער און מוטער האָבען איהם שטאַרק ליעב געהאַט, טאַקי װי אַ מוזיקעל, זײ האָבען איהם אַלץ נאָכגיגעבען דאַדורך איז ער גיװעזען אַ גרויסער יחסן בײַ זיך, ער װאָלט חאָדוש געװאָלט אַז אַלע זײַנע חברים זאָלען פֿאַר איהם דרך ארץ האָבען, און אפילו גאָר דער רבי זײַנער אויך. האָט איהם אַמאָהל עפּעס אַ יונגעל זאַטשעפּעט, איז גיװעזען סכנת נפשות, ער האָט זיך נאָר געזיכט אין איהם נוקם ונוטר צו זײַן אַ לאַנגע צײַט.

מאַכט זיך אַמאָל אַ מעשה, אַז זעליגל מיט זײַנע חברים זענען אַהײם געגאַנגען פֿון חדר, האָט איהם אײנער פֿון זײַנע חברים אויפ׳ן װעג עפּעס זאַטשעפּעט, װי דער שטײגער איז פֿון חדר־יונגלעך, װען זײ לויפֿען אַהײם פֿון חדר. זעליגל איז געװאָרען זעהר שטאַרק בײז אויף דעם חבר און האָט איהם געװאָלט גוט אָנלערנען דערפֿאַר. דאָס יונגעל װאָס האָט איהם זאַטשעפּעט האָט געטראָגען אונטערען אָרים אַ נאַיי סידור׳ל, אַ שעהן סידור׳ל. זעליגל, האָט סאַיי װי געהאַט גרוים קנאה אויף יענעם יונגעל, װאָס האָט בעקומען אַ שענער סידור׳ל װי ער האָט געהאַט. אַצונד האָט ער דאָס אויסגענוצט, און װײַל יענער האָט איהם זאַטשעפּעט, איז ער פּלוצלונג צוגעלאָפֿען צו יענעם יונגעל, האָט בײַ יענעם אַ חאַפּ אַרויס געטהון דאָס שעהנע סידור׳ל. פּונקט װי די מחלוקה איז אַרויסגעקומען, איז דאָרט גיװעזען באַלד דערנעבען אַ רינשטאָק מיט אומרײַנע בלאָטע. האָט זעליגל דאָס שעהנע סידור׳ל אַרײַנגעװאָרפֿען אין דעם רינשטאָק אַרײַן, און אײדער ער האָט עס אַרײַנגעװאָרפֿען, האָט ער עס נאָך אויפֿגיעפֿענט, כּדי די בלעטלעך זאָלען אויך װערען אײַנגערעכט, אַזוי אַז ס׳זאָל שוין צו גאָר נישט ניטצען. דאָס יונגעל װײַטער פֿון סידור׳ל, אַז ער האָט דערזעהן דעם חורבן, װאָס זעליגל האָט איהם געמאַכט מיט׳ן סידור׳ל, איז ער געװאָרען שטאַרק בײז, איז ער צו געלאָפֿען צו זעליגלען און האָט איהם מיט׳ן גאַנצען כּח אַ שטויס געטהון. זעליגל האָט אַ פֿאַל אַנידער געטהון אויף די ערד און איז געבליבען ליגען פֿערחלש׳ט. ס׳איז באַלד געװאָרען אַ געװאַלד אַ געשרײַ, מענשען זענען געקומען צו צולויפֿען און האָבען זעליגלען קוים דערמינטערט. אַבער זעליגל האָט שוין נישט געקאָנט מער ריידען און האָט שוין נישט געקאָנט אַלײן אַהײם געהן ער איז גאָר אינגאַנצען נשתּנה צורה געװאָרען און מען האָט איהם געמוזט צו בערקאָ אין שטיב אַרײַן אַהײם טראָגען אויף די הענד.

מען קאָן זיך פֿאָרשטעלען, װאָס בײַ בערקאָ אין שטיב האָט זיך געטהון, װען מען האָט זעליגלען אַרײַנגעבּרענגט צו טראָגען אויף די הענד. די מוטער האָט זיך נעבעך געהאַקט אין קאָפּ אַרײַן: „געװאַלד! װעלכער מערדער האָט מײַן זעליגלען ערמאָרדערט”! בערקאָ אַלײן האָט אויך געמאַכט יעלות מיט יללות. װאָרען װעמען האָט דען דאָס געקאָנט אײַנפֿאַלען, אַז זעליגל׳ס פֿאַלען מיט׳ן חלש׳ן איז נאָר דורך דעם, װאָס דאַמאָלס האָט זיך אין איהם מדבק גיװעזען דער דיבּוק מײַעװסקילע מסור־משומד, צוליעב דעם אומרעכט װאָס זעליגל האָט געטהון מיט׳ן אַרײַנװאַרפֿען אַ סידור׳ל אין אַזאַ אומרײַנעם רינשטאָק אַרײַן. דאָס איז גיװעזען פֿאַר מײַעװסקילע גאַנץ נענוג, ער זאָל קאָנען שוין האָבען אַ צוטריט צו

זעליגלען

זעליגלען און איינהילען זיך אין איהם גאַנץ גוט. אַלס נקמה וואָס זיין פאָטער בערקאָ האָט אַמאָהל ביי איהם אַרויס גע׳גנב׳ט אַ טייסטער מיט פונף הונדערט רובל. פון דיזען פערבאָרגענעם סוד איז קיינער נישט אונשטאַנד גיוועזען צו וויסען. אַלזאָ האָבען אַלע דאָס אָנגענומען פאַר אַ פלוצלונגע קראַנקהייט, וואָס ער האָט בעקומען דורך דעם פאַל.

ווי גיוועהנליך וואָס טוט מען ביי אַזאַ מעשה. קודם כל שיקט מען דאָך נאָך אַ דאָקטאָר. מען איז געלאָפען נאָך אַ דאָקטאָר פון אַלע זייטען. הכלל ס׳איז אָנגעקומען דער סטאַשיווער שטאָדטס דאָקטאָר און אויך אַ וואָיענגע דאָקטאָר. ביידע מבינים האָבען זעליגלען גוט בעטראַכט, און זיי האָבען אויך אַזוי בעשטומט אַז דאָס יונגעל האָט געקריגען דורכ׳ן פאַל אַ געהירען צורידערונג. זיי האָבען פערשריבען אַ ריצעפּט און געהייסען צולעגען אַ בלאָז אייז צום קאָפּ.

אויפ׳ן צווייטען טאָג איז זעליגל שוין גיקרעפטיגט געוואָרען, און האָט זיך אָנגעהויבען שוין אַליין אויפצוזעצען אין בעט. אַממייַנסטענס איז די מוטער גיזעסען נעבען בעט, וואָס זי האָט איהם געפרעגט, האָט ער איהר גאָר נישט גיענטפערט. נעמען און מויל אַריין האָט ער נישט געוואָלט. נאָר דאָס איז גיוועזען דאָס ערשטע וואָס זעליגל האָט בעוויזען: די מוטער האָט געוואָלט אַרויסקריגען פון איהם עפּעס אַ וואָרט האָט זי איהם דערלאַנגט אַביסעל טעה און האָט איהם אָנגעהויבען צו בעטען, ער זאָל מאַכען אַ „שהכל“ און טרינקען אַביסעל טעה. ווי ער האָט נאָר דערהערט דאָס וואָרט „שהכל“ האָט ער אַ שפּיי אויס געטהון און מיט די פויסט אויסגעהאַקט דאָס גלאָז טעה פון די מוטער מיט גרוים כעס. מילא ווען מען האָט דען געזאָלט איינפאַלען עפּעס גאָר אויסטערליש, מסתם האָט מען גירעכענט אַז ער איז צורידערט פון די קראַנקהייט. באַלד אָבער דערנאָך איז דער פאָטער בערקאָ צוגעגאַנגען צום בעט, זעהן וואָס זיין מוזיקעל מאַכט. אַזוי ווי נאָר ער איז צוגעקומען צום בעט, האָט ער דערהערט עפּעס אַן אומגיוועהנליך קול האָט זיך אַרויסגעריסען פון זעליגל׳ס מויל: „אָה! יאַקשע מאַש, פאַניע בערקאָ“! און מער האָט ער שוין נישט גירעדט.

בערקאָ איז געוואָרען זעהר איבערגעשראָקען פון דעם אויסגעשריי. די מוטער איז אויך געקומען צו צולויפען. זיי האָבען איהם אָנגעהויבען צו בעטען, ער זאָל עפּעס נעמען אין מויל אַריין. אָבער פעהל. בערקאָ האָט איהם אָנגעהויבען צו בעטען: „זעליגל קרוין! איך וועל דיר געבען מיין שעהן סידור׳ל וועסט זאָגען קריאת שמע. און בערקאָ האָט טאַקי באַלד איהם דערלאַנגט זיין שעהן סידור׳ל, און האָט איהם אויפגעמישט קריאת שמע. זעליגל האָט אַ חאַפּ אַרויסגעטהון דאָס סידור׳ל פון פאָטערס האַנד, האָט עס צוריסען אויף פיצלעך און האָט עס אַ שלייַדער אַוועק געטהון מיט גרוים כעס. ביי דעם איז ווידער געהערט געוואָרען אַזאַ ווילדער אויסגעשריי: „פשאַקרעוו זשידזשע! יאַ מייעווסקי“!. באַלד נאָך דעם האָט זיך זעליגל אויף גיזעצט אין בעט, האָט אַנידער געקניהט און האָט זיך אָנגעהויבען צו צלמ׳ן.

בערקאָ מיטין ווייב איז פינסטער געוואָרען פאַר די אויגען, אַז זיי האָבען דאָס דערזעהן. זיי ביידע האָבען אָנגענומען זעליגלען אונטער די אָרעמעס

און

און ער האָט די אַסיגנאַציעס פֿערנייט אין דעם פּעלצעל אַזוי אַז ס'איז גאָר נישט געווען צו דערקענען. אויך האָט ער געהאַט בעהאַלטען דאָרט צווישען דעם געלד די צינק-מטבע, וואָס ער האָט בעקומען פֿון גריידיצער רב, אויף הצלחה וואָס אויף איהר איז געשטאַנען פֿון איין זייט משה'לם נאָמען. דאָס אַלץ איז געווען אַזוי גוט פֿערנייט אין דעם פּעלצעל, אַז מ'האָט דאָס גאָר נישט דערקאָנט.

דאָרט אין ווייסען גיהנם האָט מאיר'ל געמוזט אַראָב ביינגען דאָס קעפּעל, און זיין אונטערטעניג אונטער אַלע. יעדער האָט מיט איהם געשאַפּט, און ער האָט זיך געהיטען, ער זאָל יעדענס פֿערלאַנג ערפֿולען. אין אָנהויב האָט מען איהם גאָר נישט אַרויסגעלאָזט קיינמאָל שפּאַצירען אויפֿ'ן אינזעל. נאָר ער האָט זיך שטענדיג געמוזט געפֿונען, אַבער אין די קאַזאַרמעס, אָדער ביי די סקלאַדעס ווי ס'פֿעלט קיינמאָל קיין אַרבייט נישט. נאָר ווען ס'איז פֿערביי געגאַנגען עטליכע חדשים, און די בעאַמטע האָבען געזעהן אַז ער פֿיהרט זיך אין אָרדענונג, האָבען זיי שוין איהם ערלויבט אַמאָהל אַביסעל אַרום צו שפּאַצירען אויפֿ'ן אינזעל.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז מאירלען האָט אָנגעשמעקט צו ווערען געוואָהר ווערען, וואָס הערט זיך עפּעס אין פּרייסען, ווי האַלט עפּעס די מלחמה, און אַזוי ווי ס'איז פֿאַרוועהרט געווען דעם גאַנצען פֿראַנצויזישען פּערסאָנאַל פֿון דעם אינזעל צו ריידען מיט די פֿערנימענע פּרייסישע זעלנער אָדער מאַטראָסען, האָט זיך אַלזאָ מאיר'ל געמוזט פֿערקערייווען דורך אַ זייטיגען וועג, ער זאָל זיך קאָנען צו חאַפּען צו אַ פּרייסישען פֿערנימענעם זעלנער און עפּעס ביי איהם געוואָר צו ווערען. דאָס האָט אָבער באַמערקט אַ פֿראַנצויזישער זעלנער וואָס איז געשטאַנען אויפֿ'ן קאַראַאול אין אַ בעהאַלטען אָרט. דער פֿראַנצויזישער זעלנער האָט אַ פֿייף געטהון אויף מאירלען און האָט איהם אָבגעשטעלט. ווי געוועהנליך ראשית האָט דער פֿראַנצויז מכבד געווען מאירלען מיט צוויי גוטע פּעטש. צווייטענס האָט ער איהם גענומען בעזיכען, וואָרען ווער ווייסט צו ער האָט נישט געוואָלט עפּעס אַ מין שפּיאָנאַזש איבערגעבען קיין פּרייסען. מאירל האָט זיך געמוזט אויפֿקנעפּלען אַלע מלבושים, און דער זעלנער האָט איהם גוט בעזיכט. אָבער ער האָט קיין שום פֿערדיכטיגע זאַך ביי איהם נישט געפֿונען. ביים בעזיכען האָט דער זעלנער געוואָרפֿען אַן אויג אויף דעם פּעלצעל. ער האָט פֿערשטאַנען אַז דאָס איז אַ טייער פּעלצעל, און ס'איז איהם אַ גרויס וואונדער געווען, ווי קומט עפּעס צו אַן אַרבייטער אַזאַ גוט פּעלצעל. אָבער וואָס האָט ער געקאָנט טהון. אַראָב רייסען פֿון איהם דאָס פּעלצעל האָט ער דאָך אויך מורא געהאַט. נאָר ער האָט שוין אָנגעהויבען צו קלערען עצות ווי אַזוי דאָס פּעלצעל פֿון מאירלען שטילער-הייט אָנצוקריגען. דער זעלנער האָט זיך פֿערצייכענט מאירל'ס נומער, און נאָכען בעזיכען האָט ער איהם ווייטער מכבד געווען מיט אַ קאָלאַק אין קאַרק אַריין, און האָט איהם געהייסען באַלד צוריק געהן אויף זיין אָרט.

אויף מאירלען איז געמאַכט געוואָרען אַ פּראָטאָקאָל פֿון דעם שפּאַצירען, און ער איז פֿערמשפּט געוואָרען אויף דריי טאָג קאַרץ, און אַז אין די דריי טאָג זאָל ער נאָר לעבען מיט ברויט און וואַסער. דאָרט אין קאַרץ האָט זיך מאיר'ל דערמאָנט אַלע זיינע חטאים. דאָרט איז איהם געעפֿענט געוואָרען די

אויגען

אויגען וואס פֿאַר אַ גרויסע עבירה ער האט געטהון, אַז צוליעב געלד האט ער עובר געווען אויף תקיעת כף. און וואס ער האט נאָר געדענקט פֿון אויסענוועניג עפּעס אַ קאַפּיטעל תהלים, האט ער געזאָגט אַלץ און איינעם, און ער פֿלעגט זיך דערבײַ גאַנץ שטאַרק צו צווײנען. נאָך די דרײַ טאָג איז מאיר׳ל אַרויס פֿון קאַרץ קוים אַ לעבעדיגער און ער האט זיך באַלד געמוזט געמען צוריק צו זײַן ארבייט.

דער פֿראַנצויזישער זעלנער וואס איז געשטאַנען דאַמאָלס אויפ׳ן קאַראַאול האט געהייסען „ראַנטשאַג". ער האט שוין פֿון דאַמאָלס אָהן נישט געריהט, נאָר ער האט געקלערט פֿערשידענע עצות קעגען מאירל׳ן, ווי אַזוי אָנצוקריגען בײַ איהם דאס גוטע פֿעלצעל. ראַנטשאַג האט גוט חוקר ודורש געווען, ווי מאיר׳ל אַרבייט, ווי מאיר׳ל שלאָפֿט, און איז געפֿאַלען אויף אַזאַ קאָמבינאַציע. ווען ראַנטשאַג האט זיך דערוויסט אַז מאיר׳ל האט געהאַט בײַטאָג אַ שווערע אַרבייט, האט ער פֿערשטאַנען אַז בײַנאַכט וועט ער שלאָפֿען גאַנץ האַסטיג. דאַן האט זיך ראַנטשאַג אָנגעטהון מלבושים פֿון אַן ארבייטער, און האט זיך אָנגעהויבען צו דרעהען אין דער שטיב וואו מאיר׳ל פֿלעגט זיך לעהגען שלאָפֿען, דאָ האט ראַנטשאַג אַזוי אָנגעדרייט ס׳זאָל ווערען גוט אײַנגעהייצט אין דער שטיב, אַזוי אַז מ׳זאָל גוט שפּירען די וואַרעמקייט, כדי מאיר׳ל זאָל נישט שלאָפֿען אין פֿעלצעל. וואָרען אַזוי באַלד ס׳איז געווען קיהל אין שטיב פֿלעגט מאיר׳ל שלאָפֿען אין פֿעלצעל, און אַזוי באַלד ס׳איז געווען גוט וואַרעם, פֿלעגט ער אויסצוטהון דאס פֿעלצעל, און אונטער צו לעגען זיך דאס פֿעלצעל צוקאָפּענס אינטער׳ן שטרויען קישעלע. פֿון דעם אַלעם איז דער ראַנטשאַג גאַנץ גוט געוואָהר געוואָרען. און אויף די נאַכט וואס ראַנטשאַג האט אָנגעדרעהט ס׳זאָל זײַן גוט וואַרעם אין שטיב, האט זיך ראַנטשאַג אויך דאָרט געלעגט שלאָפֿען. און בײַנאַכט ווען מאיר׳ל איז האַסטיג אײַנגעשלאָפֿען נאָך די שווערע ארבייט פֿון בײַטאָג, און ער האט גוט געחראַפּעט, האט זיך דער ראַנטשאַג צו גערוקט צו זײַן געלעגער, און האט פּאַמעלעך דאס פֿעלצעל אַ פֿעהר געצויגען פֿון אונטער מאיר׳לס שטרויען קישעלע. קיינער האט נישט געהערט און קיינער האט נישט געזעהן, וואָרען ווי ספּערשטעהט זיך, זענען אַלע אַרבייטערס גאַנץ גוט אײַנגעשלאָפֿען אין דער וואַרעמע שטיב. ראַנטשאַג איז בײַנאַכט מיט׳ן פֿעלצעל אַוועקגעגאַנגען צו זײַן קאַזאַרמע. ער האט עס דאָרט גוט מבער געווען און האט זיך געלעגט שלאָפֿען.

זייגער זעקס אין דער פֿריה, ווען דער גלאָק האט מיט זײַן קלינגען אויפֿגעוועקט אַלע אַרבייטער צו דער אַרבייט, האט זיך מאיר׳ל אויך אויפֿגעחאַפּט פֿון זײַן טיעפֿען שלאָף. ער האט זיך אָבער נישט געחאַפּט באַלד צום אָנטהון, נאָר ער איז נאָך געלעגען עטליכע מינוט, און האט זיך דערמאַנט גוט דעם שרעקליכען חלום, וואס איהם האט זיך דאָ געחלומ׳ט די נאַכט.

איהם האט זיך אַזוי ג׳חלומ׳ט. אַז ער איז געקומען צו פֿאָהרען צום גרײדיצער רב אויף יום כפור. מוצאי יום כפור האט ער זיך זעהר געאײַלט אַהיים צו פֿאָהרען. אַז ער איז אַרײַנגעגאַנגען צום גרײדיצער רב זיך געזעגנען, האט

איהם

איהם דער רב נישט געװאָלט געבען די האַנד און ער האָט איהם געזאָגט: „איך קאָן דיר נישט געבען די האַנד, װײל ס'שטעהט אין פּסוק „אל תשת ידך עם רשע". זאָלסט נישט שטעקען דײן האַנד צו קײן רשע. און די ביזט דער זעלבער רשע נאָכ'ן יום כפּור װי דערפאַר, װאָרען אויף עבירות שבין אדם לחבירו איז דאָך יום כפּור נישט מכפּר. דו האָסט געגנב'ט, געגזל'ט, און עובר געװען אויף תקיעת כף, און אויף אַן איסור. אַװעק פון מיר, אַװעק! אַרויס פון מײן שטיב". דאַמאָלס האָט זיך נאָך מאיר'לן געדאַכט אין חלום, אַז דער משמש האָט איהם אַרויס געװאָרפען פון רב'ס שטיב, און דאָרט אין קאָרידאָר איז צוגעפאַלען צו איהם עפּעס אַ שװאַרצער מענש, אַזױ װי אַ שד אָדער אַ מזיק, און ער האָט מאיר'לן אָנגעחאַפּט בײם האַלדז מיט אַ געשרײ: „גיב אָב, דו רשע, דאָס געלד װאָס דו האָסט געגנב'עט בײ דײן שותף, נאָר שױן! װאָרען אַז נישט דערװערג איך דיך דאָ אויפ'ן אָרט". מאיר'ל האָט זיך בײ איהם געבעטען, ער זאָל איהם אָבלאָזען, װאָרען ער גיבט שױן אָהן דאָס גאַנצע געגנב'עטע געלד. ער האָט דערבײ באַלד אויסגעטהון געשװינד דאָס פּעלצעל, און האָט דאָס פּעלצעל אַװעק געגעבען דעם שװאַרצען שד, שרײענדיג צו איהם: „אָט דאָ האָט איהר דאָס גאַנצע געלד". און בײ דעם געשרײ האָט פּונקט אָנגעהױבען דער גראָק צו קלינגען און מאיר'ל האָט זיך אױפגעחאַפּט מיט גרױס שרעק.

מאיר'ל האָט זיך דעם חלום אַזױ נאָך אַמאָהל פאַרגעשטעלט און גוט דערמאָנט זיך יעדעס ענצעלהײט. ער האָט זיך אָנגעװױשט דעם שװײס פון שטערען און האָט זיך אָנגעהױבען אָנצוטהון. אַז ער האָט שױן געהאַלטען בײם פּעלצעל, טהוט ער אַהױב אויף דאָס שטרױענע קישעלע און װיל אַפּעהר נעמען דאָס פּעלצעל. אָבער ס'איז נישט דאָ. קוקט אַהין, קוקט אַהער, זוכט דאָ, זוכט דאָרט, אױס פּעלצעל. מען האָט געזוכט בײ אַלע אַרבײטער, אָבער מען האָט עס נישט געפונען. דאַן האָט מאיר'ל אַזױ צו זיך אַלײן גערעדט שטילערהײט: „מילא איך זעה דאָך אַז דער חלום איז װירקליך. געװיס האָט דער גרײדיצער רב געמוזט אַהער שיקען צו מיר בײנאַכט אַ שװאַרצען שד, און איך האָב אַלײן איהם דאָס פּעלצעל אַװעק געגעבען. אפשר װעל איך שױן האָבען דורך דעם אַ תקון, אַז דער אױבערשטער זאָל מיר צו שיקען אַ הילף, איך זאָל מיך קאָנען פון דעם װײסען גיהנם אַרױסרײסען, און אַהײם קומען בשלום צו מײן װײב און קינדער. יעצט פערשטעה איך שױן גוט װאָס דער גרײדיצער רב האָט מיר געזאָגט בײם געזעגנען נאָכ'ן שותפות מאַכען, אַז מה דאָך אַ שטעקען װאָס איז אַ לאַנגע זאַך, און אױב מען װאַרפט איהם אין דער הױך פאַלט ער צוריק צו זײן שורש, מכל שכן נאָך געלד, װאָס איז קײלעכדיג, קאָלערט עס זיך אַודאי גאָר גרינג צוריק צו זײן שורש. דער גנב אָדער דער גזלן מוז אױסמײקענען צוריק די גנבה אָדער די גזלה, אַזױ װי ס'שטעהט אין פּסוק „חיל בלע װיקיאנו". דאָס גוטס װאָס דער רשע האָט אײנגעשלינגען פון יענעם, מוז ער עס צוריק אױסמײקענען. אָט דאָס מײנט מען מיך".

אַזױ האָט זיך געבעטען מאיר'ל אַלײן שטילערהײט געטרײסט, אַלײן זיך בערוהיגט. ער האָט זיך אָנגעטהון און איז געגאַנגען בעטען, מען זאָל איהם געבען

אַנ'אַנדער

אַנ׳אַנדער פּעלצעל. ער האָט באַלד בעקומען אַנ׳אַנדער פּעלצעל, אַזוי ווי אַלע אַרבייטער האָבען, דערנאָך איז ער געגאַנגען צו זיין אַרבייט גאַנץ מונטער און פלייסיג. ער האָט אַליין אויף זיך פערחידושט און פערוואונדערט, אז האָטש ער האָט די נאַכט היזק געהאַט אַזאַ גרויס פערמעגען, פון דעסטוועגען אַרט דאָס איהם גאָר נישט, נאָר אדרבא פאַרקעהרט, ער שפּיהרט נאָך זיך לייכטער, גלייך אַזוי ווי מען וואָלט אַ שטיין אַראָבגענומען פון זיין האַרץ.

מאיר׳ל האָט ווייטער אַזוי געאַרבייט אויף דעם ווייסען גיהנם נאָך עטליכע חדשים. ער האָט פערשטאַנען אַז דער פראַנצויז האָט געהאַט ביי דער מלחמה די גרויסע מפּלה, וואָרען ער האָט געזעהן אַז די פּרייסישע זעלנער, וואָס זענען געזעסען אויף דעם אינזעל, אַלס פערנומענע, זענען אַלע מיט איינמאָהל אַוועק געפאָהרען פון דעם אינזעל אויף שיפען מיט אַ גרויס געזאַנג. אָבער פאַר זיך האָט ער נאָך אַלץ גאָר נישט געזעהן קיין הילף. און דער אמת איז טאַקי אַזוי געוועזען, אַז פון די אַלע גבורות, וואָס דער פראַנצויז האָט בעוויזען אין אָנהויב מלחמה, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. דאָס פעהנדיל האָט זיך איבערגע-דרעהט, און די פּרייסען האָבען אָנגעהויבען געבען די פראַנצויזען גרויסע קלעפּ, איינס נאָכ׳ן אַנדערען. און דורך דעם איז דער פּרייסישער פלאָט אויך אויפגע-בונדען געוואָרען, וואָרען די זעלנער פון דער יבשה האָבען זיך שוין נישט גע-נויטיגט אין דער הילף פון פלאָט. אַזוי גאָך האָט זיך דער פּרייסישער פלאָט צו-שפּרייט אויפ׳ן ים, און האָט אָנגעהויבען צו פעריאָגען די פראַנצויזישע שיפען. און דאָס איז געוועזען די סבה פון מאיר׳לס הילף.

די מעשה איז אַזוי געוועזען. אַז דער פּרייסישער פלאָט האָט אָנגעהויבען פריי אַרום צושווימען אויפ׳ן ים, האָבען זיי דערשנאַפּט אַז אויף דעם קליינעם אינזעל, וואָס ליגט ביים גרויסען הויכען שנעה-באַרג, האָט דער פראַנצויז ליגען אַ גרויסען זאַפּאַס מיט שטיין-קוילען. מילא האָט דער פּרייס געזאָגט „מהיכי תיתי״. אַז מיר זענען ווייטער טאַקי שטאַרקער פאַר׳ן פראַנצויז, פאַר וואָס זאָלען מיר נישט בעסער נוטצען די פראַנצויזישע שטיין-קוילען איידער אונזערע. געזאָגט און געטהון. דער פלאָט האָט אָנגעזיכט דעם אינזעל, און דער פּרייס איז געוואָרען דער בעל הבית פון דעם אינזעל. ס׳איז נישט געווען דער טאָג וואָס קיין פּריי-סישע שיפען האָבען נישט געזאָלט צו שווימען צו דעם אינזעל און נעמען שטיין-קוילען וויפיעל זיי האָבען נאָר געוואָלט.

ווען מאיר׳ל האָט שוין געזעהן, אַז די פּרייסען זענען אויף דעם אינזעל גרעסערע בעלי בתים ווי די פראַנצויזען, האָט ער זיך מישב געווען, וואָס וועט ער דאָ אויסזיצען. און אַמאָהל ווען ס׳איז צוגעקומען צו דעם אינזעל אַ פּרייסישע שיף, איז מאיר׳ל אַריין אין דער פּרייסישער שיף. ער האָט געזאָגט אַז ער איז אַ פּרייסישער אונטערטאַנער, און איז דורך די פראַנצויזען גפאַנגען געוואָרען, אַלוא האָט ער געבעטען מ׳זאָל איהם צופיהרען צום שיפס-קאַפּיטאַן, אָדער צום אַדמיראַל. די מאַטראָסען האָבען געזעהן, אַז ער רעדט פיין דייטש, האָבען זיי פערשטאַנען, אַז ער זאָגט נישט קיין ליגענט. זיי האָבען איהם פאָרגעשטעלט פאַר׳ן אַדמיראַל פון דער שיף. מאיר׳ל האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו וויינען פאַר׳ן אַד-

מיראַל

מיראל און האט פאר איהם זיך אויסגערעדט זיין ביטער הארץ, אז פון א פרייסי־שען פאדריאטשיק האבען די פראנצויזען געמאכט א קוילען־טרעגער. מאיר'ל האט פאר'ן אדמיראל דערצעהלט אלס, וואס מיט איהם האט זיך דא פאסירט, ער האט אנגערופען זיין פאלק מיט זיין פאלקאווניק. דער אדמיראל האט באלד דער־קאנט אז זיינע רייד זענען אמת, ער האט מיט איהם גרוים מיטלייד געהאט. דאס ערשטע האט דער אדמיראל איהם געשאפט שעהנע מלבושים. מאיר'ל האט זיך אנגעוואשען שעהן ריין און האט זיך אנגעטהון די שעהנע מלבושים. דער אדמיראל האט איהם א קלאפ געטהון אין די פלייצעס און האט צו איהם געזאגט: „אט יעצט זעהסטו טאקי שוין אוים ווי א דייטשער קויפמאן".

דער אדמיראל האט מאיר'לען אבגעגעבען אויף דער שיף א בעזונדערע קאיוטא, און האט בעפוילען איהם צו בעזארגען מיט אלעם, עס זאל איהם גאר ניששט פעהלען. און וועגען אהיים פאהרען האט דער אדמיראל צו איהם אזוי געזאגט: „חאטש די מלחמה איז שוין אזוי ווי געקאנטשעט, און דער נצחון איז געוויס פון אונזער זייט, אבער דאך קאן זיין מיר זאלען זיך נאך מיט אונזערע שיפען גאנץ לאנג ארומשווימען אויפ'ן ים. אלזא איז די בעסטע עצה אזוי, דו וועסט דיך דא אויפהאלטען אויף דער שיף, ביז מיר וועלען זיך טרעפען מיט א שיף וואס געהט נאך „נידערלאנדיע". דאן וועט מען דיך אבשיקען נאך „נידערלאנדיא". און פון דארט וועט דיר שוין לייכט זיין נאך פרייסען צו פאהרען". מאיר'ל האט זעהר שעהן בעדאנקט דעם אדמיראל פאר זיין גיטץ וואס ער טהוט מיט איהם, און ער האט זיך אזוי אויפגעהאלטען אויף דער שיף גאנצע צוויי וואכען. דאן האט זיך די פרייסישע שיף געטראפען מיט א דאמפפער וואס געהט נאך „נידערלאנדיא". די פרייסישע שיף האט געגעבען א סיגנאל אויפ'ן דאמפפער ער זאל זיך אבשטעלען, און דער אדמיראל האט געבעטען מען זאל דעם פאסאזשיר אבפיהרען נאך „נידערלאנדיא" און מען זאל איהם ארענטליך בעהאנדלען. ביים געזעגנען האט דער אדמיראל געגעבען מאיר'לען א פאפירעל פון 50 מארק אויף הוצאות און מאיר'ל איז אוועקגעפאהרען.

יעצט וועט מען שוין מאיר'לען אביסעל אבלאזען. לאז ער זיך פאהרען זיין וועגס, און מיר וועלען א קוק טהון וואס איז געווארען פון מאיר'לס פעלצעל מיט די צוואנציג טויזענד מארק, וואס דער פראנצויזישער זעלנער ראנטשאג האט ביי איהם צוגע'גנב'עט.

אזוי ווי די פראנצויזען האבען געזעהן אז דער פרייס האט זיך גענומען פעסט צו די קונצען, און שלאגט זיי אויפ'ן רעכטען אמת, האבען זיי אנגעהויבען צוזאמען ציהען, אלע זעלנער, פון די אינזלען, פון די קאלאניעס, כדי זיי זאלען זיך קאנען פעסט אקעגען שטעלען קעגען פרייס. איז אויסגעקומען אז דער באטאליאן פראנצויזישע זעלנער וואס האבען זיך געפינען אויף דעם קליינעם אינזעל, וואו מאיר'ל האט זיך אויפגעהאלטען, זענען אויך געגאנגען אין דער מלחמה אריין. דער ראנטשאג האט זיך אנגעטהון פון אינטען מאיר'לס פעלצעל, און פון אויבען דעם זעלנערישען מאנדיר, אזוי נאך איז ער געגאנגען אין דער מלחמה אריין. דער סוף פון דעם באטאליאן זעלנער איז אויך זעהר נישט גוט געווען.

האלב

האלב זענען אויסגע'הרג'עט געוואָרען, און האלב זענען געפֿאַנגען געוואָרען צו די פּרייסען. די פֿראַנצויזישע זעלנער וואָס זענען גענומען געוואָרען אין פּלען צו די פּרייסען, האָט מען זיי ענטוואָפֿענט, און מען האָט זיי אַריינגעשיקט אין טיעף פּרייסען. פֿיעל האָט מען פֿערשיקט קיין פּאָזען און פֿיעל קיין ברעסלוי.

צווישען די פֿראַנצויזישע זעלנער, וואָס זענען אָבגעשטעלט געוואָרען אין ברעסלוי, האָט זיך געפֿונען דער זעלנער ראָנטשאַג מיט מאיר'לס פּעלצעל. דעם זעלנער האָט אפילו נישט גע'חלומ'ט, אַז אין דעם פּעלצעל ליגט בעהאַלטען צוואַנציג טויזענד מאַרק. דאָס איז זעלבסט פֿערשטענדליך, אַז חאָטש דער פּרייס האָט געגעבען עסען די פֿראַנצויזישע זעלנער, איז עס נאָר געווען אַבי זיי זאָלען נישט שטאַרבען פֿאַר הונגער. אַלזאָ פּלעגען די פֿראַנצויזישע זעלנער אַרוים צו געהן אויף אַ פּלאַץ, ווען ס'איז געווען יריד אָדער טאָרג, און זיי האָבען פֿער־קויפֿט פֿערשידענע זאַכען, וועלכע זענען נישט געווען פֿאַר זיי שטאַרק נויטיג, כדי זיי זאָלען האָבען עפּיס געלד צו צוצערען זיך צו די גוטע קעסט, וואָס זיי האָבען פֿון פּרייס בעקומען. אידלעך, שאַכערם האָבען זיך מיט זיי מטפּל געווען און האָבען אָנגעקויפֿט ביי זיי די חפצים. דערנאָך האָבען די שאַכערם פֿערקויפֿט די חפצים אין די געוועלבער אַריין.

ווען ראָנטשאַג איז געווען אין די מלחמה איז נאָך געווען קאַלט, האָט איהם דאָס פּעלצעל גענוצט. אָבער ווען ער איז געווען אין ברעסלוי איז שוין געווען וואַרעם, האָט ער אַרויסגעטראָגען דאָס פּעלצעל אויפֿ'ן טאָרג צו פֿערקויפֿען. אַ אידעל אַ שאַכער האָט עס ביי איהם אָבגעקויפֿט פֿאַר 10 מאַרק. נאָכ'ן טאָרג האָט דאָס אידעל אַריין געטראָגען דאָס פּעלצעל צום פֿערקויפֿען אין מלבושים געוועלב, וואָס משה'ל פּאָדריאַטשיקס ווייב האָט געפֿיהרט. זי האָט איהם געגעבען צוויי מאַרק ריוח און האָט צוגענומען דאָס פּעלצעל. אָבער אַזוי ווי די אויבערציִג פֿון פּעלצעל איז שוין געווען צוריסען, און די מכה פֿון כנים האָט אויך דאָרט נישט געפֿעהלט, האָט די סוחר'טע בעשטימט דעם אויבערציִג אינגאַנצען אָבצורייסען און אַוועק צוואַרפֿען, און נאָר דאָס בלויסע פֿיטערעל אַוועק צוהענגען צום פֿערקויפֿען.

בשעת דעם אָבּרייסען, האָט משה'לס ווייב דערקאָנט דעם מאָנאָגראַם פֿון מאיר'לס נאָמען, וואָרען זי אַליין האָט צוגעהאָלפֿען מאיר'לס ווייב מאַכען דעם מאָנאָגראַם. זי האָט שוין אָנגעהויבען דאָס פּעלצעל בעסער צו בעטראַכטען, און מיט גרויס פֿאָרזיכטיגקייט האָט זי דעם אויבערציִג פֿאַמעלעך אַראָבגעטרענט. דאַן האָט זי דערזעהן עפּיס נאָך אַ שטיקעל אויבערציִג איז צוגענייט צום פֿיטער. זי האָט דאָס אויך פֿאַמעלעך אָבגעטרענט, האָט זי געפֿונען די מנה יפה מיט דער צינק מטבע פֿון איהר מאַנ'ס נאָמען, וואָס דער גרייִדיצער רב האָט די שותפים געגעבען אויף הצלחה. זי האָט גוט געדענקט דעם גרייִדיצער רבי'ס אָנזאָג, אַז וואָס די ווייבער וועלען בעקומען, סיי זאַכען, סיי געלד, פֿון זייערע מענער, זאָלען זיי תיכף דאָס צו איהם ברענגען. און אויף צו מאָרגענס האָט משה'לס ווייב איינגעפּאַקט דאָס פֿיטערעל מיט'ן שטיקעל אויבערציִג פֿון דער מאָנאָגראַמע,

די

די פיער אסיגנאציעס צו פינף טויזענד מארק מיט די צינק-מטבע האט זי אויך מיטגענומען, און איז בסוד אוועק געפאהרען קיין גריידיץ.

די ביידע מעשיות, וואס מאיר'לס ווייב האט אוועקגעפיהרט קיין גריידיץ די חאלעווים מיט די פינף און צוואנציג טויזענד מארק, און וואס משה'לס ווייב האט אהינגעפיהרט דאס פיטערעל מיט די צוואנציג טויזענד מארק, איז געשעהן אין איין וואך. אזוי ווי מאיר'לס ווייב איז צוריק אהיים געפאהרען פון גריידיץ, איז ווייטער משה'לס ווייב אהינגעפאהרען קיין גריידיץ, אויפ'ן וועג האבען זיי ביידע זיך געטראפען, און איינע האט זיך געהיטען פאר די אנדערע, זאלען פון די נסים זעלבסט גאר נישט דערצעהלען איינע צו די אנדערע.

משה'לס ווייב האט דערצעהלט דעם גריידיצער רב, ווי אזוי זי האט דאס פעלצעל געקויפט, און פון וועמען עס שטאמט ארויס. דער היילינער צדיק האט צוגענומען בייא איהר דאס געלד מיט די צינק מטבע, זאגענדיג דערבייא מיט א שמייכעל די ווערטער: „נו אז ביידע גנבות ליגען שוין בייא מיר, מעגען שוין ביידע שותפים טאקי אהיים קומען". משה'לס ווייב האט נישט פערשטאנען די רייד פון היילינען צדיק. זי האט ווייטער אנגעהויבען צו וויינען, וואס איהר תכלית וועט זיין. אבער דער היילינער צדיק האט זי באלד בערוהיגט, צוזאגענדיג, אז ביידע שותפים וועלען בקרוב צוזאממען אהיים קומען. זי האט זיך געזעגענט און איז באלד אהיים געפאהרען, שוין אביסעל מיט א פרעהליך הארץ, שפירענדיג, אז ס'איז שוין גאר נאהנט צו איהר הילף.

יעצט וועלען מיר צוריק געהן צו די ביידע שותפים משה'ל און מאיר'ל, און מען וועט א קוק טהון, ווי אזוי זיי האבען אהיים געוואנדערט, במעט אזוי ווי אהן געלד, ווארען משה'ל איז ענטלאפען אינגאנצען נאר מיט צעהן פראנק, און מאיר'ל מיט פינפציג מארק, און אויף אזא ווייטען וועג איז דאס גאר קיין געלד נישט.

משה'ל איז אריבער די פראנצויזישע גרענעץ מיט די פראנצויזישע וואך בשלום, ווארען ער איז זיך געגאנגען גאנץ שטיללע, אלס זעלנער. אונטער מאראקא האט ער זיך איבערגעטהון ציוויל געקליידעט און איז אריין אין שטאדט. דארט האט ער שוין פריי אבגעאטהעמט. דאס ערשטע האט ער זיך גענומען א בריעף אהיים צו שרייבען. אבער דאס איז געוועןאומזונסטע ארבייט. ווארען צוליעב די מלחמה איז פון יענע געגענדען אויפגעהאלטען געווארען די פאסט, וואס האט געדארפט אריינקומען קיין פרייסען. מיט דעם געלד וואס משה'ל האט געהאט בייא זיך האט ער זיך דערשלעפט קוים ביז צום סועדזקע קאנאל. דארט האט ער אנגעווארט אויף א פרייסישע שיף זאל איהם אדורכפיהרען דורך די דארדאנעלען קיין איירא́פא. ער האט זיך קוים דערווארט אויף אזא שיף, און מיט גרויס געבעט און געוויין האט ער קוים גע'פועל'ט בייםשיפס-קאפיטאן, ער זאל איהם אויפנעמען און אריבערפיהרען בחנם קיין איירא́פא. דער שיפס קאפיטאן האט מיט איהם מיטלייד געהאט, אז ער האט פון איהם געהערט, ווי אזוי ער איז, אלס פרייסישער פאדריאטשיק מיטגעפאהרען אויפ'ן מלחמה פלאץ, און איז געפאנגען געווארען דורך די פראנצויזען.

די ים-רייזע האט געדויערט נאהנט פון א חודש צייט, און משה'ל איז זיכ-

געקומען

געקומען אויף דער יבשה קיין רומעניען, אלץ אהן געלד. אין רומעניען האט ער זיך אנגעגעבען צו א וואהלטעטיגען פעראיין, וואס האבען איהם ארויסגעהאלפען, ער זאל קאנען פאהרען ביז פרייסען. משה'ל האט זיך אזוי דערשלאגען ביז די גרויסע פרייסישע שטאדט „קעלן". דארט איז ער ווייטער געבליבען אהן א פרוטה מיט אבגעריסענע מלבושים, צוריסענע שטיוועל, ווי א ווירקליכער ארימאן. ער האט געזעהן אז ער האט נישט קיין עצה, האט ער זיך דארט ווייטער אנגעהויבען צו בעטען ביי א וואהלטעטיגען פעראיין, זאלען איהם זיין בייהילפיג. ווי גע־וועהנליך פעהלט נישט קיין זעלכע ביטעס אין די גרויסע שטעדט, און משה'ל האט זיך אנידערגעזעצט אין דעם זאל פון דעם וואהלטעטיגען פעראיין, ווי ס'קו־מען זיך צוזאממען די מענשען וואס בעטען פערשידענע הילפען.

מאיר'ל ווייטער איז אנגעקומען מיט די בחנם'דיגע שיף קיין „נידערלאנדיע". פון דארט האט ער אנגעהויבען צו ציהען קיין פרייסען. מאיר'ל האט טאקי אויך אין „נידערלאנדיע" באלד אהיים געשריבען א בריעף, אבער צוליעב די מלחמה איז נאך אלץ קיין ארדנונג נישט געוועזען אין דער פאסט, וואס האט געדארפט אריין קומען קיין פרייסען, אזוי אז מאיר'ל איז נאך פריהער אהיים געקומען ווי זיין בריעף. דאס געלד וואס מאיר'ל האט מיט געהאט האט איהם אוך נישט לאנג געקלעקט, און איידער ער איז נאך אריינגעקומען קיין פרייסען, איז ער געבליבען אהן א פרוטה. מאיר'ל האט זיך אויך געמוזט ווענדען אין עטליכע שטעדט צו די וואהלטעטיגע פעראיינען, זיי זאלען איהם זיין בייהילפיג. און אזוי נאך האט זיך מאיר'ל דערשלאגען אויך ביז די גרויסע פרייסישע שטאדט „קעלן". דארט איז ער אויך ווייטער געבליבען אהן א פרוטה, אבגעריסען, אבגעשליסען, ווי א ווירקליכער ארימאן. און ער האט זיך אויך געמוזט ווענדען צו דעם זעלבען וואהלטעטיגען פעראיין וואס משה'ל האט זיך אנגעגעבען. מאיר'ל איז אויך אריינ־געקומען אין דעם זעלבען זאל ווי משה'ל איז געזעסען צווישען אנדערע מענשען, וועלכע זענען געקומען בעטען הילף, און דארט האט זיך מאיר'ל אויך אניד־ער־געזעצט.

ווארטענדיג אויף די פארשטעהר פון דעם וואהלטעטיגען פעראיין, זענען די אלע מענשען געזעסען און דערווייל געשמיעסט צוזאממען וועלטס ביעס. צווישען זיי האט משה'ל א גרויסען אנטהייל גענומען. ער האט זיך צו יעדען אנגערופען און כמעט יעדען קריטיקירט. עפיס א קלייניגקייט נאך אזא וועלטס־רייזע ווי ער האט דא געמאכט איז ער דאך געווארען א ווירקליכער פא־ליטיקער. מאירל'ן איז משה'לס קול עפעס זעהר בעקאנט געוועזען. ער הויבט זיך אויף און געהט צו נעהנטער. גוט א קוק. עפעס א בעקאנטער. ער הויפט זיך אהן גוט אריינצוקוקען אין משה'לס פנים אריין. משה'ל האט ווייטער אויך באלד באמערקט, ווי עפעס א בעקאנט פנים קוקט איהם אזוי שטארק אהן. זיי ביידע האבען זיך אנגעהויבען גוט אנצוקוקען אזוי ווי צוויי הענער. אבער יעדער האט געשוויגען, מורא האבענדיג אנצורופען דעם אנדערענס נאמען, אפשר האט ער א טעות.

דאס געדולט האט אבער פלוצלונג געפלאצט און ס'איז געהערט געווארען

צוויי

צוויי הויכע אויסגעשרייען: משה'ל! מאיר'ל! דערביי איז באלד געוואָרען אַ געשריי צווישען פובליקום: „געוואלד! צוויי מענשען חלש'ן".

משה'ל און מאיר'ל זענען דורך די מענשען דערמינטערט געוואָרען. אַז זיי זענען געקומען צו זיך, האָבען זיך הערשט שלום געגעבען און האָבען זיך צוקישט מיט טרערען אויף די באַקען. דער פעראיין האָט זיי שטיצע געגעבען, זאָלען האָבען אויף דער הוצאה ביז ברעסלוי. אָבער אַז זיי האָבען זיך פונאנדער געשמועסט און איינער האָט דעם צווייטען דערצעהלט זיין מגילה מיט'ן פעקעל צרות, האָבען זיי זיך מגלה סוד געווען איינער דעם אנדערען פון די גנבות. זיי האָבען שטאַרק בעדויערט וואָס זיי האָבען עובר געווען אויפ'ן תקיעת כף, וואָרען זיי האָבען גאַנץ גוט פערשטאַנען, אַז נאָר צוליעב דעם איז אויף זיי געקומען די גרויסע צרות. ביי זיי איז געבליבען זאָלען נישט פלוצלונג גלייך אהיים פאָהרען, נאָר זיי זאָלען ביידע אַהיים דעפּישירען, און זאָלען דערווייל פאָהרען קיין גריידיץ.

דער גריידיצער רב האָט זיי מקבל פנים געווען מיט גרוים שמחה. דאָס געלד האָט ער זיי איינגעטיילט און האָט צו זיי געזאָגט: „נו אַצינד מעגט עטץ גטאַקי ווייטער האַנדלען בשותפות, וואָרען איך בין שוין בטוח, אַז עטץ וועט שוין נישט גנב'ענען איינער אונטערן אנדערן". די צוויי מטבעות אויף הצלוחה האָט ער אויך זיי צוריק געגעבען, און האָט זיי געהייסען באלד אַהיים פאָהרען.

ווען משה'ל און מאיר'ל זענען אַהיים געקומען קיין ברעסלוי איז געווען „ותהום כל העיר". אין אַלע שטיבען האָט מען דערצעהלט זייערע נסים. זיי האָבען טאַקי געפאָלגט דעם גריידיצער רב, און האָבען ווייטער געהאַנדעלט בשותפות. אָבער גאָר ערליך. דאַדורך האָבען זיי טאַקי שטאַרק מצליח געווען און האָבען אויסגעלעבט זייערע יאָהרען מיט גרוים עשירות און מיט פיעל גוטץ.